STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00323

SHRIFTEN

Morris Rosenfeld

Permanent preservation of this book was made possible by
Morris & Thelma Feller

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דיא אינטערנאציאָנאלע ביבליאָטהעק

THE WORKS OF MORRIS ROSENFELD VOL. I.

שריפטען

פון

מאררים ראזענפעלד

ערשטער באַנד

(פאָעזיע)

ארויסגעגעבען פון

א. מ. יעוואַלענקאָ, ניו יאָרק

Copyright, 1908
By A. M. Evalenko, Publisher

צו דער „פאָרווערטס“ אויסגאַבע

ספּעציעל געשריעבען פון דיכטער.

ווען איך בלעטער דורך אין מײנע געדאַנקען דיא לײדענסגעשיכמע פון מײן דיכטען און שאַפען; דיא פערצווײפעלטע מלחמות מיט זעהר טרויעריגע אומשטענד׳ען; מיט אַלערהאַנד שונאים און אַ סך מאָל מיט זיך אַלײן. — ווען איך פאַנג אָן דאָס אַלעס נאָכאַמאָל גײסטיג דורכצולעבען, גלויבט זיך מיר קוים, אַז איך שרײב יעצט דאָס פאָרוואָרט צו אַזאַ ריעזיגע אויפלאַגע פון מײנע שריפטען, וואָס איך האָב מיר קײנמאָל ניט פאָרגעשטעלט.

איך געדײנק נאָך פונקט וויא דאָס וואָלט הײנט פּאַסירט, וויא איך האָב גרויס רחמנות געהאַט אויף מײן פערלעגער, וועלכער האָט מיט אַ זעקס יאָהר צוריק געקויפט דעם ערשטען באַנד פון מײנע ליעדער. איך האָב געקוקט אויף איהם וויא אויף אַ מערטירער. דאָס האַרץ האָט מיר וועה געטאָן אויף דעם אונפּראַקטישען מענשען, וואָס לײגט ארײן לעבעדיגע הונדערטער אין אַ טויטע סחורה... איך האָב אַ לאַנגע צײט געהאַט געוויסענביסען, אַז צוליעב עטליכע דאָלאר און צוליעב ליטעראַרישע אַמביציע האָב איך אָבגענאַרט אַ אידען...

אין אמת׳ן, ווער וועט דאָס צאָהלען אַ דאָלאר פאר אַ בוך מיט אידישע ליעדער? מען לעזט אַ אידישע צײטונג, א אידישען שונד־ראָמאַן, אַ טהעאַטער קופּלעט, אָבער פּאָעזיע? וואו נעהמט מען דערפאַר אַן עולם? איך בין שוין אפילו דעמאָלט געווען גוט בעקאַנט אין דער וועלט, דאָך האב איך ניט געגלויבט, דאָס איך בין שוין ווערט פאר אַ אידישען לעזער אַ דאָלאר... עס איז מיר געווען אונמעגליך צו דענקען דאָס מיר האָבען שוין אַ לעזע־קרײז פאר פּאָעטישע ווערק אין מאַמע־לשון. איך האָב זיך געשעמט צו קוקען מײן פערלעגער אין דיא אויגען, גלויבענדיג, דאָס איך האָב איהם אַ גרויסע רעה געטאָן. עס איז קײן וואונדער, וואס איך האָב אזוי געדײנקט, דען מײן בוך איז גע־

ווען דאָס ערשטע און איינציגע ליעדער־בוך אויפ'ן אידישען ביכער־מאַרק, וואס האָט געקאָסט אזוי טייער... דאָס איז איבערהויפּט געווען צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלקס־ליטעראַטור, וואס אַ פערלעגער האָט אָבגעקויפט פון אַ דיכטער אַ בוך מיט געדיכטע, וואָס ווערען ניט געזונגען, נור געלעזען, און האָט דערפאר בעצאָהלט דעם פערפאַסער עטליכע הונדערטער.

מיין טעות האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען אזוי שנעל וויא דאָס ווערק איז ארויס פון דרוק. מיינע געזאַמעלטע ליעדער, האבען מיר מודה געווען די מוכרי ספרים, פערקויפען זיך זעהר גוט, דאָס בוך האָט דערלעבט אין אַ קורצע צייט מעהרערע אויפלאַגען און איז שטאַרק פערשפּרייט געוואָרען אין אַמעריקא און איירָאָפּא אונטער אַלע קלאַסען לעזער. דאָס פאָלק האָט געגעבען זיין הסכמה און דאס איז דיא בעסטע און עהרליכסטע קריטיק, וואָס ערמוטיגט דעם שרייבער און דעם פערלעגער.

יעצט זיינען ערשיענען מיינע ווערק אין דריי בענדער און האָבען דערלעבט צו דער שטופע, דאָס די גרעסטע טעגליכע אידישע צייטונג אין דער וועלט — דער „פאָרווערטס", זאָל זיי געבען אָלס פרעמיום פאר זיינע לעזער. דאָס איז ניט נור אַ גענוג־טוהונג פאר דעם דיכטער און זיין פערלעגער, זאָנדערן אַ גרויסער זיעג פאר דער אידישער ליטעראַטור און אַ קאָמפּלימענט פאר דיא אידישע מאסען, וואס האָבען זיך געשטעלט אויף אזא הויכע מדרגה פון קולטור און בילדונג. יעצט זעה איך מיט פרייד אין הארצען, אז מיין מיה און מיין אויפאָפּפערונג איז געקרוינט מיט ערפאָלג. איך זעה שוין פאָראויס דעם מאָמענט ווען עס וועלען אין גיכען ערשיינען וויטערע בענדער פון מיינע פּאָעטישע און פּראָזאישע שריפטען און וועלען בעקומען דעם זעלביגען ענטהוזיאַסטישען עמפּפאַנג. איך בעגריס דעם „פאָרווערטס" צו זיין גוואלדיגען סוקסעס, צו זיין אימשטאַנד אוועקצושיינקען זיינע צעהנדליגע טויזענדע לעזער א דריי־דאָללארדיגען סעט ביכער. אזא זאַך איז אַ נייעס אין דער צייטונגס־וועלט פון אַלע פעלקער און מוז דערפאַר ארויסרופען דעם וואַרעמסטען אַפּלאָדיסמענט.

מאָררים ראָזענפעלד

יאָנקערס, נ. י. דעם 28טען פעב. 1909.

ארויסגעבערס פאָרוואָרט

מיט דער יעצטיגע אויסגאַבע „געזאַמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד“, האָבען מיר ווידער געצייגט דעם אידיש־לעזענדען פובליקום אונזער אויפריכטיגע און דורכאויס עהרליכע מיינונג צו ברענגען אויף דעם אידישען ביכערמאַרק דיא בעסטע און שעהנסטע ליטעראַטור. עס בלייבט אַלזאָ אַ'ן אַנערקענטער פאַקט, אַז דיא „אינטערנייש‫אָנאַל לייברערי פּאָבלישינג קאָמפּאַניע“ איז פּאָרלויפיג דיא איינציגע אידישע פּאָבלישינג הויז אין אַמעריקאַ און רוסלאַנד, וואָס האָט גענומען אויף זיך דיא ריעזיגע און ריזיקאַלישע אויפגאַבע צו שאַפען אַ געוועהלטע קלאַס לעזער פיר אַ ערשטע קלאַסע ליטעראַטור אין מאַמע־לשון.

ווען דיעזער פערלאַג איז מיט עטליכע יאהר צוריק צום ערשטען מאָל ערשיענען מיט זיינע פּאָאָר ערנסטע אידישע ביכלאַך, האָט ער זיך פערלאָרען אין דעם גרויסען ים פון אַללערהאַנד שונד, וואָס האָט דאַן געהערשט און געשטורמט אין גאַנץ אַמעריקאַ, און וועלכער האָט איינגעשלונגען איז זיך כמעט אַללע אידישע לעזער. עס האָט אויסגעזעהען זעהר טרויעריג פיר אונז און מיר האָבען שיער פערצווייפעלט. דאָך דיא נאַטור־געזעטצע, אַז דאָס געזונדע און קרעפטיגע זאָל איבערלעבען דאָס קראַנקהאַפטע און שוואַכע, האָבען ריכטיג אויסגעהאַלטען. דיא קרעפטיגע און קערן־געזונדע ביכער פון אונזער פערלאַג האָבען מנצח געוועזען דיא פערדאָרבענע און פערדערבליכע שרייבעריי — מיר האָבען געזיעגט.

דיא שווירינגקייט וואָס דיעזע פּאָבלישינג הויז האָט געהאַט און האָט נאָך ביז אַ געוויסען גראַד יעצט אויך אין דורכשלאָגען

א פרייען, אונגעשטערטען וועג צו אלע אידישע לעזער אהן אויס־נאהמע, איז א דאפעלטע: ערשטענס, דער קאמפף געגען שונד, וועלכער האט זיך אזוי שטארק איינגעווארצעלט אין דיא מוחות פון פיעלע אידישע לעזער; צווייטענס — און דאס איז דיא הויפט־שוויריגקייט — צו דערוועקען דיא אידישע פרעססע פון דיעזען לאנד, זיא זאל אונזערע ווערק רעצענזירען — אזוי וויא, להבדיל, דיא גוים טהוען — און צייגען דער וועלט דעם גרויסען פארטשריט פון אונזער מוטטער־שפראכע און דיא גרויסע נוטצען וואס אונזער פערלאג האט געבראכט פיר אידען איבעראל, וואו מיר האבען זיי נור געקענט דערגרייכען. דיעזער פארווארט איז ניט קיין אדווערטייזמענט און מיר ווילען דא ניט אויסרעכענען דיא וויכטיגע ווערקע פון אונזער קאטאלאג מיט וועלכען מיר מעגען שטאלצירען; דיעזע צייליען זיינען מעהר א׳ן אפיעל צו דיא איני־טעליגענטע אידישע לעזער, אלס א רעקלאמע פיר אונז אליין און מיר ווילען בלויז דערמאהנען, דאס ווען מיר וואלטען נאר ארויס־געגעבען אין אידיש „דיא קולטור־געשיכטע“ דיא געשיכטע פון „דיא גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציאן“, „יציאת מצרים“, דיא ביאגראפיעס פון „אריסטאטעל“, „רמב״ם“, „ר׳ סעדיה גאון“, „ר׳ ישראל בעל שם טוב“ און ענדליך דיא גרויסע זשעניאלע, וועלט ווייט־בעריהמטע „געזאמעלטע ליעדער פון מאררים ראזענ־פעלד“, וואלטען מיר אויך געמעגט אפעלירען צו דער סימפאטהי פון דיא אידישע לעזער און צו דיא אידישע פרעססע זיא זאל אונז געבען דיא ריכטיגע אנערקענונג וואס מיר פערדיענען.

סיי וויא סיי אבער זיינען מיר שטאלץ אויף אונזער ענערגי־שע, אונערמיעדליכע ארבייט, וועלכע האט כמעט ביידע שוויריג־קייטען בייגעקומען. דיא „אינטערנישאנאל לייברערי פאבלישינג קאמפאני“ שטעהט יעצט אין פערבינדונג מיט אלע בוכהאנדלונגען אין דער וועלט און דיא פרעססע הויבט אונז אויך אן צו שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט און וועט האפענטליך אנערקענען אונזער גרויסע אויפאפפערונג פון צייט, מיה און געלד צו גונסטען פון אונזער פאלק.

ד י א   א ר ו י ס ג ע ב ע ר.

פאָרוואָרט

דער מייסטער פון דיזען ווערק האָט מיך, זינדיגען פּראָזאַ־שרייבער, איינגעלאַדען צו שרייבען אַ פאָרוואָרט. ער גלויבט אין דעם אַלטען ווערטעל, אַז „אַ ספר אָהן אַ הקדמה איז וויא אַ גוף אָהן אַ נשמה.“ אבער דיזעס ווערק אָהן אַ הקדמה קען נאָר זיין אַ נשמה אָהן אַ גוף... דען וואָס איז פּאָעזיע, אויב ניט נשמה? און וואָס איז אַ פּראָזאאישער פירוש אויף איהר, אויב ניט אַ שטיק חומר?

זאָל זיין וויא עס וויל, דעם דיכטער'ס איינלאַדונג נעהם איך אָן. איך טהו עס ניט בלויז צו בעפריעדיגען ז י י ן פערלאַנג, נאָר אויך מ י י נ ע ם. עס איז אַ געַנוס פיר מיין פעדער צו בעריהרען אַ ווערק, וועלכעס איז פערבונדען מיט דעם פאָרטשריט פון דער אידיש־דייטשער ליטעראַטור אין אַמעריקאַ.

מיין טהעמאַ פיר דיזעס פאָרוואָרט איז: מאָררים ראָזענ־פעלד און זיין פּאָעזיע. זאָל דאָס פובליקום, וואָס לעזט דיא פאָרליעגענדע געדיכטע, וויסען מיט וועמען און מיט וואָס עס האָט צו טהאָן.

מאָררים (משה יעקב) ראָזענפעלד איז געבאָרען געוואָרען דעם 28טען דעצעמבער 1862 אין באָקשאַ, אַ דאָרף דריי מייל ווייט פון סעני, סובאַלקער גוּבערניע, פוילען. זיין זיידע, זיין פאטער און פיעלע אנדערע, וועלכע האָבען געהערט צו זיין פאמיליע, זיינען געוועזען פעכטער פון פיש־טייכען. ווען ער איז נאָך געוועזען אַ קינד האָבען זיינע עלטערן איבערגעצויגען נאָך ווארשאַ. וויא אַלע אידישע קינדער פון יענער צייט האָט ער געקריגען זיין ערציהונג

אין חדר, וואו ער האט געלערנט אביסעל תנ"ך און גמרא. אויסער דיזע געגענשטענדע האט ער אביסעל געלערנט פויליש און דיימש.

אין 1882, דאס יאהר פון דער גרויסער אידישער אויסוואנדערונג פון רוסלאנד, איז אויך ראזענפעלד געווארען אנגעשטעקט מיט דעם גייסט פון וואנדערן, און אין דעם האט ער ארויסגעוויזען דיא אונרוהיגע נאטור פון דעם דיכטער. ער איז אוועק נאך אמסטערדאם, האללאנד, און אין דריי מאנאטען ארום איז ער פון דארטען אוועק נאך אמעריקא און איז נאך א קורצער פערוויילונג געקומען צוריק; אין 1883 איז ער געגאנגען נאך לאנדאן, ענגלאנד, און אויך פון דארטען איז ער נאך א קורצער צייט (6 מאנאטען) געקומען צוריק אין פוילען. אין לאנדאן איז ער דעם זעלביגען יאהר וויעדער געקומען און האט זיך דארטען בעזעצט. אום זיך און זיין פאמיליע (ער איז שוין דאן געוועזען פערהייראטה) צו ערנעהרען, האט ער זיך דארטען גענומען צו שניידעריי און איז געווארען א'ז ארבייטער אין דיא „סוועט שאפס". זיין לאגע אין לאנדאן איז איהם ניט געפעלען געווארען און ער איז נאך דריטהאלבען יאהר, אין 1886, אוועק נאך ניו יארק, וואו ער געפינט זיך ביז היינטיגען טאג. היער, וויא אין ענגלאנד, האט ער זיך עטאבלירט אלס „סוועט שאפ" שניידער.

ראזענפעלד'ס מוזע האט זיך צום ערסטען מאל אויסגעדריקט אין שריפט אין זיין זעכצעהן־יעהריגען אלטער. מיט פינף או צוואנציג יאהר צוריק האט ער פערפאסט א גערדיכט, וועלכעס ער האט בעטיטעלט: „דיא זעלנעריי". דיזעס גערדיכט איז קיינמאל ניט ערשיענען אין דרוק, אבער עס איז געוועזען דאס ערסטע, וואס ער האט געשריעבען. זייענדיג אין לאנדאן, ערצעהלט מיר דער דיכטער, האט ער געשריעבען פיעלע גערדיכטע, וועלכע זיינען עבענפאלס קיינמאל ניט געדרוקט געווארען, אבער זיי האבען צירקולירט אונטער דעם עולם. זיי זיינען געוועזען ליעדער צום זינגען.

זיין ווירקליכע דיכטער־קאריערע האט ראזענפעלד אנגעפאנגען ערסט נאך זיין בעזעצען זיך אין אמעריקא. גלייכצייטיג מיט זיין

ארבייט אין דיא שניידער־שאפּס האָט ער אָנגעפאַנגען זיין ארבייט פיר דיא היעזיגע צייטונגס־שאפּס... דאָס ערסטע געדיכט, וואָס ער האָט פערפאַסט אין דיעזען לאַנד, איז געוועזען בעטיטעלט „דאָס יאָהר 1886“ און איז געדרוקט געוואָרען דעם 27טען דעצעמבער 1886 אין דער „ניו יאָרקער יודישער פאָלקסצייטונג“. זייט דאַן זיינען פון איהם אָפּט ערשיענען געדיכטע אין פערשיעדענע יודישע צייטשריפטען, וועלכע זיינען היער ארויסגעגעבען געוואָרען, און ער האָט זיך באַלד געמאַכט א נאָמען. ער איז צו יענער צייט געוועזען זעהר ווילקאָמען, ווייל אמת'ע דיכטונג אין אידיש איז אין אמעריקא דאַן געוועזען א נייעס. דער בעגריף האָט אין אונזערע קרייזען דאַן געהערשט, דאָס דיכטונג איז אַלעס, וואָס איז פערפאַסט אין גראַמען. דיזען בעגריף האָבען דאַן געהאַט ניט נאָר גאַנץ אונוויסענדע פערזאָנען, נאָר אויך מענשען, וועלכע האָבען זאָנסט געקענט שרייבען. מעהרערע פון אונזערע יעצטיגע גוטע פּראָזאַ־שרייבער האָבען זיך דאַן אָבגעגעבען מיט שרייבען „פּאָעזיע“, מיינענדיג אַז אַלעס איז פּאָעזיע, וואָס איז געשריעבען אין גראַמען. עס איז ניט געוועזען, ווער עס זאָל זיי דערמאָהנען, אַז פּאָעזיע (וויא וואָלטער זאָגט) איז דיא מוזיק פון דער זעעלע און אַז עס קען זיין פּאָעזיע אָהן גראַמען און גראַמען אָהן פּאָעזיע. ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען ראָזענפעלד'ס געדיכטע אין אונזערע צייטונגען האָט מען אין דער אידישער פּרעסע פון דיזען לאַנד ערסט אָנגעפאַנגען צו זעהן צוזאַמען מיט גראַמען אויך פּאָעזיע. עס איז, אמת, צו יענער צייט שוין איין דיעזען לאַנד געוועזען דער אונפערגעסליכער עדעלשטאַדט; אָבער ער האָט זיך נאָך דאַן ניט נעלאָזען הערען, און אויסער דעם האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט ראָזענפלד'ס פּאָטישען שוואונג.

צעהן יאהר האָט דער דיכטער געארבייטעט אין דיא שניידער־שאפּס, ניט האָבענדיג קיין אַנדער קוועלע פיר חיונה, און זייט ביי זייט מיט דער נאָדעל האָט אויך פלייסיג געאַרבייטעט זיין פעדער. דיא געדיכטע, וועלכע ער האָט אין דעם פערלויף פון דיזער צייט פערפאסט, זיינען פיעל און צווישען זיי געפינען זיך דיא הויפּט

שעפּפונגען פון זיין טאַלאַנט. עס איז געווען אין דער צייט פון
זיין שניידער־קאַריערע, דאָס ער האָט געשריעבען זיינע ארבייטער־
געדיכטע, וועלכע האָבען איהם געמאַכט אזוי פּאָפּולער. דיזע
געדיכטע זיינען געשריעבען מיט א'ן אונגעוועהנליכען פייער, אָנ־
געצונדען פון א דאָפּעלטער קרענקונג; דען אלס ארבייטער האָבען
איהם געקוועלט צוויי זאכען: דיא דריקענדע ארבייט אין דעם
קלעגליכען „סוועט שאָפּ“ און דער געדאַנק, דאָס ער, וועלכער איז
בערופען צו זיין א מייסטער פון דער פעדער, זאָל זיין א שקלאַף
פון דער נאָדעל! צו פערווערטהען דיא קראַפט פון זיין פעדער
איז איהם צו יענער צייט געווען אונמעגליך. ביז אכט—ניין יאהר
צוריק איז דיא אידישע פּרעסע אין דיזען לאַנד געווען מאַטעריעל
אין א קלעגליכער לאַגע. ארויסגעבער זיינען געווען אָרים און
שרייבער זיינען געוועזען קלעגליך בעלוינט. אויסערדעם האָבען
געקריגען געצאָהלט נאָר אָנגעשטעלטע; אויסווערטיגע שרייבער
האָבען מיטגעארבייט אומזיסט. פיר יאהרען האָט ראָזענפעלד
נעגעבען זיינע געדיכטע צו צייטונגען אָהן אירגענד וועלכע בע־
לוינונג; און ווען עס האָט זיך אונטערגערוקט דיא צייט, ווען מען
האָט שוין אויסווערטיגע שרייבער אָנגעהויבען וויא עס איז צו
צאָהלען, האָט ער ווען־ניט־ווען בעקומען א דאָלאַר פיר א געדיכט.
וויא אָרים דער שרייבער־פאַך איז דאַן געווען האָט דער דיכטער
זיך געשטרעבט צו ווערען א בעל־מלאכה פון דער פעדער. דאָס
איז איהם אין יענער צייט ניט געלונגען. אין וועג איז איהם
געשטאַנען דער קליינער געברויך פון צייטונגען פיר פּאָעזיע, און
צו שרייבען פּראָזא האָט ער זיך געהאַלטען אונפעהיג. אין דעם
קאַמפּף צו זוכען פּרנסה פון זיין געבאָרענעם טאַלאַנט האָט ער
צייטענווייז אונטערבראָכען זיין ארבייט אין דיא שניידער־שאָפּס
און האָט געוואַנדערט איבער שטעדט וויא א טרובאַדור, פאָרצו־
לעזען און פאָרצוזינגען זיינע געדיכטע; ער האָט זיך אויך אָנ־
געטהאָן כחות און האָט פערזוכט ארויסצוגעבען זאַמלונגען פון
זיינע געדיכטע. דיזעביידע בעמיהונגען זיינען געבליבען אָהן
ערפאָלג. פון דיא זאַמלונגען, וועלכע ער האָט ארויסגעגעבען זיינען
געווען: „דיא גלאָקקע“ (1888) און דיא „בלומענקעטטע“ (1890).

ערביטערט איבער זיין שיקזאל האט ראזענפעלד אין 1894 ארויסגעגעבען א וואכענבלעטעל מיט דעם טיטעל „דער אשמדאי“, אין וועלכען ער האט אונבארמהערציג אנגעגריפען ניו יארקער אידישע ארויסגעבער און שרייבער. די קריטיקען, וועלכע ער האט דארטען געשריעבען האבען ארויסגעוויעזען ניט ווייניג קונסט, אבער אין זיי איז געווען צו פיעל גאל מען זאל זיי קענען בעטראכטען אלס אונפארטייאיש און גערעכט. דאס בלעטיל האט ארויסגעוויעזען די רייצבארע נאטור פון דעם דיכטער אין איהר פולכמיער געשטאלט. דאס בעסטע און דאס ריינסטע אין דעם „אשמדאי“ איז געווען זיין געדיכט „לאטוטים“ (דער פליקער), וועלכעס איז געווען אז אנטווארט צו געוויסע שרייבער, וואס האבען איהם גענעקט, איהם אויפגעווארפען מיט די נעמען „שניידער“, „לאטוטים“. דיזעס געדיכט איז געבליעבען אונשטערבליך אין די מוחות פון זיינע געגנער. כאראקטעריסטיש איז געווען דאס מאטטא, וואס האט בעגלייטעט דעם טיטעל פון דיזען בלעטעל. דיזעס איז געווען דער ביבלישער פערז „הך הכפתור וירעשו הכפים“ (עמוס ט׳ א׳) מיט דער ניט־ווערטליכער איבערזעצונג אין אידיש: „האק אין מארדע אז די צייהנער זאלען טרעטששען“!

אין 1897 האט ראזענפעלד ארויסגעגעבען א בעדייטענדע זאמלונג פון זיינע געדיכטע מיט דעם טיטעל „דאס ליעדער־בוך“. די אונטערנעהמונג האט ניט געהאט קיין מאטעריעלען ערפאלג — דעם ערפאלג, וועלכען ער האט דאן געזוכט — און דער דיכטער איז געווען אין א פערצווייפעלטער לאגע. ער האט זיך געזעהען פערזאורטהיילט צו א קוואלפאלען לעבען ביי דער שניידעריי, און ער וואלט ביי דיזען אונגליקליכען פאך פערבליעבען ביז היינטיגען טאג, ווען א גליקליכער צופאל וואלט איהם דערפון ניט בעפרייט.

קורץ נאך דער ערשיינונג פון דעם „ליעדער־בוך“ האט ראזענפעלד אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון לעא וויענער, פראפעסאר פון סלאווישע שפראכען פון הארווארד אוניווערזיטעט אין קעמברידזש, מאסס. דיזער פראפעסאר איז היגגעריסען געווארען פון דעם דיכטער׳ס טאלאנט און ער האט בע־

שלאסען בעקאנט צו מאכען זיין דיכטונג אויסערהאלב דעם אידיש־שפּרעכענדען קרייז. דיזען בעשלוס האט ער אויסגעפיהרט דעם פאלגענדען יאהר, ווען ער האט ארויסגעגעבען א זאמלונג פון ראזענפעלד'ס געדיכטע מיט ענגלישע איבערזעצונג בעטיטעלט "SONGS FROM THE GHETTO" (באסטאן, 1898). *) דיזע זאמלונג האט געמאכט א רושם אין דיא ענגליש־שפּרעכענדע ליטערארישע קרייזען און האט ארויסגערופען פון דער פּרעסע פון לאנד בעוואונדערונג פיר ראזענפעלד'ס מוזע. זייט דאן איז דיא מאטעריעלע לאגע פון דעם דיכטער געווארען בעדייטענד בעסער. עס האבען זיך געפונען וואהלטהעטיגע פריינדע פון ליטעראטור, וועלכע האבען איהם געשטעלט אויף דיא פיס. דורך דיא אנערקענונג, וועלכע ער האט געקריגען פון ניט־אידישע קרייזען איז זיין נאמען אויך געשטיגען אונטער אידען. ער האט זיך געזעגענט מיט דעם „סוועט שאפּ" און פיר זיין ווייטערע בעשעפטיגונג האט ער זיך געוועהלט צייטונג־שרייבעריי, צו וואס עס איז איהם דורך זיין געשטיגענע רעפּוטאציאן געווען לייכטער צוצוקומען. ער האט ענטדעקט, אז ער בעזיצט אויך דיא פעהיגקייט צו שרייבען פּראזא און ער איז ארייין אין דיא אידישע זשורנאליסטען גילדע.

דיא "SONGS FROM THE GHETTO" האבען ראזענפעלד'ן בעקאנט געמאכט ניט נאר אין אמעריקא, נאר אויך אין אייראפּא. זיי האבען איהם געמאכט א אינטערנאציאנאלע רעפּוטאציאן. ליטערארישע קרייזען אין דייטשלאנד, פראנקרייך, עסטרייך און אנדערע לענדער האבען אנגעפאנגען צו אינטערעסירען זיך מיט זיינע געדיכטע, וועלכע זיינען פיר זיי געווארען צוגענגליך דורך וויענער'ס איבערזעצונג.

זייט די ערשיינונג פון די "SONGS FROM THE GHETTO"

---

*) אין דיעזער זאממלונג קומט דער אידישער טעקסט אין דייטשע בוכשטאבען פיר דיא נוטצען פון דיא, וואס קענען דייטש. דיא איבערזעצונגען אין פּראזא, אבער זיי זיינען שעהן און קרעפטיג

זיינען ראָזענפעלד'ס געדיכטע בעשפּראָכען געוואָרען אין
פערשיעדענע אייראָפּעאישע לענדער אונ איבערזעצט געוואָרען אין
מעהרערע אייראָפּעאישע שפּראַכען. אין 1899 איז איבער דעם
דיכטער ערשינען א לאַנגער ארטיקעל אין "LE TEMPS" פון פּאַריז
מיט אַן איבערזעצונג פון זיין געדיכט „סוועט שאָפּ". שפּעטער,
(אין אויגוסט דעם 1טען, 1902) איז ערשיענען אַ ארטיקעל
איבער איהם מיט איבערזעצונגען פון מעהרערע פון זיינע געדיכטע
אין דער פראַנצויזישער מאָנאַטשריפט "REVUE DE PARIS" בעזאָנ־
דערס גרויס איז דיא אויפמערקזאַמקייט, וועלכע דיא ליטעראַרישע
וועלט האָט איהם געשענקט אין דייטשלאַנד און עסטרייך. אין
בערלין האָט בערטהאָלד פייוועל ארויסגעגעבען אַ בעדייטענדע זאַמ־
לונג פון זיינע געדיכטע אין דייטשער איבערזעצונג מיט דעם טיטעל
„ליעדער דעם געהעטטאָ". דיעזער איבערזעצער איז געוועזן אזוי
ענטהוזיאַסטיש פיר ראָזענפעלדס טאַלאַנט, דאָס ער האָט זיך גע־
זעצט אין פערבינדונג מיט דעם בעריהמטען צייכנער, ע. מ. ליליען,
און האָט דאָס ווערק געלאָזען ערשיינען אין פּראַכטאויסגאַבע מיט
פאַנטאַסטישע איללוסטראַציאָנען. דאָס בוך איז בעגלייטעט מיט
אַ'ן ענטהוזיאַסטישען פאָרוואָרט פון דעם איבערזעצער. אין דיעזען
פאָרוואָרט זאגט הערר פייוועל, דאָס „מיט דעם פאָרליעגענ־
דען בוך צום ערסטען מאַלע דער פערזוך געמאַכט ווירד איין
גאַנצעס דיכטערווערק אויס דער יידישען שפּראַכע אינס דייטשע
צו איבערטראַגען". אין בעהמען האָט יאַראָסלאַוו וועכליצקי
(Jaroslav Vechlicky) פּראָפעסאָר פון מאָדערנע שפּראַכע אין דער
טשעכישער אוניווערזיטעט פון פּראַג, דיזען יאָהר (1903) ארויסגע־
געבען א זאַמלונג פון זיינע געדיכטע אין טשעכיש. אין וויען איז
היינטיגען יאָהר ערשיענען אַן אויסוואַהל פון ראָזענפעלד'ס געדיכ־
טע אין פּוילישער איבערזעטצונג פון איזראעל וואַלדמאַנן. ארויסגע־
געבען פון דעם אַקאַדעמישען פעראיין „בר כבבא" אין וויען. אין
רוסלאַנד זיינען ניט לאַנג צוריק ערשיענען מעהרערע פון זיינע גע־
דיכטע אין רוסישע איבערזעטצונג אין א זאַמעל־ווערק, וואָס איז
ארויסגעגעבען געוואָרען פון מאַקסים גאָרקי. זיין נאָמען איז אזוי
ווייט בעוואוסט געוואָרען אין אייראָפּאַ, אז דער קייזערליכער שווי־

שפּיעלער באַראָן אַדאָלף פאָן זאָננענטהאַל האָט דעקלאַמירט זיינע ליעדער צו אַ קאָנצערט אין וויען.

אין דער הינזיכט פון נייגונג אָדער טענדענץ איז ראָזענפעלד פיעללייכט דער מערקווירדיגסטער פון אַלע אידישע פּאָעטען אין אונזער מוטער־שפּראַך. דיא אַנדערע פּאָעטען אין אידיש בויגען געוועהנליך זייער מוזע אין איין געוויסער ריכטונג. עדעלשטאַדט, צום ביישפּיעל, איז געווען אינטערנאַציאָנאַל און רעוואָלוציאָנער; פרוג איז נאַציאָנאַל און קאָנסערוואַטיוו. ראָזענפעלד'ס מוזע האָט ניט קיין בעשטימטע איינצעלנע טענדענץ: זיא איז אי רעוואָלוציאָנער אי קאָנסערוואַטיוו, אי רעליגיעז אי אפּיקורסיש, אי אינטערנאַציאָנאַל, אי נאַציאָנאַל — אַלעס צוזאַמען. מען דאַרף נאָר דורכלעזען זיינע געדיכטע „אַ נבואה צו דיא טיראַנען“, „פערצווייפעלטע קולות“, „אַליין מיט גאָט“, „גאָט איז מיין שפּייזער“, „אַ גלות מאַרש“, „אַ גרוס צו ציון“ אום זיך דערפון צו איבערצייגען. אויב אַ דיכטער איז דער אויסדרוק פון דעם קרייז, אין וועלכען ער האָט געקראָגען זיין ערציהונג, איז ראָזענפעלד'ס מוזע דער ריכטיגער אויסדרוק פון דעם יעצטיגען אידישען גייסט; דען אין איהם ליעגט גראַדע דער ווידערשפּרוך, וועלכער געפינט זיך יעצט אין אונזער פאָלק. דאָך, שטימען נאָך זיינע שעפּפונגען, אין וועלכע עס איז אַריינגעגעבען זיין גרעסטע קראַפט, זיין גרעסטע ענטהוזיאַזמוס, איז ראָזענפעלד אַ'ן אַרבייטער און אינטערנאַציאָנאַלער דיכטער.

פון אַלע פּאָעטען אין אונזער מוטער־שפּראַך צייכענט זיך ראָזענפעלד אויס מיט זיין מייסטערהאַפטער שפּראַך, וועלכע האָט, לויט מיין מיינונג, קיין גלייכען צו זיך אין דער אידיש־דייטשער דיכטערישער ליטעראַטור. זיין דורכשניטליכע שפּראַך איז דווקא ניט ריין אידיש, וויא זיא ווערט געשפּראָכען און געשריעבען אין דער אַלטער היים; זיא איז דיא סאָרט אידיש, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אין דער אַמעריקאַנישער אידישער פּרעססע: אַביסעל געענגלישט און געדייטשט; אָבער זיא קומט ביי איהם אַרויס מיט חן. ער איז אויך מייסטער פון דיא אַלט־היימישע אידיש; דיזע

בענוצט ער איבערהויפט אין הומאָר. זיינע געלונגענע ריטהמען (גראַמען) האָבען פּאָזיטיוו צו זיך קיין גלייכען אין דער גאַנצער אי־דיש־דייטשער ליטעראַטור. —

איך בין פערטיג מיט מיין הקדמה, שליסענדיג דיזען אויפזאַץ דריק איך אויס דעם פערפאסער פון דעם פארליגענדען ווערק מיין איניגסטען דאַנק פיר דיא פרייהייט, וועלכע ער האָט מיר געגעבען, איבער איהם אויסצושפרעכען מיין אָפענהערציגען אורטהייל.

אלכסנדר הארקאווי.

ניו יאָרק, דעצ. 31, 1903.

פון דיכטער צום פאלק

עס איז א גרויסער מאָמענט אין וועלכען א פערפאסער שרייבט דאָס פאָרוואָרט צו זיינס א ווערק. דאָס איז אייגענטליך דער אויגענבליק אין וועלכען דער אוטהאָר פיהרט צו דער חופה זיין גייסטיגעס קינד און גיט עס מיט זיין הייסע, פאטערליכע ברכה. איך ווייס ניט וויא א שרייבער פון דיא אומות העולם פיהלט אין אזעלכע מינוטען, איך ווייס אָבער אז א א י ד י ש ע ר מחבר, א אידישער דיכטער איבערהויפט, איז אין אזא מאָמענט זעהר ערנסט. דיא פּאָעטישע מוזע מיט'ן אידיש-דייטשען לעזער, דאָס איז אפילו א יחוס שידוך און דאָך א גוואלט-שידוך, רבותי. דיא פאנטאזיע — דער בדחן פלוידערט פאר פייער און פאר וואסער, דיא האָפנונגען — דיא אונטערפיהרער טאנצען און האָפּקען און שפּרינגען פון דער הויט; דיא געפיהלען — דיא כלי זמרים אָבער שפּיעלען ניט קיין פרייליכס כאָטש צוריים זיך און אין אלגעמיין זעהט דאָס עפּעס אויס וויא מען וואָלט פערשלייערט א יתומה.....

אלץ וואָס איך קען יעטצט ווינשען און פערלאנגען איז, אז מיינע אידישע ברידער פון נאָהענט און ווייט זאָלען עמפּפאנגען די פּרוכט פון מיין נשמה, וואָס בליהט צווישען דיעזע טאָוולען, מיט דיא זעלבע ליעבע, מיט דעם זעלבען ערנסט און מיט דיא זעלבע געפיהלען וויא דאָס איז געפלאנצט געוואָרען. דיא ענגלענדער, דיא דייטשען, דיא פראנצויזען, דיא טשעכען, דיא פּאָליאקען און פיעלע אנדערע האָבען שוין גענאָסען דיעזע גייסטיגע פּירות און עס איז

זיי געפעלען, איך בין דערמיט צופריעדען, דאָך מיין ה ע כ ס ט ע פרייד, מיין גרעסטער גענוס וועט זיין, ווען מיינע שעפּפונגען וועלען געפינען חן ביי דיא, פיר וועמען זיי זיינען געשאַפען געוואָרען — ביי מיין פאָלק.

אָבוואָהל איז דיעזער זאַמלונג געפינען זיך ניט אַלע מיינע ליעדער, וואָס וואָלטען דאָ געמעגט אויפגענומען ווערען, דאָך איז דאָ פאַראַן דיא מיה פון פיעלע יאהרען און דאָס טיעפע אויפשלוכצען דורך פיעלע וואַכזאַמע נעכט און אונרוהיגע טעג. ווען מיין בליק וואַנדערט דורך דיעזע געדיכטע, דורך דיעזע שטיקער הארץ און נשמה, וואָס האָבען זיך דורכגעריסען דורך מיין פעדער אין פערשידענע צייטען אונטער פערשיעדענע אומשטענדען, ערשיינען מיר מאַנכע פערזען וויא ווייטע, ווייטע קרובים, במעט פרעמדע. דאָ געפינען זיך געדאַנקען און געפיהלען וואָס זיינען ביי מיר געקומען צום אויסדרוק מיט לאַנגע יאָהרען צוריק און זיי שטעהען זייט ביי זייט מיט געדיכטע וואָס איך האָב ערלעבט אין דיא לעצטע פּאָר יאהר, זיי זיינען אבער אַ ל ע מיינע קינדער, איך ליעב זיי אַ ל ע גלייך, ווייל זיי זיינען טהיילען פון מיין אייגענעם לעבען אונטער אַלערהאַנדיגע איינדריקע, פון מיין אונגעראַטהענעם שיקזאַל. איך וויל ניט פערלייקענען קיין איינציגען פון מיינע טרעהרען און מיין יעדער זיפץ איז אין דיעזען בוך פערצייכענט. איך בעהאַלט זאָגאר ניט מיינע תרעומת אויף דער השגחה אין דיא צייטען פון מיין זעהר, זעהר טרויעריגען עקסיסטענץ. און איך פערענטפער ניט זאָגאַר מיינע ביטערסטע געלעכטערס. איך צייג מיין פאָלק מיין ג אַ נ צ ע הארץ, איך עפען איהם אויף מיין גאַנצע זעעלע כדי עס זאָל מיך קענען פון אַלע זייטען און אורטהיילען איבער מיין גאַנצען „א י ך“.

איידער איך שליס מיין פאָרוואָרט דאַרף איך ניט פערגעסען אויסצושפּרעכען מיין הערצליכען דאַנק און מיין האָכאַכטונג צו מיין האָכפערעהרטען און טהייערען פריינד, דעם בעריהמטען געעהרטען און פילאָלאָג, פּראָפעסאָר לעאָ וויענער, פון האַרוואַרד אוניווערזיטעט, וועלכער האָט מיך דער ערשטער ארויסגעפיהרט פון

דעם ענגעז גהעטטאָ קרייז אין דער גרויסער וועלט. איך האָב פאָר־
לויפיג אויסער אַ מאָראַלישע געזונגטהואונג פון מיינע ווערקע כמעט
גאָר ניט געהאַט, אָבער איך בין צופריעדען, און פיר דיעזע צופריע־
דענהייט מוז איך דאַנקען פריהער דעם בעשעפער, וועלכער האָט
מיר אָנפערטרויט זיין הימלישע טאָכטער פון געזאַנג אלס מיין
גייסטיגע לעבענס־בעגלייטערין און נאכהער מיין טהייערען פריינד,
וועלכער האָט געגעבען מיין גייסט אַ גרעסערעם פעלד אויסצו־
שפרייטען זיינע פליגעל. איך מוז אויך אין דיעזען פאָרוואָרט
אויסדריקען מיין איניגסטע אַנערקענונג און דאַנקבארקייט צו מיין
ווערטהען דייטשען איבערזעטצער דעם בעגייסטערטען דיכטער
בערטהאָלד פייוועל און צו מיין האָכגעעהרטען מאַלער, א. מ. ליליען
דעם ערשטען פיר זיינע מייסטערהאַפטע איבערזעטצונגען פון דיעזע
ליעדער אין דייטש און דעם צווייטען פיר זיינע זינרייכע און גייסט־
רייכע צייכנונגען צו דער דייטשער אויסגאַבע. איך טאָר אויך ניט
פערגעסען צו בעדאַנקען דיא אַרויסגעבער פון מיינע געזאַ־
מעלטע ליעדער, פיר זייער אַנערקענונג פון אידישען טאַלאַנט און פיר
זייער ריזיקאַלישע אונטערנעהמונג אַרויסצוגבען צום ערשטען מאָל
אין אַמעריקאַ, אַ גרויסע פאָעטישע זאַמלונג אין אידיש־דייטש. עס
איז אויך מיין פפליכט און שולדיגקייט אין דיעזער הקדמה צו דער־
מאָהנען צום גוטען דעם ווירדיגען געלעהרטען, דר. עדווארד ר. א.
זעליגמאַן, פראָפ. אויף סאָציאַלע עקאָנאָמי און פינאַנס אין קאָלאָמ־
ביאַ אוניווערזיטעט. דיזער בעריהמטער קענער און מעסינאַט איז
פיעל מאָל געשטאַנען ביי מיין רעכטע האַנד ווען דער אונבאַרמהער ציי־
נער שיקזאַל האָט מיך געזוכט צו שטירצען צו דר'ערד. מיט זיין
זעלטענעם געפיהל פון מענשליכקייט און גערעכטיגקייט האָט ער
זיך געווענדעט צו מיר און איז געבליעבען מיינער א פריינד.

איך האָב שוין זאָגאַר געדאַרפט שליסען מיין פאָרוואָרט אין
דער זעלבער פראָזאַאישער פאָרם אין וועלכער איך האָב עס אָנגע־
פאַנגען, אָבער וויא זאָגט אַז אַלטעם שפריכוואָרט: „אַ וואָלף'ס
נאַטור ציהט צום וואַלד“ און איך פיהל אַז איך פאַנג אָן צו פער־
בלאָנדזשען אין ריפמען. נייז, איך קען מיך ניט בעהערשען און

זיך ניט לויזרייסען פון דער אַלטער, יאָהרענלאַנגער געוואוינהייט און איך ענדיג מיט אַ ליעד:

איך בין דאָ וויא דיא שוואַלב גאַנץ פריה געקומען
אָ בשורה פון אַ נייעם מאַי צו ברינגען:
איך האָב געוועקט דיא אונגעבאָר'נע בלומען,
אַ טויטע וועלט אַוועק געשיינקט מיין זינגען.

איך האָב מיין פולע זעעלע אויסגעגאָסען
אויף יענעם פעלד, וואָס האָט געדאַרפט נאָך בליהען,
איך האָב אליין מיין יונגען ליעד גענאָסען,
עס איז קיין הארץ געוועזן פיר מיר צו גליהען.

מען האָט מיר ניט געטרויט מיין העלען טרילער;
מען האָט געזוכט מיין חלום צו פערשפּאָטען:
„וואָס דארף ער דאָ? וואָס זוכט ער און וואָס וויל ער?
ער איז פערפיהרט, עס זיטצט אין איהם דער שטן.

„וויא קען אָ טוידטער באָדען טראָגען פפלאַנצען?
וויא קומט א ווילדע שפּראַך צו שעהנע ליעדער?
וויא קען דער פּראָסטער שטיין וויא דימאַנט גלאַנצען?
וואָס דולט ער אונז מיט זיין פאַנטאַזיע ווידער?"

דאָך ווייגענדיג האָב איך געלאַכט מיט טרעהרען,
און שטאַרקער האָט מיין ליעד גענומען ברענען......
זיי האָבען ענדליך מיך געמוזט דערהערען,
דער שפּאָטער האָט געמוזט מיין קראַפט דערקענען.

דער „טויטער באָדען" האָט געוויזען לעבען,
דיא „ווילדע שפּראַך" האָט זיס און ליעב געקלונגען,

דער „פראָסטער שטיין“ האָט העלען גלאַנץ געגעבען,
וואָס האָט דורך אַלע וועלטען דורכגעדרונגען.

עס האָט מיך ניט פערפיהרט דער בייזער שטן,
דיא העכסטע וואהרהייט האָט דורך מיר געשפּראָכען,
אַ גרויסע קראַפט האָט זינגען מיר געבאָטען, —
מיין ליעד האָט זיך וויא לאַוואַ דורכגעבראָכען.

עס זיינען שטום געבליעבען מיינע שפּאָטער,
און מאַנכער האָט געבעטען אום פערגעבונג.
איך האָב פערגעבען, ביסט מיין עדות, פאָטער!
דען מענשענליעבע איז מיין העכסטע שטרעבונג.

אַ דאַנק דיר, גאָטט, איך האָב דעם קאַמפּף געוואונען!
איך הער פאַר מיר מיליאָנען הערצער שלאָגען, —
איך האָב מיט שמערץ געזוכט, מיט פרייד געפונען
דאָס ריינע ליכט, וואָס וועט מיין נאַכט בעטאָגען.

מאָררים ראָזענפעלד.

יאָנקערס, נ. י., יאַנואַר, 1904.

אינהאלט פערצייכנים:

ארבייטער און פרייהייטס־ליעדער:

דיא איינשווערונג — 3
דער טרעהרען־מיליאָנער — 7
דיא סוועט שאפּ — 8
דער בלייכער אַפּרייטאָר — 12
אַ טרעהר אויף'ן אייזען — 14
מיין אינגעלע — 16
פערצווייפלונג — 19
אין שאפּ און דער היים — 22
צו דער געליעבטער — 25
וואָס איז דיא וועלט — 27
מיין רוהע פּלאַטץ — 29
וואוהין (צו אַ מיידעלע) — 30
דיא נאַכטיגאַל צום אַרבייטער — 22
דאָס ליער פון מאַשינען — 35
דער אַלטער שניידער — 37
מיט מיין קינד — 39
דיא ערשטע ווידזשעס — 41
דיא פערפיהרטע — 45
דיא כלה פון דיא בערג — 48
דיא סוועט שאפּ — 51
דיא אָרימע געזינד — 52
פערצווייפעלטע קולות — 56
שיסט דיא בעסטיע — 58

דער לייב — — — — — — — — — — — 60
אין סטרייק — — — — — — — — — — 62
דערטרונקען — — — — — — — — — — — 63
אויפ'ן טויטענגאָרטען — — — — — — — — 68
צו דיא וועלט־פערשלינגער — — — — — — — 72
דער ברעדלי מאַרטין באלל — — — — — — 74
אַ טרוים — — — — — — — — — — 78
פעדער־שקלאַפעריי — — — — — — — — 80
פערקויפט — — — — — — — — — — 82
אַלץ איינס — — — — — — — — — — 84
א חבר — — — — — — — — — — — 85
דער גהעטטאָ בוים — — — — — — — — 87
צו דיא בלומען אין הערבסט — — — — — — — 89
אין טרוים — — — — — — — — — — 91
א נבואת — — — — — — — — — — 92

נאַציאָנאַלע און פאָלקס־ליעדער:

ירושלים — — — — — — — — — 96
אין זיין האַנד — — — — — — — — — 98
אַ גלות מאַרש — — — — — — — — 100
שבת חזון — — — — — — — — — 102
אַ תפילה — — — — — — — — — 103
אברהם'לע — — — — — — — — — 105
א נבואה — — — — — — — — 107
אונזער שיף — — — — — — — — — 110
ספירה — — — — — — — — — — 112
דער אידישער מאַי — — — — — — — — 115
אויפ'ן בוזים פון ים — — — — — — — 121
דאָס בייםקען — — — — — — — — — 126
אַ וואַנדער־ליעד — — — — — — — — 128
קינות — — — — — — — — — — 130

דיא חנוכה־ליכט — — — — — — — — 132
פעלד מעסטען — — — — — — — — — 135
גאָטט און דיא כנסת ישראל — — — — — 137
קידוש לבנה — — — — — — — — — 141
שולמית — — — — — — — — — — 144
יהודית — — — — — — — — — — 152
דיא כת לצנים — — — — — — — — — 163
דיא ערשטע טבילה — — — — — — — — 167
דער ממזר — — — — — — — — — 169
צו אַ לויפיגען וואַסער — — — — — — 171
ציון — — — — — — — — — — 173
ישעיה — — — — — — — — — — 177
איוב — — — — — — — — — — 179
מתן תורה — — — — — — — — — 183
דיא ליכט־פערקויפערין — — — — — — 187
יום כפור צו מנחה — — — — — — — — 191
אוים יום טוב — — — — — — — — — 192
צום פאָלק — — — — — — — — — 193

לירישע ליעדער:

דער פאָעט — — — — — — — — — 196
זכרונות — — — — — — — — — — 198
הערבסט־בלעטלאַך — — — — — — — — 203
אלול מעלאָדיען — — — — — — — — 206
גראָע האָאַר — — — — — — — — — 211
ווינטער — — — — — — — — — — 212
דיא נויטה און דער דיכטער — — — — — 216
מעשה בראשית — — — — — — — — — 219
צו מיין עלענד — — — — — — — — — 222
דיא וואַנדער־שיף — — — — — — — — 224
איך זינג פיר איהר — — — — — — — — 226

אַ טרעהר — — — — — — — — — 227
דער קאַנאַריק — — — — — — — — — 228
וויינט מיינע ליעדער — — — — — — — 229
פערשפעטיגטער טרוים — — — — — — — 230
צו מיין מוטער — — — — — — — — — 231
וואָלט וויטמאַן — — — — — — — — — 232
פערלאָרען — — — — — — — — — 233
אַ לאַנגער אויגענבליק — — — — — — — 234
ווען איך לייד — — — — — — — — — — 235
דער איביגער סוד — — — — — — — — 236
צום נייעם יאהר — — — — — — — — 238
דער לעצטער וואונש — — — — — — — — 240

סאַטירישע ליעדער:

איינלייטונג — — — — — — — — — 245
אידישקייט אויף דער לינקער זייט — — — — — 247
אושפיזין — — — — — — — — — 257
דער עוויגער קיקער — — — — — — — — 260
מגילת העסטער — — — — — — — — 262
דער שטאדט־פערזאָרגער — — — — — — — 266
יאָכצע און יאָכציכע — — — — — — — — 269
צו סליחות — — — — — — — — — 273
גאָטט פערלאָזט ניט — — — — — — — 275
דער פלאַפלער — — — — — — — — — 277
מלקות שלאָגען — — — — — — — — — 279
דער פערשטערטער סדר — — — — — — — 281
דער קאַלוואַריער דאַטש — — — — — — — 284
דיא געהאָלפענע צוויי, אָדער רויבער און גלויבער — — — 286
אָרע לייבעס — — — — — — — — — 290
שטן מקטרג — — — — — — — — — 298
דער ריס — — — — — — — — — 304

שלומיאל אין באזעל	306
א יונג מיט מעלות	310
דער לייב און דיא מויז	312
דער לאטוטים	314
ברויט מיט טהעע	316

פערשיעדענע ליעדער:

אין דער מדבר	321
דער פעדלער	323
היינריך הוינע	324
אדא נעגרי	326
דער אידישער סאלדאט	328
דיא אידישע חטאים	330
דער יודענשטאאט	335

ארבייטער און פרייהייטס ליעדער



דיא איינשווערונג

פאר'ן דיכטער א פראָגראם,
וואָס צו זינגען און צו זאָגען
דאָ אין אונזער גרויסען ים
פון יסורים און פון קלאָגען.

אָ, זעהסטו דיא שעפער? בעטראכטסט דיא פאבריקען?
דאָס שאפען דיא מענשען דעם מענש זיינע גליקען:
זיי שניצען און בויען, און שפינען, און וועבען,
און שניידען שמידען און שאפען דאָס לעבען.
דאָך פרעג זיי דיא בלייכע, וואָס צאפלען און שוויצען,
וויא גרויס זייער לוין איז און וואָס זיי בעזיצען?
אָ, פרעג וויא זעהט אויס זייער היים וואו זיי קומען
ביי נאַכט, ווען דיא פינסטערע רעדער פערשטומען!
אָ, פרעג וואָס זיי טהוען אין צייטען פון דאַרבען: —
אין צייטען פון סלעק, יא, דיא צייטען פון שטארבען!
אָ, פרעג ווער האָט שולד אין דעם עלענד דעם שווערען
און פעהלט זיי בעוואוסטזיין, — זאָלסטו זיי ערקלערען!
ערקלעהר זיי דיא סיבה פון שרעקליכען איבעל
און מעג דיא פערדאָרבענהייט האָבען פאראיבעל.

דיין פען זאָל אַ פידעל צוגלייך און אַ שווערד זיין:
זאָלסט שפּיעלען און שטראָפען, דיין קראַפט זאָלסטו איבען,
און האָסט דיך דיא חיה, דער מענש וועט דיך ליעבען,
דאָס רעכט וועט דיך ליעבען, און גרויס וועט דיין ווערט זיין.
נו, שוועך, וועסטו זיין מיט דעם אָר'מען און שלאָפען?
„אָ, הער:
איך שווער!"
טא נעהם צו דיא ברכה פון טויזענדע שקלאַפען!

דו הערסט וויא מען פרעדיגט אונז דומהייט און ליגען?
דו זעהסט וויא מען זוכט אונזער האַרץ צו פערוויעגען,
דעם שכל צו קרימען, — מען וויל אונזער לעבען!
דיא נאַכט נעהמט אונז צו וואָס דער טאָג האָט געגעבען....
דו זעהסט זיי, דיא פינסטערע? זעהסט דיא בעצאָהלטע?
איין טייוועל: דיא בערדיגע וויא דיא געגאָלטע!.....
דוא זעהסט וויא זיי זוכען דעם גייסט צו ענטהראָנען,
איהם שלעפּען צוריק אין דיא שווארצע רעגיאָנען,
פון וואַנען ער איז מיט אַ וועטהאָג ענטרונען?
דו זעהסט ווי זיי סם'ן דעם וויסענשאַפטס ברונען?
אום אונזערע מוחות דורך דורשט צו פערשמאַכטען,
אום אונז צו בעטריגען אום אונז צו אומנאַכטען...
אַרויס מיט דיין כח, אַרויס מיט געוואַלטען!
פערטומעל דיא טומלער, ניט לאָז זיי דאָ וואַלטען,
ניט לאָז אונזער וויסען, דורך אָפּפער ערוואָרבען,
זאָל פאַלען דעם בלוטיגען אונזין אַלס קרבן.

נו, שווער: וועסטו דעמאַגאָגען פערהאַסען?
„אָ, הער:
איך שווער!"
טאָ נעהם צו אַ צעהנפאַכען גרוס פון דיא מאַסען.

אָ, זעהסט דורכ'ן רויך דיא צוקאָכטע אַרמייען?
דו הערסט? — דער גיהנום וואַכט אויף מיט געשרייען!
עס קלינגען דיא שווערדען, עס הילכען גראַנאַטען:
דיא טהייערע יוגענד פערשווינדעט אין שאָטען.
אָ, בלוטיגע טייכען פערגיסען דיא בלומען!
דער אַקער פערפלייצט און דיא פעלדער פעשוואומען.
מען זעהט ניט קיין ערד און מען זעהט ניט קיין הימעל, —
אָ, שרעקליכע קולות, אָ, ווילדער געטימעל!
אַ פחד פאַלט אָן אויף דיא בערג און זיי שטוינען:
דאָס איז אַ מלחמה, עס שפיעלען זיך קרוינען.
דיא בעסטיע אין מענש האָט זיך פלוצלונג צובייזערט,
דער מענש אין דער בעסטיע, זיך פלוצלונג צוקייזערט.
נישטאָ קיין געפיהלען, נישטאָ קיין רחמנות.
עס זיפצען יתומים, עס קלאָגען אלמנות.
עס וויינען דיא וואָלקען ארונטער פון אויבען,
עס יאָמערט דיא ליעבע, עס ציטערט דער גלויבען...
נו, שווער: וועט דיין פעדער פערדאַמען מלחמות?
„אָ, הער:
איך שווער!"
טאָ נעהם צו דעם ליב פון מיליאָנען נשמות.

אָ, זעהסטו דאָס שעפעלע? קוים וואָס עס זיפעט.
צושלאָגען, צוהרג'עט, צוקרעלט און צו שונדען,
עס פלייצען דיא בלוטען פון טויזענדע וואונדען.
אָט קוים וואָס דאָס אטהעמט נאָך, קוים וואָס דאָס כליפעט:
„דערהרגעט מיך בעסער און נעהמט צו אין גאנצען
מיין אָרעמעס לעבען", דאָך זעהסט וויא זיי טאנצען,
דיא בלוטיגע חיות? דו הערסט וואָס זיי זאָגען?
„עס הייסט אונז ניט גאָטט דיך אין גאַנצען דערשלאָגען,
נאָר שטראָפען דיין זינד, דו פערדאָרבענע, שלעכטע,
און מיר פיהרען אוים זיינע רייד דיא גערעכטע".
דערקענסטו דאָס שעפ'לע? — דיא אָרעמע אומה!
און קענסטו דיא חיות? — דיא פעלקער דיא פרומע!
נו, שנעל גאַרטעל אונטער דיא לענדען מיט כח
און שטרעק אוים דער וויסענשאפטס פלאמענדען זעבעל!
ארוים אויף'ן מארק צו דעם פינסטערן פעבעל
און וויז זיי מיט ראיות און וויז זיי מיט מח,
אז פרייהייט אין גלויבען און גלויבען אין פרייהייט
וועט פיהרען דיא מענשהייט צו אייביגע טרייהייט.
נו, זאָג: ווערסטו זיין געגען אידען העצערייען?
„אָ, הער:
איך שווער!"
טאָ לעב — און דיין נאָמען זאָל אייביג געדייען!

דער טרעהרען-מיליאנער

א נ־ט קײן גאָלדנער קאָמערטאָן
שטימט אָן מײן קעהל צום זינגען,
עס קען דער װאונק פון אויבען אָן
מײן שטים נ־ט מאכען קלינגען;
דעם שקלאװ'ם א קרעכץ, װען ער איז מיעד
נאָר װעקט אין מיר די־א ליעדער, —
און מ־ט א פלאם לעבט אויף מײן ליעד,
פיר מײנע אר'מע ברידער.

* * *

דערפאר פערגעה איך אָהן א צײט.
דערפאר װעבט אום מײן לעבען:
װאָס קענען מיר די־א אָר'מע לײט
פיר א בעלוינונג געבען?
זײ צאָהלען טרעהרען פיר א טרעהר, —
דאָס אללעס, װאָס זײ קאָנען:—
איך בין א טרעהרען־מיליאָנער
און װײן אויף די־א מיליאָנען....

דיא סוועט שאפּ

עס רוישען אין שאפּ אזוי ווילד דיא מאשינען,
אז אָפּטמאָהל פערגעס איך אין רויש דאָס איך בין;—
איך ווער אין דעם שרעקליכען טומעל פערלאָרען,
מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין:
איך ארבייט און ארבייט, און ארבייט אָהן חשבון,
עס שאפט זיך, און שאפט זיך, און שאפט זיך אָהן צאָהל:
פיר וואָס? און פיר ועמען? איך וויים ניט, איך פרעג ניט,—
וויא קומט אַ מאַשינע צו דיינקען אַ מאָהל?

גישטאַ קיין געפיהל, קיין געדאנק, קיין פערשטאנד גאָר; —
דיא ביטערע, בלוטיגע ארבייט דערשלאָגט
דאָס עדעלסטע, שעהנסטע און בעסטע, דאָס רייכסטע,
דאָס טיעפסטע, דאָס העכסטע וואָס לעבען פערמאָגט.
עס שווינדען סעקונדען, מינוטען און שטונדען,
גאָר זעגעל־שנעל פליהען דיא נעכט מיט דיא טעג; —
איך טרייב דיא מאשין גלייך איך וויל זיי דעריאָגען, —
איך יאָג אָהן אַ שכל, איך יאָג אָהן אַ ברעג.

דער זייגער אין וואַרקשאַפּ, ער רוהט ניט אפילו,
ער ווייזט אַלץ און קלאַפּט אַלץ און וועקט נאַכאַנאַנד;—
געזאָגט האָט אַ מענש מיר אַמאָהל דיא בעדייטונג:
זיין ווייזען און וועקען, דאָרט ליעגט אַ פערשטאַנד;
נאָר עטוואָס געדיינקט זיך מיר, פונקט וויא פון חלום; —
דער זייגער, ער וועקט אין מיר לעבען און זינן,
און נאָך עפּעס, — איך האָב פערגעסען, — ניט פרעגט עס!
איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך בין אַ מאַשין!......

און צייטענווייז ווען איך דערהער שוין דעם זייגער,
פערשטעה איך גאַנץ אַנדערש זיין ווייזען, זיין שפּראַך;—
מיר דאַכט, אַז עס נוקעט מיך דאָרטען דער אונ־רוה,
כ'זאָל אַרבייטען, אַרבייטען, מעהרער, אַ סך!
איך הער אין זיין טאָן נאָר דעם באָס'ם ווילדען בייזער,
זיין פינסטערען קוק אין דיא ווייזער דיא צוויי; —
דער זייגער, מיר סקרוכעט, מיר דאַכט, אַז ער טרייבט מיך
און רופט מיך „מאַשינע!" און שרייט צו מיר: „ניי!"

נאָר דאַן, ווען ס'איז שטילער דער ווילדער געטומעל,
אוועק איז דער מייסטער, אין מיטאָג־צייט שטונד,
דאַן פאנגט אָן אין קאָפּ ביי מיר לאנגזאם צו טאָגען,
אין הארצען צו ציהען, — איך פיהל דאַן מיין וואונד;—
און ביטערע טרעהרען, און זודיגע טרעהרען

צו ווייקען מיין מאגערען מיטאָג, מיין ברויט, —
עס ווערגט מיך, איך קען ניט מעהר עסען, איך קען ניט!
אָ, שרעקליכע פראַצע! אָ, ביטערע נויט!

ס'ערשיינט מיר דיא שאָפּ אין דער מיטאָג־צייט שטונדע
אַ בלוטיגע שלאַכטפעלד, ווען דאָרט ווערט גערוהט:
ארום און ארום זעה איך ליעגען הרוגים,
עס ליארמט פון דר'ערד דאָס פערגאָסענע בלוט....
איין ווײלע, און באַלד ווערט געפּויקט אַ טריוואָגע,
דיא טויטע ערוואכען, עס לעבט אויף דיא שלאַכט,
עס קעמפּפען דיא טרופּעס פיר פרעמדע, פיר פרעמדע,
און שטרייטען און פאלען, און זינקען אין נאכט.

איך קוק אויף דעם קאמפּף־פּלאַץ מיט ביטערען צאָרען,
מיט שרעק, מיט נקמה, מיט העלישער פּיין; —
דער זייגער, יעטצט הער איך איהם ריכטיג, ער וועקט עס:
„אַ סוף צו דיא קנעכטשאפט, אַ סוף זאָל דאָס זיין!"
ער מינטערט אין מיר מיין פערשטאנד, דיא געפיהלען,
און וויזט וויא עס לויפען דיא שטונדען אהין:
אַן עלענדער בלייב איך, וויא לאנג איך וועל שווייגען,
פערלאָרען, וויא לאנג איך פערבלייב וואָס איך בין.....

דער מענש, וועלכער שלאפט אין מיר הייבט אָן ערוואכען,
דער קנעכט, וועלכער וואַכט אין מיר שלאָפט דאַכט זיך
איין ;—
אצינד איז דיא ריכטיגע שטונדע געקומען !
אַ סוף צו דעם עלענד, אַ סוף זאָל עם זיין !...
נאָר פלוצלינג — דער וויסטעל, דער באָם — אַ טרעוואָגע !
איך ווער אָן דעם שכל, פערגעם, וואו איך בין, —
עס טומעלט, מען קעמפפט, אָ, מיין איך איז פערלאָרען, —
איך וויים ניט, מיך אַרט ניט, איך בין אַ מאשין...

דער בלייכער אפרייטער

אין זעה דאָרט אַ בלייכען אפרייטער
פערקאָכט אין דער ארבייט, אַ שרעק!
און זייט איך געדיינק איהם אלץ נייט ער
און לייגט זיינע קרעפטען אוועק.

עס ווערן חדשים פערפלויגען,
עס לויפען דיא יאָהרען אהין,
און נאָך זיטצט דער בלייכער געבויגען,
און קעמפפט מיט'ן רויהען מאשין.

איך שטעה און בעטראכט דאָרט זיין צורה,
זיין צורה, פערשמירט און פעשוויצט,
און פיהל, אז דאַ ארבייט קיין גבורה,
דער אימפעט נאָר פראַצעוועט איצט.

דאָך פאלען דיא טראָפענס כסדר,
פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג שפעט,

און זאַפּען זיך איין אין דיא קליידער,
און טרינקען זיך איין אין דיא נעט.

איך בעט איך. וויא לאַנג וועט נאָך יאָגען
דער בלייכער דעם בלוטיגען ראַד ?
אַ, ווער קען זיין ענדע מיר זאָגען ?
ווער ווייס יענעם שרעקליכען סוד ?

אַ, שווער, זעהר שווער דאָס צו זאָגען,
דאָך איינס איז בעוואוסט און בעשיידט :
ווען איהם וועט דיא ארבייט דערשלאָגען,
זיטצט תכף אַ צווייטער און נייט.

א טרעהר אויפ'ן אייזען

אקאלט און פינסטער איז דיא שאפּ!
איך האלט דעם אייזען, שטעה און קלאפּ! —
מיין הערץ איז שוואך, איך קרעכץ און הוסט;
עס הויבט זיך קוים מיין קראנקע ברוסט.

איך קרעכץ און הוסט און פּרעס און קלעהר,
מיין אויג ווערט פייכט, עס פאלט א טרעהר,
דער אייזען גליהט: — דאס טרעהריל מיין —
דאס קאכט און קאכט און זידט ניט איין.

איך פיהל קיין קראפט, עס איז פערוועגד'ט;
דער אייזען פאלט מיר פון דיא הענד,
און דאך דער טרעהר, דער הייסער טרעהר,
דער טרעהר, דער טרעהר, קאכט מעהר און מעהר.

עס רוישט מיין קאפּ, עס ברעכט מיין הערץ;
איך פרעג מיט וועה, איך פרעג מיט שמערץ:

„אָ, זאָג, מיין פריינד אין נויט און פּיין,
אָ, טרעהר, פאַרוואָס זידסטו ניט איין?

אָ, שטומער טרעהר, אָ, שטומע שפּראַך!
זאָג, האָב איך דיינע נאָך אַ סך?
צי דו ביסט שוין דער לעצטער היינט,
פון אַלע מיינע הייסע פריינד?

ביסט אפשר גאָר אַ קוריער,
זאָגסט אָן מיר, אַז עס קומען מעהר?
איך וואָלט עס וועלען וויסען, זאָג:
ווען ענדיגט זיך דער גרויסער קלאָג?

איך וואָלט געפרעגט נאָך מעהר און מעהר
ביי'ם אונ־רוהה, ביי דעם ווילדען טרעהר,
דאָ האָבען זיך דערלאַנגט אַ גאָס
גאָר טרעהרען, טרעהרען אָהן אַ מאָס
און איך האָב שוין פערשטאַנען גלייך,
אַז טיעף איז נאָך דער טרעהרען טייך.

מיין אינגעלע

איך האָב אַ קליינעם אינגעלע,
אַ זוהנעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזעה איהם דאַכט זיך מיר,
דיא גאנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטען, זעלטען זעה איך איהם,
מיין שעהנעם, ווען ער וואַכט.
איך טרעף איהם אימער שלאָפענדיג,
איך זעה איהם נאָר ביי נאַכט.

דיא ארבייט טרייבט מיך פריה ארויס
און לאָזט מיך שפעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגען לייב!
אָ, פרעמד מיין קינד'ס אַ בליק!

איך קום צוקלעמטערהייד אהיים,
אין פינסטערנים געהילט, —

מיין בלייכע פרוי דערצעהלט מיר באלד,
וויא פיין דאָס קינד זיך שפּיעלט,

וויא זים עס רעדט, וויא קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּענני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?"

איך הער עס צו און איִל — עס מוז, —
יאָ, יאָ, עס מוז געשעהן!
דיא פאטערליעבע פלאקערט אויף:
עס מוז מיין קינד מיך זעהן!.....

איך שטעה ביי זיין גילעגעריל
און זעה, און הער, און שאַ!
אַ טרוים בעוועגט דיא ליפּעלאַך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך קוש דיא בלויע אייגעלאַך,
זיי עפנ'ן זיך — „אָ, קינד!"
זיי זעהען מיך, זיי זעהען מיך,
און שליסען זיך געשווינד.

„דאָ שטעהט דיין פּאַפּאַ, טהייערער,
אַ פּעננילע דיר, נאַ!"

א טרוים בעוועגט דיא ליפּעלאך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פאַ?"

איך בלייב צו־רוועהטאָגט און צוקלעהמט,
פערביטערט און איך קלעהר:
„ווען דו ערוואַכסט אַ מאָהל, מיין קינד,
געפינסטו מיך ניט מעהר"......

פערצווייפלונג

אָ, דאַרף מען ניט רוהען האָטש איין טאָג אין וואָך,
א טאָג מעהר ניט פריי זיין פון שרעקליכען יאָך?
פערגעסען דעם באָס, דעם פערביסענעם מרוק,
זיין פינסטערע מינע, זיין שרעקליכען קוק,
פערגעסען דיא שאַפּ און דעם פאָרמאַנ'ס געשריי,
„פערגעסען דיא קנעכטשאַפט, פערגעסען דעם וועה,
„פערגעסען זיך ווילסטו און רוהען דערצו?
ניט זאָרג זיך, אָט באלד וועסטו געהן אין דיין רוה!“

באלד האָבען דיא בוימער און בלומען פערבליהט,
באלד ענדיגט דער פויגעל דער לעצטער זיין ליעד,
באלד זעהט מען נאָר קברים ארום און ארום!
אָ, וויא וואָלט איך וועלען אַ שמעק טהאָן אַ בלום,
אַ שלונג טהאָן כאָטש, איידער עס שטאַרבט אָפּ
דאָס גראָז,
אויף פעלדער בעגרינטע דעם ווינטעלעם בלאָז!
„אין פעלד ווילסטו זיין, וואו ס'איז לופטיג און גרין?
נישט קשה, מען וועט דיך שוין ברענגען אהין!“

דער טייך איז בעזילבערט און גלאנצט אזוי שעהן,
עס טאנצען דיא וועלען מיט זעלטענעם חן, —
אָ, דאָרט זיך צו באָדען וויא גוט מוז עס זיין!
וויא וואָלט איך מיט חשק אין וואסער אריין!
מיין גוף איז פון שרעקליכע ארבייט פערשוואכט, —
וויא וואָלטען דיא בעדער מיך שטארקער געמאכט! —
„אָ, באָדען זיך ווילסטו, זיך וואשען אין טייך?
ניט שרעק זיך, מען וועט דיך ארום וואשען גלייך!"

דיא סוועט שאפּ איז פינסטער און רויכיג, און קליין,
אָ, וויא זאָל מיין בלוזע דיא ווייסע זיין ריין?
אין שמוציגען שאפּ איז דיא ריינקייט מיר פרעמד; —
און דאָך וויא בעגעהר איך א קלאָהר ווייסע העמד!
א שירץ וואָס איז זויבער, א בלוזע וואָס לייכט, —
פון שוויים ניט געברודיגט, פון טרעהרען ניט פייכט!
„זיך אָנטהאָן אין ווייסען פערלאַנגסטו אַצינד?
מען וועט דיך שוין אָנטהאָן און אָנטהאָן געשווינד!"

אין וואלד איז א חיות, אין וואלד איז עס קיהל, —
דאָרט טרוימט זיך עס ליעבליך, דאָרט טרוימט זיך
עס פיעל!
דיא פייגעלאך זינגען מחיה'דיג פיין,
דיא טענער דיא זיסע, זיי שלעפערען איין; —
אין שאפּ איז עס אָבער א רויש און עס שטיקט, —

—! אָ, וויא וואָלט דער וואלד מיך געקיהלט און געקוויקט
„זיך אָפּקיהלען ווילסטו ? וואָס טויג דיר דער וואלד ?
ניט לאנג וועט עס נעהמען, און דוא וועסט זיין קאלט !“

א טהייערען חבר צו האָבען איז גוט, —
אין נויט גיט ער האָפנונג, אין עלענדקייט מוטה !
א טהייערער חבר פערזיסט דיר דיין זיין,
ער גיט דיר א חשק אין לעבען אריין ; —
און איך בין פער'יתום'ט און איך בין א שטיין. —
צווישען טויזענדער מענשען, דאָך איינער אַליין.....
„וועסט האָבען חברים באלד גאָר אָהן א שיעור :
זיי ראָיען זיך שוין און זיי וואַרטען אויף דיר !

אין שאפ און דער היים

איך זיטץ און איך טרייב דיא מאשינע,
און פיהל וויא מיין כח געהט אוים; —
איך טראָג ניט אויף קיינעם קיין שנאה,
און פרעמד איז מיר ראכע און קנאה,
דער וועהטאָג אין הערץ נאָר איז גרוים.

מיין בליק פיעלט זיך אָן און געהט איבער:
עס ווערט אויף דער ארבייט א פלעק,
אַ ווילדער, אַ צעהרענדער פיבער,
ער געהט מיר דיא בלוטען אריבער
און שמעלצט מיר דאָס לעבען אוועק.

עס טריעפען דיא פלאמענדע וואונדען.
איך זיטץ אין דער דומפפער פאבריק
ביז וואנען עס קומען דיא שטונדען
ווען כלומרשט, איך בין ניט געבאונדען, —
און געה א בעפרייטער צוריק:

א היים קום איך קראנק און געבראָכען,
בעגלייט פון א שטילען געוויין,
מיט מיעדע צו־וועהטאָגטע קנאָכען,
מיט יאוש אנשטאָט מיט בטחון
און פאל דאָרט אוועק וויא א שטיין.

דיא שטוב איז פערוויסט און אנשוויגען.
איך קוק זיך ארום מיט א הוסט : —
מיין אָרעמע פרוי זעה איך ליעגען, —
זיא בלאַנדזשעט פון חלום א נגון,
דאָס פיצעלע טרוימט ביי איהר ברוסט.

איך קוק אויף דיא אָר'מע מיט טרעהרען
און קלעהר : „ווען איך בלייב איצטער טויט,
ווען איך זאָל מיט איינמאָל ניט ווערען,
אָ, ווער וועט זיי ביידען ערנעהרען ?
אָ בעט זיי פערשאַפען און ברויט ?

„וואָס טהוען זיי באלד טאקי מאָרגען,
וויא שנעל דער פערדיענער זיי פעהלט ?
אָ, ווער וועט זיי לייען, צי באָרגען ?
זאָגאר מיט דאָס קלענסטע בעזאָרגען ?
וואו בלייבט זיי אָ פריינד אויף דער וועלט ?

און קלעהרענדיג ווער איך א מיעדער
אנשלאָפּען, — און טהו מיך אַ כאַפּ!
אין מזרח זייט טאָגט עס שוין ווידער. —
איך שלעפּ דיא פערמאַטערטע גליעדער
צוריק אין דער דומפּפיגער שאָפּ.

צו דער געליבטער

א זיי געבענשט, אָ, זיי געגריסט,
ו, מיין גליק, מיין טרייסט, מיין גאָלד'נער שיין!
דו קומסט אצינד און קומסט אומזיסט
אין דומפּפּען שאָפּ ביי מיר צו זיין.

דאָ רוישט, עס קאָכט, עס זידט און ברענט,
דאָ איז קיין אָרט פיר דיר צו שטעהן, —
פערדונגען זיינען מיינע הענד;
איך טאָר דיך ניט אומאַרמען — ניין!

אָבוואָהל איך בין אָהן דיר וויא טוידט,
דאָך מוז איך עס פערלאַנגען: געה!
דאָ הערשט דער הארטער קאמפּף פיר ברויט,
דאָ מוז מען צאַפּלען ביים געוועה.

קום שפּעטער ערשט, אָ, קום ביי נאכט
צו מיר אהיים, דאָרט בין איך פריי, —

מיין הארץ לעבט אָפּ, מיין גייסט ערוואַכט,
מיין ליעבע פלאַקערט פון דאָס ניי.

דאַן גיעב איך מיר צו דיר א יאָג
און פאַל בעגייסטערט אויף דיין ברוסט,
און מיינע ליידען פון דעם טאָג,
זיי ווערען אַלע דיר בעוואוסט.

און מיינע קושען האָסטו דאַן,
און מיינע טרעהרען אָהן א שיעור, —
דאָס בעסטע, וואָס עס איז פאַראַן
אין מיין נשמה שענק איך דיר:

מיין שעהנסטעס ליעד טרעט באַלד ארויס
און גריסט דיך הייס ביים ערשטען בליק.
און יעדעס וואָרט, וואָס דו רעד'טסט אויס,
ווערט מיר פערוואַנדעלט אין מוזיק.

דאָך יעצט, געליעבטע, מוזטו געהן.
דאָ האָט דיא ליעבע ניט קיין מאַכט.
איך טאָר דיך ניט אומאַרמען, — ניין!
מיין לעבען קומט ערשט מיט דער נאַכט.

וואס איז דיא וועלט

אָון איז אונזער וועלטיל א שלאָפציטער נאָר,
און איז נאָר א חלום דאָס לעבען;
דאן זאָלען מיר, וויל איך, אויך מיינע פּאָר יאָהר
אין גוטע חלומות פערשוועבען.

דאן וויל איך חלומות פון פרייהייט און גליק,
וויא יענע גרויסארטיגע העררען:
דאן וויל איך אין חלום א ליעבליכען בליק
און וויל ניט מעהר טרוימען פון טרעהרען.

און איז אונזער וועלטיל א שמחה, א באלל,
וואו מיר זיינען אלע פערבעטען;
דאן ווילט זיך מיר אויך זיטצען ברייטלאך אין זאל
און האָבען א חלק א פעטען.

אויך איך קען פערדייהען א זאך, וואָס איז גוט,
א ביסען א פעטען פערטראָגען;

איך האָב אין מיין גוף אויך דיא זעלביגע בלוט,
וויא דיא, וועלכע אוצרות פערמאָגען.

און איז נאָר א גאָרטען אצינד אונזער וועלט,
וואו ס'וואקסען אויך אלערהאנד ראָזען,
דאן וויל איך שפאציערען דאָרט, וואו מיר געפעהלט,
און ניט, וואו דיא רייכע מיר לאָזען.

דאָן ווילט זיך מיר טראָגען פון בלומען א קראַנץ,
איך וויל זיך מיט דערנער ניט ציערען; —
דאן ווילט זיך מיר אויך מיט מיין ליעבסטע אין גלאנץ
פון מירטען און לאָרבערן שפאציערען.

און איז אונזער וועלט א מלחמה אצינד,
וואו שטארקע און שוואכערע שטרייטען;
דאָן אַרט מיך קיין שטורעם, קיין ווייב און קיין קינד,
איך בלייב ניט מיט קאלטקייט פון ווייטען.

דאן ווארף איך אין פייער זיך. ווער איך א העלד,
און קעמפף וויא א לייב פיר דעם שוואכען;
און טרעפט מיך דיא קויל — איך פאל טויט אויפ'ן פעלד,
דאן קען איך אויך שטארבענדיג לאכען.

מיין רוהע פּלאַטץ

נִיט זוך מיך, וואו דיא מירטען גרינען!
גערינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַטץ;
וואו לעבענס וועלקען ביי מאַשינען,
דאָרטען איז מיין רוהע פּלאַטץ.

ניט זוך מיך, וואו דיא פויגעל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַטץ;
א שקלאַוו בין איך וואו קייטען קלינגען,
דאָרטען איז מיין רוהע פּלאַטץ.

ניט זוך מיך, וואו פאָנטאַנען שפּריצען!
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַטץ;
וואו טרעהרען רינען, צייהנער קריצען,
דאָרטען איז מיין רוהע פּלאַטץ.

און ליעבסטו מיך מיט וואהרע ליעבע,
טאָ קום צו מיר, מיין גוטער שאַטץ!
און הייטער אויף מיין הערץ דיא טריעבע,
און מאַך מיר זיס מיין רוהע פּלאַטץ.

וואוהין ?

(צו א מיידעלע)

װאוהין, וואוהין, דוא שעהנעם קינד ?
דיא וועלט איז נאָך נימ אָפען !
אָ, זעה, וויא שטיל דאָ איז ארום !
פארטאָג, דיא גאסען שטעהען שטום, —
וואוהין, וואוהין, אזוי געשווינד ?
יעטצט איז דאָך גוט צו שלאָפען :
דיא בלומען טרוימען דאָך נאָך, — זעהסט ?
עס שווייגט נאָך יעדער פייגעלנעסט, —
וואוהין פאָרט טרייבט עס דיך אצינד ?
וואו לויפסטו, זאָג, בעגיגענען ?
„איך געה פערדינען !"

וואוהין, וואוהין, דו שעהנעם קינד,
זאָ שפּעט ביי נאכט שפּאציערען ?
אליין דורך פינסטערנים און קעלט !
און אלעס רוהט, עס שווייגט דיא וועלט, —
וואוהין פאָרט טראָגט עס דיך דער ווינד ?

דוא ווערסט דאָך נאָך פעראירדערן!
קוים האָט דער טאָג דיר ניט געלאכט,
וואָס קען דיר העלפען דען דיא נאכט?
זיא איז דאָך שטום און טויב און בלינד!
וואוהין מיט לייכטען זינען?
„איך געה פערדינען!"

דיא נאכטיגאל צום ארבייטער

שעהן זומער איז היינט, שעהן זומער איז היינט!
דו הערסט וויא איך פייף דיר א נגון?
אין טיעפבלאָען הימעל דיא זונן גאָלדיג שיינט,
עס זינגען אין וואלד מיינע לופטיגע פריינד
עס זשומען אין גרינגראָז דיא פליעגען;
עס פלוידערט דער קוואל און עס מורמעלט דער טייך,
עס בליהען און שמעקען דיא בלומלאַך רייך, —
געננג אין פאבריק דיר צו ליעגען!
שטעה אויף, דיא נאטור האָט דיך אויך גאָר ניט פיינד, —
שעהן זומער איז היינט, שעהן זומער איז היינט!
פיעל לוסטיגקייט, פיעל פערגעניגען,
איין יעדוויעדעס אטהעמט, איין יעדעס געניסט, —
עס פרעגען נאָר אלע, וואו דו ערגעץ ביסט:
דיין חלק איז דאָ, יא, דיין טהייל איז פאראן, —
נו, נעהם עס, אָ, נעהם דאָס, דו ארבייטער מאנן!

שעהן זומער איז איטצט, שעהן זומער איז איטצט!
דער שמעטערלינג טאנצט אויף דיא בלומען,
דער זילבערנער רעגענדיל מחיה'דיג שפריצט,

עס שטעהען דיא בערג אזוי גרין און פערשפיצט,
דיא לופט איז געמישט מיט פאַרפומען;
דיא שעפעלאך שפרינגען אין בלומיגען טהאל,
דער פאסטוך דערהערט שוין דער פאסטושקעס קול,
דיא הייליגע צייט איז געקומען!
נו, מאך ניט קיין שיהות, דאָס לעבען פערבליצט, —
שעהן זומער איז איטצט, שעהן זומער איז איטצט!
דער ראָד מעג א ווײלע פערשטומען, —
דו האָסט אזוי לאנג, אזוי ביטער געשאפט,
פערווענד'ט אזוי נאריש דיין אייזערנע קראפט.
אָ, רייד זיך ניט איין, אַז דאָס לעבען איז שטות
הייב אויף מיט א חשק דעם כוס פון געגוס!

שעהן זומער איז דאָ, שעהן זומער איז דאָ!
איך וועל עס דיר אייביג ניט זינגען,
דען ענדליך וועט קומען אויף מיר אויך א שעה,
מיין צווייג וועט פערנעהמען דיא פינסטערע קראָה,
דאָס הייליגע ליעד וועט פערקלינגען.
אָ, כל זמן איך זינג דיר אראָפּ פון דעם בוים
פון פרייהייט און ליעבע דעם גאָלדענעם טרוים
טאָ הייב דיך און לאָז דיך ניט דינגען...
דיא הימלען פערבלייבען אויך אויביג ניט בלאָה,
שעהן זומער איז דאָ, שעהן זומער איז דאָ!
אצינד קען מען לוסטיג פערברענגען.

דען גראָדע וויא דו, וועלכער וועלקט ביין מאַשין,
פערוועלקט ענדליך אַלעס און טראָגט זיך אַהין;
מאָמענטען נאָר בילדען, דאָס לעבען, דיא צייט, —
פערזעהן א מאָמענט איז פערלאָרען דיא שטרייט!

דאס ליעד פון מאשינען

מיר שאַרען דיא אַרבּייט
מיט „שאַרער" מאַשינען
און שארען פיעל אוצרות אריין,
דאַך וואָס מיר דערלעבען
און וואָס מיר געווינען,
און וואָס מיר ערשטרעבען,
און וואָס מיר פערדיענען,
איז הונגער און עלענד, און פּיין.
מיר שארען מיט „שארער"
און ווערען אלץ דארער.
דאָך אונזערע נארער —
זיי נארען אונז דאָך.
מיר שארען און שארען,
אַ, ביז מיר ערשטארען
און פאלען אין יאָך.

מיר זינגען און טרייבען
דיא „זינגער" מאשינען,
דעם מייסטער דאָס ליעדעל געפעלט.
מיר זינגען כסדר

פון טרעהרען וואָס רינען,
פון בלוטיגע קליידער
מיט קללות דערינען,
א ליעד פון א פינסטערע וועלט.
מיר טרייבען דיא „זינגער"
סיי עלטער, סיי אינגער, —
צו שאפען דיא דינגער
א לעבען פול פּראכט.
מיר זינגען און זינגען,
אָ, ביז אונז פערשלינגען
דיא שאטענס פון נאכט.

דער אלטער שניידער

ער זיצט און נייט שוין פיעלע יאָהרען,
אוּן זיין בלייכער פּנים שוויצט. —
דער באָרד איז איהם שוין ווייס געוואָרן,
וויא דער פאָדים, וואָס ער ניטצט.
נישטאָ כמעט אין שטאָדט א מייסטער,
וועלכען ער האָט ניט געדיענט
און דאָך האָט ער קיין סענט אין טייסטער
און קיין ברויט פיר ווייב און קינד.

ער קומט אריין אין שאפּ בעגינען
און פערדיענגט שוין זיינע הענד; —
ער האלט פאראיינס אין איין פערדיענען
און פערהולטעוועט קיין סענט.
ער שאפּט שוין ווען עס גראַו'ט דער מאָרגען
און ער שאפּט נאָך שפּעט ביי נאכט,
און אימער, אימער, וואו צו באָרגען
זיצט ער טרויעריג און טראכט.

דער מייסטער איז מיט איהם צופריעדען,
דען ער טענה'ט ניט קיין סך,

ער מאכט אין שאפ ניט קיין ירידץ
אין בעלײדיגט ניט זײן פאַך.
ער קומט און געהט אװעק אין שטילען, —
רײדען, רעדט פיר איהם דער הוסט!
דעם טרעהר פערדעקען איהם די בריליען
און דעם שמערץ פערדעקט די ברוסט.

די ארבײטס־לײטע, אלע קוקען
אויף דעם קראַנקען מיט א װעה,
זײ קוקען אויף זײן מידען רוקען,
װעלכער קרימט זיך בײ'ם געגעה.
זײ זעהען שוין דעם שװאַרצען זיעגעל,
פיר זײן עהרליכקײט די שטראַף....
זײ זעהען, פונקט װיא אין א שפיעגעל,
אין דעם אלטען זײער סוף.

מיט מיין קינד

דאָס וועטער איז ליעבליך, איך געה מיר אין גאס,
מיט מיר געהט מיין אינגעלע קריינקלאך און בלאס.
ביים וועג אויף א קאָרנער, דערזעהט ער א סטענד
און פאנגט אָן צו וויינען, און שטעלט אוים דיא הענד.
ער ציהט זיך אהין, וואו עס ליעגען דיא פרוכט, —
אן עפּעלע, נעבאך וויא וואָלט ער פערזוכט!
עס חלש'ט דאָס הערציל, עס ברעכט נעבאך שיער, —
ער קוקט אויף דיא פרוכטען מיט וועה און אויף מיר.
אָ, קינד מיינס, איך וויים וואָס דו ווילסט, וואָס דיר פעהלט,
דאָך ניין, ניט פיר אונז איז דיא פרוכט פון דער וועלט.

מיר געהען זיך ווייטער, מיין אינגעלע שוואך
זעהט ווידער א פענסטער מיט צאצקעס א סך.
ער קוקט אויף דיא גליקען מיט קינדערשען חן
און קוקט מיר אין פנים צו וויים איך זיין מיין.
ער פלוידערט, ער פלאפעלט, ער ווינט און ער לאכט,
און ציהט מיך דערוויילע צום פענסטער בעזאכט.
איעדווידער שפּיעלצייג אפּארט לאָקט איהם אָן,
איך קוק מיט יסורים... אָ, וואָס זאָל איך טהאָן?

אַ צאַצקעלע, נעבאַך דאָס קינד איז געקוועלט,
דאָך ניין, ניט פיר אונז האָט זיא צאַצקעס דיא וועלט.

נון, האָב איך מיט ערגערנים זיך און מיט כעס
פערשוואָרען מיין קינד ניט צו נעהמען אין גאַס.
ער בעט זיך און שרייט: „מיט דעם טאַטעניו געהן",
עס ריהרט מיך, דאָך ענטפער איך טרויעריג: „ניין!"
איך ענטפער איהם „ניין!" און איך פיהל איך פערגעה,
אָן עפּה'לע נעבאַך. געערגערט — וויא וועה!
וויא ביטער און וועה איז עס מיר און וויא ווינד
צו זעהן און צו פיהלען דעם צער פון מיין קינד!
און דאָך מיט א קול האלב דערשטיקט פון געוויין
איהם ענטפערען: „שאַ!" און איהם ענטפערען „ניין!"

דיא ערשטע ווײדזשעם

א צימער קאלט און פינסטער,
אונ שטילל, עס דאכט זיך פוסט,
נאָר דורך דיא טיעפע שטילקייט
ברעכט דורך א שווערער הוסט.

דאָרט ליעגט א מאן א קראנקער,
פערלאָזען און פערשוואכט,
פון מענשען ניט בעקימערט,
פון הימעל ניט בעטראכט.

זיין פרוי, איהר האָט דיא שווינדזוכט
אין גרוב שוין לאנג פערשלעפט,
אונ פון דיא קינדער אללע,
דאָס אינגסטע קינד נאָר לעבט.

דאָס איינע איז געבליעבען
אונ האָט ניט וואו צו זיין, —
דעם טאַטעס לעטצטע גדולה,
דעם טאטענס לעטצטע פיין.

זיא האָט דיא שוהל פערלאָזען,
דאָס לעבענס העכסטע גליק —
דער טאטע ליעגט א גוסס
און ז י א איז אין פאבריק.

זיא מוז, זיא מוז פערדיענען,
דאָס איז דער לעצטער פּלאן; —
זיא מוז דיא הויז פערזאָרגען,
דעם אָרמען, קראנקען מאן.

דאָס איז איהר ערשטע פּראָבע,
דאָס איז איהר ערשטע וואָך,
איהר ערשטער טריט אין קנעכטשאפט,
איהר ערשטער גאנג אין יאָך.

און עלענד ליעגט דער שלאָפער,
מיט טיעפע נאכט ארום,—
אָט פרייכט ער דורך דיא שטומקייט,
אָט ווערט ער ווידער שטום.

פערשיעד'נע בילדער זעהט ער:
א פייער און א שטראָם,
א גראבען פול מיט ביינער,
א הימעל און א תהום.

א מחנה שווארצע פויגעל,
א טויטע שוואלב, א בלום.
א וואלד מיט האלבע בוימער
און וועגען לאנג און קרום:

זיין שווערען שיקזאל זעהט ער,
זיין יעדע האָפנונג טויט.
זיין אויסגעדומפּפטעס לעבען
אין טרויער און אין נויט.

דאָך פּלוצלונג שפּרינגט דיא טיהר אויף,
עס קומט א טריי'סט אריין:
„אָ, פּאָטער, פּאָטער, פּאָטער,
אָ, ליעבער פּאָטער מיין!

„מאך אויף דיא אויגען דיינע,
און זעה, און הער מיין קול! —
איך ברענג דיר טויזענד ברכות,
און קושען אָהן א צאָהל.

„מיר זיינען מעהר ניט אָרעם,
האָב ליכט און ברויט געבראכט, —
איך לויף דעם דאָקטאָר רופען,
און וואך דיא גאנצע נאכט.

„דוא זאָלסט געזונד זיין וויעדער,
געזונד אויף לאנגע יאָהר, —
איך האָב פיער דאָלאר, פאָטער,
פיר איין וואָך ארבייט נאָר!

„מיין באָם איז גוט און עדעל,
ער האָט געזאָגט, דער גביר:
דוא ביסט א שעהנע מיידעל,
ועסט ניצליך זיין פיר מיר....“

און שא, עס שוויגט דיא קליינע,
איהר קינדיש בליק ווערט שטאַר,
א טיעפער קרעכץ פערקינדיגט
יסורים און געפאהר.

דאָס ציטערט אוים דער גוסס,
זיין לעטצטעס וואָרט אצינד
און אויף דיא ליפען שטארבט עס:
„מיין קינד .... מיין איינציג קינד!“...

דיא פערפיהרטע

געדיינקסטו, וויא דו האָסט מיר ליעבע געשוואָרען?
געגרינט האָט דער אַפּעלבוים צווישען דיא קאָרען.
דער פייגעל האָט רוהיג געבליקט פון דיא צווייגען —
און אלעם ארום איז געלעגען אין שווייגען...
אָ, ווער האָט עס דאמאָלס געוואוסט דיין כונה?
געשטומט האָבען הימעל און ערד און לבנה,
ווען דו האָסט געשוואָרען פאר מיר מיט א פייער,
אז אייביג פערבלייבסטו מיין איינציג געטרייער.
דו האָסט מיך בע'כשופ'ט, דו האָסט מיך בעטרונקען,
איך בין וויא בעטויבט אין דיין ארעם געזונקען...
אָ, דאן איז דיין אונריינער וואונש דיר געלונגען,
דו האָסט אין מיין הייליגטהום פרעך איינגעדרונגען,
מיין עהרע גערויבט און מיין לעבען צוריסען,
מיך ביטער בעליידיגט און ענדליך פערשמיסען.

בין אָרעם און עלענד, וואָס דארפסטו זיך שטערען?
פלעג איך ביי דיר שטענדיג זיך בעטען מיט טרעהרען.
און דו ביסט דאָך רייך און געבילדעט, און איידעל...
געה, זוך דיר אַ שעהנערע, רייכערע מיידעל!

אָ, זאָל מיך דער פייער פון עלענד פערברענען,
פלעג איך צו דיר זאָגען, דו דארפסט מיך ניט קענען.
פערגעס אָן מיין שעהנהייט, איך דארף ניט קיין גבירות,
אָ, לאָז מיך אין ארמוטה, איך זוך קיין עשירות. —
געדיינקסטו דיא נאכט, ווען מיר זיינען געגאנגען?
דער מאָנד איז וויא זילבער אין הימעל געהאנגען,
פון גאָלדענע שטערען בעקראנצט אין דער סביבה,
וואָס האָבען געשמייכעלט וויא קינדער נאַאיווע, —
געדיינקסט יענע נאכט? אָ, דו דארפסט איהר געדיינקען!
איך שיינק עס דיר, גאָטט זאָל אין הימעל דיר שיינקען!

איך האָב זיך ביי דיר מיט רחמנות געבעטען:
„אָ, ריים מיך ניט אויס, ווערסט מיך שפּעטער צוטרעטען...
אָ, לאָז מיך! איך וועל מיר צווישען דיא מאשינען
אַן עהרליכען מאן, א געליעבטען געפינען.
א שאפּ־מיידעל בין איך, וואָס האב איך צו קלייבען?
בין אָרעם געבאָרען, וועל אָרעם פערבלייבען".
דאָך דו האָסט מיט זיסע און קונציגע ווערטער
געשוואָרען, אז דו נאָר מוזט זיין מיין בעשערטער.
צו שעהן בין איך, האָסטו געזאגט, צו פערוויאַנען
פיר מיר איז א בעסערעס לעבען פאַראַנען.
געדיינקסטו דיא נאכט?.... זיא איז לאנג שוין פערגאנגען.
דער ווינטעל האָט קוים וואָס געשאָקעלט דיא זאנגען,
ארום דיא נאטור האָט געקוקט און געשוויגען.
אָ, ווער האָט גערעכענט דו זאָלסט מיך בעטריגען?

אצינד זאָגסטו ווילסטו מיך מעהר ניט בעגעגנען,
איך האָב ניט דאגעגען, איך קום זיך געזעגנען.
איך ווייס אַז דו גיעבסט זיך אַן אַנדערער איבער,
נו, ווינש איך דיר מזל טוב... מזל, מיין ליעבער!
דו ביסט קיין בעל חייב, דיין שם איז גענעזען,
דיא שולד, זיא איז מיינע, יאָ, מיינע געוועזען:
איך האָב ניט געגלויבט, אז דו ווערסט מיך בערויבען,
איך האָב ניט געוואוסט נאָך דעם אונגליק פון גלויבען,
איך האָב נאָך דיא מענשען גענוי ניט בעגריעפען
און האָב ניט געוואוסט, אז דיא צונג איז געשליפען.
ניין, דו ביסט ניט שולדיג, איך קום דיר פערצייהען
איך וויל דיך פערלאָזען, איך וויל דיך בעפרייען, —
וויא קום איך, אַן אויסוואורף, אין עלענד געשלאָסען,
פערלאנגען מיין מייסטער׳ס א זוהן פאר א חתן?

די כלה פון די בערג

אויף די אללעגיינע־בערגער *)
זעהט זיך א רואינע; —
דארטען ליגט אן אייגעפאל'נע,
אלטע קוילענמינע. ,

און ניט ווייט פון דיעזער חורבה,
איינזאם און פערלאזען,
שטעהט א שטיבעלע א קליינע
צווישען ווילדע גראזען.

דארטען פלעגט דער אלטער בערגמאן
רוה ביי נאכט געפינען;
דארטען פלעגען זיפצען קלינגען,
שטילע טרעהרען רינען.

דאר די וויסטע קוילענמינע —
דארט איז בלוט געפלאסען:

*) די אללעגיינע בערג געפינען זיך אין פענסילווייניע און ווירדזשיניא סטייטס און זיינען זעהר רייך אין קוילען מינעס.

אונטען ליעגט דער גוטער אלטער
און זיין טאָכטער'ס חתן.

און זיין פרומע, שעהנע טאָכטער,
אך, וואָס קען זיין ערגער ?
וואנדעלט מיט א גייסט א קראנקען
אויף דיא שטומע בערגער.

איינזאם לעבט זיא צווישען שטיינער,
אָהן א טרייסט, אָהן האָפען ;
שפעט ביי נאכט נאָר אויף דער מינע
ווערט זיא שטיל אנשלאָפען.

דאָך וויא גיך זיא שלאָפט נאָר איין דאָרט
שפיעלען דיא כלי זמרים,
און איהר טאטע און איהר חתן
עפענען דיא קברים.

און מיט זיי דיא בערג לייט אלע,
אלע מיט געזאנגען —
און ניט ווייט דאָרט פון דעם קלויסטער
הערט מען דומפפע קלאנגען.

שטום אנשוויגען, וויא דער קבר,
שווארץ און בלוט בעגאָסען,

נעהמט אין אָרעם זיין געליעבטע
דער פערקיהלטער חתן.

גלייך טרעט צו דער אלטער טאטע,
דורכגעבּרענט מיט וואונדען,
וויינט און בענשט דיא קינדער זיינע,
זיפצט און ווערט פערשוואונדען.

דאָ פערשטומען דיא כלי זמרים
און דיא גלאָקען אלע,—
אלעס שווינד'ט און שוייגט; עס בלייבען
נאָר דיא חתן־כלה.

און זיי בלייבען און זיי טאנצען
רוהיג, קיינער שטערט ניט,
ביז עס גיט א וואונק פון ערגעץ,
און דער חתן ווערט ניט.

דאָ שפּרינגט אויף דעם טויטענס כלה:
„אָ, דיא מענשענשעכטער!“
און פערשווינדעט אין דיא בערגער
מיט א ווילד געלעכטער.

דיא סוועט שאפּ

ן ∙אָרנער וועה און עלענד שטעהט אַן אַלטע הייזעל:
אונטען איז א שענקעל, אויבען איז א קלייזעל.
אונטען קומען לומפּען אויפּטהאָן נאָר נבלות,
אויבען קומען אידען, קלאָגען אויפּ'ן גלות.

אָבער העכער, העכער: אויפּ'ן דריטען גאָרען,
איז פאראן א צימער, — וועה צו זיינע יאָהרען!
זעלטען ווען געוואשען, זעלטען ווען גערייניגט, —
טונקעלקייט און בלאָטע זיינען דאָרט פעראייניגט.

אָט אין דיעזען מקום ארבייטען זיך פלייסיג
און צופריעדען, דאכט זיך, ביי אַן ערך דרייסיג
אָפּגעצעהרטע מענער, אָפּגעצעהרטע ווייבער,
מיט צודריקטע גייסטער און פערוועלקטע לייבער.

דאָרטען געהט ארום זיך מאָטקע פארך א בייזער,
שפּילענדיג דיא ראָלע פון א גאנצען קייזער,
דען ער איז דער מייסטער און דיא שאפּ איז זיינע,
און מען מוז איהם פאָלגען, פאָלגען אָהן א טענה.

דיא אָרימע געזינד

ע ס שטעהט אן אָרעמע געזינד
אין קאורט הויז פאר דעם ריכטער,
פערמאַטערטע פון לעבען מיעד,
מיט מאָגערע געזיכטער.
דער פאָטער איז א קראנקער מאן,
דיא מוטער — שוואך, געבראָכען:
דיא עופּה'לעך דיא בידנע פיער, —
נאָר דארע הויט און קנאָכען.

אָ, זייער זינד איז זעהר גרויס,
איז גוואלטיג, צום ערשטוינען!
זיי האָבען מעהר קיין היים פיר זיך,
קיין דירה, וואו צו וואוינען.
זיי קוקען אויף דעם ריכטער יעצט, —
זיי קענען דיא גרימאסען, —
זיי ווייסען שוין דעם ווילדען פסק
פיר וואנדלען אין דיא גאסען.

עס טרייבט זיי דיא גערעכטיגקייט
אלס בעטלער, וואגאבונדען,
פון דארף צו דארף, פון שטאָדט צו שטאָדט,
כמעט א יאָהר א רונדען.
זיי קענען יעדע תפיסה שוין,
זיי וויסען שוין דיא נאָרעס; —
דאָך שטארבען אָבער שטארבט זיך ניט,
עס לעבט זיך נאָך אויף צרות.

דער מוטער׳ס צונג איז וויא געלעהמט,
דער פאָטער פרעגט צוטראָגען:
„וואו דיינקסטו, ריכטער, וויימער אונז
מיט עופה׳לאך צו יאָגען?
אָ, לאָז אונז דאָ, דיא שטאָדט איז גרויס, —
מיר וועלען אפשר קריעגען
א מאָהלצייט ערגעץ וואו געשענקט,
אן אָרט אוואו צו ליעגען.

„און אויב איך ווער א מאָל געזונד
(ביי גאָטט קען אלעס ווערען),
וועל איך מיין ווייב און קינדער נאָך
מיט צערטליכקייט ערנעהרען.
אָ, לאָז אונז, ריכטער, לאָז אונז דאָ,
פערבלייבען צווישען מענשען!

אָ גיעב, אנשטאָט צו פלוכען דיך,
געלעגענהייט צו בענשען!"

דער ריכטער מעסט דעם קראנקען אָפּ
מיט זיינע ביסטרע בליקען:
„אָ, ניין, איך וועל אייך אלע זעקס
פון דאנען מעהר ניט שיקען.
איהר ביידע נאָר וועט מוזען געהן,
דיא קינדער וועלען בלייבען;
איך וועל פיר זיי אין וויזענהויז
א פרייען פּלאטץ פערשרייבען".

דער פאָטער ווערט פאר שרעק פערשטומט
דיא מוטער פאַנגט אָן שרייען:
„אָ, ניין, דאָס וועט אין הימעל גאָטט
אייך קיינמאָהל ניט פערצייהען.
און נעהמט איהר מיינע קינדער צו,
טאָ נעהמט פאראיינס מיין לעבען; —
אָ, ניין, איך וועל דיא קינדער אייך
אויף קיינעם פאל ניט געבען.

איך האָב מיט בלוט געזויגען זיי,
ערצויגען ביז אצינדער, —
איך וועל אויך וייטער בעטלען געהן
און שפּייזען מיינע קינדער.

איך ווייס, איך ווייס, דאָס וועט ניט זיין,
דו לאכסט עס נאָר, דו שפּיעלסט נאָר,
אָ, לאָז דיא עופה׳לאך ביי מיר
און טרייב אונז, וואו דו ווילסט נאָר!“

דער ריכטער ענטפערט מעהר קיין וואָרט,
ער ענדיגט דיא פּאפּירען:—
איהם ארט דיא מוטער׳ס ווערטער ניט,
איהם קען איהר וועה ניט ריהרען.
דער משפט, ער איז אויסגערעדט, —
און קען ער זיין נאָך ווילדער?
אָ, דאָפּעלט פלוך אויף דער סיסטעם,
וואָס שאפט אזעלכע בילדער!

פרצווייפעלטע קולות

און כל זמן געלד וועט קלינגען,
וועט מען דאָס לידעל זינגען.

די סטרייקענדע וועבער ציטרען:
„ווען וועלען מיר אָנהויבען לעבען?“
זיי הערען א קול א ביטרען:
„ווען איהר וועט פערשטעהן ווי צו וועבען“....

די סטרייקענדע פארבער פרעגען:
„וויא לאנג וועלען מיר פערדארבען?“
זיי ענטפערט א קול אנטקעגען:
„ביז איהר וועט פערשטעהן וויא צו פארבען“

די סטרייקענדע שניידער שטרייטען:
„וויא לאנג וועלען מיר מוזען ליידען?
זיי ענטפערט א קול פון ווייטען:
ביז איהר וועט פערשטעהן וויא צו שניידען“

די סטרייקענדע מיינער קלאָגען:
„וויא לאנג וועלען מיר צרות האָבען?"
זיי הערען א שטימע זאָגען:
„ביז איהר וועט פערשטעהן וויא צו גראָבען"....

אזוי נאָכאנאנד אלץ געהען
די פראגען און ענטפערס, און קומען, —
איך הער זיך דאָס איין מיט וועהען
און פרעג: ווען וועלען זיי פערשטומען?"

שיסט דיא בעסטיע

לאָדט אָן דיא ביקסען, שפּאַרט קיין בליי
און שיסט דעם מיינער אין זיין נויט,
ער שטארבט דאָך זעלטען סיי וויא סיי
מיט אַ נאַטירליך, מענשליך טויט.
וואָס האָט אַ מיינער פּאַר אַ ווערטה?
ניט איצט איז שפּעטער, מאַכט א סוף!
ער ליעגט דאָך סיי וויא סיי אין דר'ערד,
איהר שיסט א מת, אייך קומט קיין שטראָף.

וואָס אַרט א מיינער דען דיא נאַכט?
וואו טרייסט איהם ליכט? וואו קוויקט איהם שיין?
אַ מענש וואָס ליעגט אין שווארצען שאַכט
און הערט וויא בערג נאָר פאלען איין.
א מיינער שרעקט דער טויט ניט — ניין!
לאָדט אָן דיא ביקסען, פייערט אָפּ!
זיין אַרט איז אונטען, זאָל ער געהן
און ניט פערדרעהען דאָ א קאָפּ.

וואָס דאַרף אַ מענש, וואָס ליעגט אין גרוב?
וואָס וויל אַ שקלאַוו, וואָס האָט קיין טאָג,
אַ שעהנע קלייד, אַ פיינע שטוב,
אַ גרויסען לוין? צו וועלכען קלאָג?
אָ, פייערט אָפּ, ניט שפּאָרט קיין בליי!
א מיינער'ס בלוט מעג רינען פריי,
אָ, פייערט אָפּ, ניט שפּאָרט קיין שראָט —
איהם הערט קיין מענש, איהם העלפט קיין גאָטט.

דער לייב

װאָס רוקסט איהר אלץ דיא פלייש אין זיך,
אונ שמייסט צו מיר דיא ביינער ?
וואָס מיינט איהר, וואָס ? א הונד בין איך,
א הונד מיט קהל'שע צייהנער?

א הונד וואָס לויפט ארום אין גאַס
אונ נעכטיגט אויף דיא בריקלאך,
אונ ווען איהם פאלט א ביין צום שפּאַס
איז ער שוין איבער גליקליך ?

א הונד וואָס כאפט א בים אין קיך,
ערנידעריגט אונ שפּל,
אונ לעקט דערפאר דעם ווירטה דיא שיך,
דער ווירטהין דיא פאנטאָפעל ?

אָ, ציטערט ! דען איך בין דער לייב, —
ניט שפּיעלט מיט מיר אין שפּיצלאך,
דען קוים דערלאנג איך מיך א הייב,
צופלייש איך אייך אויף פיצלאך !

איך קען דיא סטעפּ, איך קען דעם וואלד,
איך בין אין יאכט געבאָרען,
איך טהו א ברום, עס ווערט א גוואלד, —
און איהר דערקענט מיין צאָרן.

ניט קוקט זיך איין וואָס איך פערשוויג,
ניט האלט מיך פאר א שוטה, —
עס קומט דער טאָג, איך ברעך דיא שטייג
און איהר בלייבט ליעגען טויטע....

איך סטרייק

א סוף זאָל דאָס נעהמען מיט נאָדעל און שעהר!
איך בין מעהר קיין שניידער; איך ארבייט ניט מעהר!
איך טהו מעהר קיין שניט ניט; איך טהו מעהר קיין שטאָך,—
געענדיגט אן עסק און כאפט עס א בראָך!

איך ארבייט, און ארבייט אלץ, זייט איך גערענק,
און וואָס האָב איך אָפגעשפּארט פרעגט מיך? א קרענק.
וויא לאנג איז דער שיעור צו פערבלייבען א פערד?
איך ארבייט ניט לענגער און געהט עס אין דר'ערד!

מען זאָגט עס איז דאָ אצינד ארבייט לרוב, —
וואָס העלפט דאָס? איך בלייב אלץ דער זעלבער בעל חוב.
איך ארבייט און ארבייט און ווייסט איהר צו וואָס?
צו שפּייזען א סוועטער, א לומפּיגען באָס.

אָ, זייט איך בין שניידער האָב איך שוין צונייט
א ים מיט מלבושים, א וועלט שוין בעקליידט —
דאָך וואָס קומט ארוים צו איך נעה צו איך סטאָפּ,
א שרפה מעג קומען אלץ איינס אויף דער שאָפּ.

דערטרונקען

א טראַגעדיע.

דער העלד פון דער טראַגעדיע איז מאוריץ, אן ארבייטער.

דיא ביהנע שטעלט פאָר א געגענד הינטער ניו יאָרק נעבען א וואסער. עס איז א מיאוס'ער, נאסער און קאלטער הערבסט-וועטער. עס וואָיעט דער ווינד און פון דיא בוימער ארום פאלען הויפענסווייז אויף דער ערד דיא דורכגערעגענטע טוידטע בלעטער. אין הינטער גרונד זעהט זיך א פאבריק מיט אהויכען קוימען פון וועלכען עס געהט א שווארצער רויך. מאָוריץ א קראנקער, בלאסער אָרימאן מיט א־ין האנד, אויף דעם ארט פון דער אנדער האנד העננט א לעדיגער ארבעל, וועלכער ווארפט זיך אום ווען מאוריץ בעוועגט זיך. ער קוקט זיך אום, פונקט וויא ער וואָלט פאר אימיצען מורא געהאט און דאן פאנגט ער אָן צו טענה'ן.

מאוריץ.

דער רעגען פאטשט, עס קרעכצט דער ווינד!
איך בין דורכגענעצט, —
אָ, זייט געזונד מיר, ווייב און קינד

איך פערלאז אייך יעצט.
עס איז בעשטימט. מיך צווינגט דיא נויטה
האב ניט מעהר געקענט —
מיך טרייבט דיא קינדערס שטימע: „ברויט“!
און דעם לענדלאַרדס: „רענט“.
וואוהין איך געה? איך וויס ניט וואו!
דיא היים האט מעהר פאר מיר קיין רוה—
נו, שטאַרקער, ווינדען, פייפט מיר צו!

מיין פרוי און קינדער, אך וויא שעהן!
דאך, געליעבטע, הערט!
איך וויל אייך קושען, שרייט עס: „ניין!
דאס איז דיר פערשטערט“!
דאס אינגסטע וויינט, דאס עלטסטע רעדט.....
א, דוא בעזע שעה!
איהר וועט היינט געהן אליין צו בעט
איך בין מעהר ניטא.
עס רייסט מיך ווילד אוועק פון אייך,
מיין באס איז שלעכט, מיין לענדלאַרד רייך,
דער דונער ראלט, עס רוישט דער טייך.

דער ווינד לאָזט זיך הערען, עס דונערט און בליצט, פון דער פאבריק טראָגט זיך א פייפערריי אלס צייכען אז דער טאָג ארבייט איז געענדיגט און עס פאנגט אָן צו ווערען דונקעלער. מאוריץ קעהרט זיך אום צום פאבריק און הערט זיך איין, דאן זעצט ער פאָרט מיט אויפרעגונג.

דאָס איז דיא פינסטערע פאבריק,
דאָרטען ליעגט מיין האנד!.....
עס פייפט, אָ, שרעקליכע מוזיק!
גרויסע, גרויסע שאנד!
אָ, אלע רעדער זיינען רויט,
און עס רייסט דאָס לייב....
עס זינקט דיא זונן, דער טאָג איז טוידט,
איך נאָר איינער בלייב...
איך זעה דיא טרעהרען, זעה דאָס בלוט,
זיי מישען זיך מיט דיעזער פלוט....
אָ, הוזשעט, כוואליעס, ניט גערוהט!

עס הערט זיך וויא דער ווינד, מיועט און רוישט צווישען דיא דארע צווייגען, וואָס טריפען וואסער. דער רעגען ווערט שטארקער, דונקעלע שאטענס וועבען ארום דיא ערד, עס ווערט פינסטער, פון דער ווייטען הערט זיך א געזאנג און א קלינגעריי פון קירכען גלאָ־קען. מאוריץ הערט זיך איין און רעדט האלב אונזיכער.

מיין פרוי, זיא זיפצט און קרעכצעט שטילל,
זיא רעדט שוין גאָר ניט מעהר.
יא, וויינען וויינט זיא זעהר פיעל,

נור ריידען איז איהר שווער...
זיי שטיל, זיי שטיל, ניט טהו דאָס, ניין!
עס איז צו גרויס דער צער.
דיא קינדער הערען דיין געוויין
און שרעקען זיך דערפאר...

ער געהט צו נאָהענט צום ריווער און הערט זיך איין וויא דאָס וואסער רוישט. ער נעהמט דיא טוידטע בלעטער פון דער ערד אוןווארפט זיי אין דיא וועלען, ער רעדט מיט נערוועזע אויפרעגונג און ציטערט מיט אללע גליעדער.

איך הער א וואָרט,
איך הער א סך ווערטער,
עס רופט מיך דארט,
אין דיא דונק'לע ערטער,
ברום, שטורם, ברום,
איך קום. איך קום.

איך זעה נאָר האס
און טייוועלשעס בעגעהרען,
דיא ערד איז נאס
פון מענשענס הייסע טרעהרען,
ועה, שטורם, וועה,
איך געה, איך געה.

א פרוי.... א קינד....

וויא שרעקליך! וויא מסוכן!
ווען גאָט איז בלינד,
וואָס זאָל דער מענש נאָך קוקען?
שלינג, שטראָם, מיך איין, —
א פלוך דעם זיין!

ער שפּרינגט אריין אין וואסער און ווערט פערשוואונדען. פון פאבריק ציהען זיך ארויס א מאססע ארבייטער, וועלכע געהן לאנג־זאם פארביי דעם אָרט פון דער טראגעדיע און ריידען צוזאמען און לא־כען. די מיידלאך מיט די באָיס געהן שטיפענדיג פארביי. עס יאגען זיך האסטיג דורך צוויי אויטאָמאָבילס; עס הערט זיך פון וייטען דער געזאנג פון שכורים און דער פאָרהאנג לאָזט זיך לאנגזאם ארונ־טער.

אויפ'ן טויטען-גאָרטען

(א טרוים.)

דיא נאַכט איז א שטילע עס לייכט דיא לבנה,
עס פינקלען דיא שטערען אין הימעל ; —
מיך טראָגט דער בעל־חלום דורך טויט און דורך לעבען,
און הערט, וואָס מיר חלום'ט אין דרימעל!

אן אלטער בית עולם, צו־וואָרפענע קברים,
בעגראָבענע גליקען און צרות ;
דאָ ליעגען דיא גוטע, דאָ ליעגען דיא שלעכטע,
דאָ רוהען דיא קנעכט וויא דיא שררות.

אָט וואו ניט וואו חלום'ט א ווערבע א שטילע,
א ווינטעלע וויעגט איהרע צווייגען ; —
איך שטעה דאָרט געבראָכען און הער ניט קיין ווערטער, —
דיא טויטע, דיא טויטע, זיי שווייגען.

איך שטעה און בעטראכט ארום מיר דיא מצבות,
דיא הונדערטע בערגלאך דיא שטומע;
איך זעה דאָרטען קברים, און קענטיג אויך קברים
פון אָרימע, רייכע, און פרומע.

עס טראָגט זיך א ווינטעל און לאַשטשעט דיא גריבער,
עס וויעגען זיך אויבען דיא בלעטלאך:
„א הייליגע רוהע אויף אייך אין דיא קברים,
א הייליגע רוה אין דיא בעטלאך".

איך שטעה און עס גרוילט מיך! עס רעדט דער בעל חלום:
„אין דרום זייט זעה און אין צפון!
בעטראכט פון דיא זייטען צוויי שטילע געלעגערס, —
פערשטייסטו זיי? זאָג עס מיר אָפען!"

איך זעה, וויא פערשיעדען עס זיינען דיא קברים!
וויא קען דאָ פערשיעדענהייט קומען?
פארוואָס איז אָט דער בערגעל נעבאך א הוילער,
וויא קומען אויף יענעם דיא בלומען?

„פערשטעהסטו, זאָג, מענש, פארוואָס דאָ וואקסען בלומען,
און דאָרט זעהסטו זאמד נאָר און שטיינער?"
האָט מיך דער בעל חלום געפרעגט און געשוואָרען,
אז ער וויים דעם סוד און מעהר קיינער.

„אָט דאָ אונטער דיעזען בעוואקסענעם בערגעל, —
דער מענש האָט בעלאנגט צו דיא שינדער,
ופלעגט מאטערען שוואכע און פייניגען ביטער
דיא אָרעמע ארבייטער־קינדער.

„ער האָט א מאָל ארבייטער בלוט נאָר געזויגען,
געפרעסען דיא עלענדע שקלאַווען; —

דערפון פלעגען קוועלען ביי איהם זיינע גליעדער,
אַז דאָס האָט איהם פעטקייט געשאַפען.

„און יעצט איז פון ארבייטער'ס ארעמע כחות,
וואָס ער האָט פערפרעסען פערנומען,
דער דאָזיגער גערטעלע אויבען געוואָרען, —
דאָס זיינען דעם ארבייטערס בלומען!

„אָן דאָרט צו דעם נאקעטען בערגעל בעלאנגט עס!
דאָס זיינען דעם ארבייטערס קוויטען!
דאָס וואקסט פון זיין מארך, פון זיין בלוט, זיינע טרעהרען,
וואָס ער האָט געאָפּפערט דעם צווייטען".

עס בלאָזט זיך א ווינטעלע שטיל דורך דיא קברים,
עס טענה'ט דער טויטען־גאָרטען:
„דיא בלומען, דיא בלומען, זיי זיינען גע'גנב'עט,
אָן דאָרטען בעלאנגען זיי, דאָרטען!"

און העפטיגער טראָגט זיך דער ווינד דורך דיא גריבער,
אזוי וויא צו וועקען דיא טויטע, —
עס הערען זיך ווערטער, גאָר שרעקליכע ווערטער:
„דער שוטה, דער אָרעמער שוטה!"

און גלייך האָט דעם ארבייטער'ס גרוב זיך געשפּאָלטען,
דער מת האָט געדונערט מיט צאָרען:

„אָ, ניט נאָר די בלומען אליין זיינען מיינע, —
די ברעטער זאָגאר פון זיין אָרון.

„און ניט נאָר די ברעטער אַליין פון זיין ארון.
תכריכים, אויך איהר זייט ניט זיינע!
דאָס האָט ער דורך מיר, דורך מיין אָרעמע פראצע, —
יא, אלעם און אלעם איז מיינע!"

נאָכדעם איז דער טוידטער ארויף אין דער לופטען
מיט קולות. „דאָס וועט אייך נאָך קאָסטען!"
און האָט זיינע פינגער אין פויסטען פערבראָכען,
און האָט אויף דער וועלט זיך פערמאָסטען.

פאר שרעקענים האָב איך ערוואַכט פון מיין חלום,
דאָך קלינגט מיר אין אויער די טענה:
„אָ, ניט נאָר די בלומען אליין זיינען גנבה,
נאָר אַלעם און אַלעם איז מיינע!"

צו דיא וועלט פערשלינגער

א ביסעל מעהר, אַ ביסעל קנאַפּער,
וואָס האַבעוועסטו שאָטען־כאַפּער?
וואָס ניצט דאָס ווילדע יאָגען,
ווען דאָס פערבלייבט דעם קבר'ס קרבן
און אלעס וואָס דוא האָסט ערוואָרבען,
וועט מעהר קיין טאָג בעטאָגען!

דער שוואַרצער קאָסע־מאַן וועט קומען
און וועט דיר דיינע שעהנסטע בלומען
פון לעבענספעלד פערשניידען;
דו מעגסט וויא פעסט זיך געגען שטעלען,
דער טוידט מוז הערען צייט'ם בעפעהלען
און קיינ'ם און קיינעם מיידען.

ס'פערלאָזען ענדליך דיך, געבראָכען,
דיין מוטה, דיין קראַפט און דיין נצחון,
אַ, שרעקליכע מרידה!
אַ קאַלטער שוים בעגיסט דיא ליפּען—
דאָס קומט דיא גסיסה אָפּצוקניפּען
דעם לעבענס לעצטע חידה.

דו רופסט אום הילף און בלייבסט בעטראָגען,
דו זעהסט דיא ענדע פון דיין יאָגען.
וואָס האָסטו דאָ ערוואָרבען ?
וואו איז דיין גליק ? אָ, אָר'מער יעגער!
עס קומען קאַלטע מיטה־טרעגער,
א בעטלער איז געשטאָרבען !

אָ ביסעל מעהר, אָ ביסעל קנאַפּער,
עס געהט אַרום אַן אַלטער האַפּער
אָ מורא'דיגער האַסער,
און כאַפּט צו אַלעס, אַלעס, אַלעס,
און וואַרפט עס אין דיא שטומע כוואַלעס,
פון דעם פערגעסטנהייטס וואַסער.

דער ברעדלי מארטין באלל *)

דאס איז דער ברעדלי־מארטין באל
פול פרעכטיגקייט און צויבער!
דאס טאנצען ווילד אין וואלדארף'ס זאל
דעם פאלק'ס מיליאנען־רויבער.

דארט פליסט דער וויין, דארט רוישט מוזיק,
דארט איז דער עולם הייטער;
דארט געהט דיא צייט, דיא וועלט צוריק,
אנשטאט צו שפאנען ווייטער.

דארט קאסט א הונדערטער א בלום,
און טויזענדער א שטיינדעל

---

*) דיעזעס געדיכט איז געשאפען געווארען אין דער צייט פון דעם גרויסען קריזיס אין אמעריקא, ווען מענשען זיינען געשטארבען אין דיא גאסען פון הונגער. מרס. ברעדלי מארטין האט דאן געמאכט א גלענצענדען מאסקענבאל.

און מעהר נאָך, מעהר נאָך אַ קאָסטיום,
אונ מעהר אַ פאַלשער חן'דעל.

דאָך דאָס איז אלעס שוין געוועז,
ניטאָ אין דעם קיין נייעס —
דיא אַלטע וועלט האָט שוין געזעהן
פיעל גרעסערע הולטאיעס.

ס'איז ניט דער ערשטער מאַסקענגלאַנץ
אויף דער היסטאָריעס סצענע,
און ענדען וועט זיך דיעזער טאַנץ,
אַזוי וויא דאַמאַלס יענע...

* * *

דאָס איז דער ברעדלי־מארטין באַל,
אכט הונדערט געסט צוזאַמען!
דאָ אַרבייט אַללעס מיט דער גאַל
דיא פרינצען נאַכצואַהמען.

דאָך אונזרע חברה פאַלט עס שווער,
דאָ העלפט עס אויך קיין מינץ ניט, —
דער גרעסטער הולטאי־מיליאָנער
איז לאַנגע נאָך קיין פרינץ ניט...

נאָר עט, וואָס ווייסען זיי פון שאַנד.
ווער וועט עס זיי ערקלעהרען?

זיי זיינען הערשער דאָ אין לאַנד,
זיי זיינען מיליאָנערען.

זיי הערשען ווילד, אין יעדער אָרט,
מיט שטאָלצער, פרעכער מינע,
זיי הערשען דאָ זיי הערשען דאָרט,
בעהערשען דיא מדינה.

ווען זיי פערווילט זיך ... נאָר גענוג!
מען וויים, מען וויים, איך רעכען,
דאָס ביז אַ צייט נאָר דינט דער קרוג,
ער מוז זיך ענדליך ברעכען..

* * *

דאָס איז דער ברעדלי־מארטין־באָל!
דאָ האָט דער גאָלדנער גולם
אַ פּאראַדיז אין יאָמערטהאל,
א טאנץ אויף דעם בית עולם.

דען זעהט דיא מאסע קראנק און בלאס!
פערהונגערט און צופראָרען!
דער שעהנסטער, בעסטער מענשענקלאס
מוז שטעהן אין גאס און שנאָרען.

אָט האלטען זיי יעצט אויסגעשטרעקט
דיא הענד, דיא איגנאָראנטען,

וואָס האָבען וואלדאָרף'ס געסט בעדעקט
מיט בלומען און בריליאנטען.

און מיסים ברעדלי מארטין לאכט,
דיא „פירסטין פון נאוואַרא" —
אוי וועה! אזוי פיעל גלאנץ און פּראכט,
אין דיעזער נויטה'ס זאהארא!

אַ וועה! צו מיידען נאָך דיא שטראָף
און זיין אזוי פיעל שולדיג, —
אַ, פאָלק, ווען וואכסטו אויף פון שלאָף?
ווען ווערסטו אונגעדולדיג?

אַ טרוים

ווען אלץ איז שטיל ארום,
וויא אויסגעשטאָרבען, שטום, —
קיין שאָרך, קיין פּיפּס, קיין ריהר,
אין טיעפקייט פון דער נאכט,
וויא דורך א צויבערמאכט,
בעוויזט זיא זיך פאר מיר.

א בלאָנדע, שעהנע ווייב,
וויא שנעע איז ווייס איהר לייב.
נאָר בלאס דיא באקען, בלאס; —
דיא שולטער פעסט און קלאָר,
פערציערט מיט גאָלד'נע האָר,
נאָר נאס דיא אויגען, נאס.

זיא קוקט מיך אן און שווייגט,
הייבט אויף דיא הענד און צייגט:
עס הענגט א קייט אראָפּ; —
איך פיהל, איך ווייס איהר מיין,
און ענדליך מיט געוויין
פערלאנגט זיא: „שלים מיך אָפּ!"

מיין הערץ ווערט הייס, צוגליהט,
איך לויף מיט שנעלע טריט
און חאפ זיך צו דער קייט ;—
אָ וועה, איך פאַל צוריק !,
א שלאנג, — אי לאנג אי דיק,
איז דאָרט ארום געדרעהט.

איך שריי, איך וועק, איך שטראָף,
דאָך שרעקליך איז דער שלאָף !
איך הער אָ כראָפעריי,
„אָ, הייבט זיך, הייבט זיך שנעל !
און זאָל עס ווערען העל, —
קומט מאכט דיא פרייהייט פריי !"

עס שווייגט ! נאָר איך אליין
צופלאץ, — נאָר וועק א שטיין !
עס ריהרט זיך ניט פון פלעק,
אָ רוף זיי יאָ צו ניט,
עס הייבט זיך ניט א טריט,
עס נעהמט קיין סוף, קיין עק.

דאָך ווער קען זעהן דאָס בילד
און זאָל ניט ווערען ווילד ;—
אָ סוף זאָל זיין, א סוף !
איך ווארף זיך אין געפאהר !
דאָ שרייט עס : „ווילדער נאר !"
איך כאָפ זיך אויף פון שלאָף....

פעדער שקלאפעריי

דיא פען און דיא שעהר

איך האב געמיינט דיא שאפ איז שלעכט
און בעסער דיא רעדאקציע,
אצינד בין איך א פעדער־קנעכט, —
א, שרעקליכע רעאקציע!

דיא פען, וואס האט ביי מיר געדיענט,
מוז איך אליין יעצט דיענען, —
איך וויין אויף יעדער טראפען טינט,
וואס איז פאראן דערינען.

א מאהל האב איך דיא וועלט בעקליידט,
בעמאנטעלט און בעיאקעט; —
אצינד בין איך אליין בענייט
און לאז דעם עולם נאקעט...

ווער קען זיך מאכען א בעגריעף
פון מיינע גרויסע ליידען? —
איך טראג מיין וועה אין הערצען טיעף
און מאר דערפון נים ריידען.

אָ, מאכט מיר ווידער אויף די שאפּ!
איך וועל דאָרט פיל פארטראָגען, —
אָ, צאפּ מיין בלוט, דו סוועטער, צאפּ! —
איך וועל א העלפט נאָר קלאָגען.

וועל שאפען ביטער, שאפען שווער,
יא, שאפען אָהן א טענה, —
פערדינגען קען איך נאָר די שעהר,
די פען מוז בלייבען מיינע!

פערקויפט

ניט געטרוימט און ניט געזונגען
שוין זייט לאנגע, לאנגע וואָכען.
אך, מיין הערץ ווערט מיר צושפרונגען!
אך, מיין הערץ ווערט מיר צובראָכען!
פעק מיט שורות מוז איך שמירען
און פערשווארצען מיינע יאהרען
און איך קען ניט מעהר שטאָלצירען
מיט מיין קונסט, — איך בין פערלאָרען!
איינגעשפאנט אין פראָסטען וואָגען
געהט דער כרוב, וואָס פלעגט מיך טראָגען
אין דיא הימלען, וואו עס בליהען
לעבענס שעהנע פאנטאזיען.

ווילדע קרייטער מוז איך זייען
און דיא בלומען מיינע שמאכטען
און איך דארף מיט דאָס זיך פרייען,
וואָס מיין זעעלע מוז פעראכטען.
סענזאציאָנען מוז איך קלעהרען,
צו געפעהלען זשוק און זשאבע. —

ווען, וואָס וועט פון דיכטער ווערען?
וואָס וועט ווערען פון זיין גאבע?
אוים, פערדונגען דיא געפיהלען,
דיא געדאנקען און דער ווילען,
און איך קען מעהר פריי ניט שוועבען
אין דער וועלט פון ליכט און לעבען.

אָ, איך פיהל, איך ווער דערטרונקען
דאָ, אין דיעזער טיעפער בלאָטע!
אָ, איך פיהל, איך ווער פערזונקען
און איך וויין אזש פאר חרטה.
וועה דעם שקלאוו אין סוועטערס העלע:
ביי דער פרעס, ביי דער מאשינע!
וועהער דעם, וואָס מוז זיין זעעלע
צופאסען צום עולם'ס מינע.
ניין, איך קען דאָ מעהר ניט זיטצען
און מיין גייסט אויף נישט פערניצען!
ניין, איך קען ניט מעהר דערביי זיין, —
מיין נשמה, זיא מוז פריי זיין!

אלץ איינס

ארבייט מיט'ן כח:
ארבייט מיט דיא הענד,
ארבייט מיט'ן מח:
ארבייט מיט טאלענט,
נעהען אָדער זינגען,
שירים אָדער שעהר, —
דארפסטו זיך פערדיענגען,
פאלט עס זעהר שווער.

זשורנאַליזמוס

היינט געשריעבען, היינט געלעזען
און אויף מאָרגען איז עס אלט.
אָ, וויא שווער דיא ארבייט פאלט!
אָ, וויא ווערט מען פאָרט גענעזען
פון דער מיה' וואָס האָט קיין ברכה,
פון דער שענדליכער מלאכה?
כאָטש א יאָהר בעפאָר מיין שטארבען,
גאָטט, ניט לאָז דערביי מיך דארבען!

א חבר

אבלייכער מאן מאכט אויף דיא טיהר
אונ ציטערט וויא א בלאטט.
מיט כבוד טרעט ער צו צו מיר
און זאָגט : „הערר ליטעראט !

„איהר דארפט דאָך שרייבען סיי וויא סיי
פאר אינט'רעסירען לייט, —
פערדאממט, איך בעט, דיא שקלאווערייי,
וואָס הערשט אין אונזער צייט.

„איך ארבייט ביי א שלעכטען מאן,
וואָס פאָדערט זעהר פיעל.
ער האלט מיך טאָג און נאַכט אין שפאן
און בלוט איז וואָס ער וויל.

„איך גיב איהם אָפּ מיין גאנצע צייט,
מיין יעדע שעה אין וואָך
און נאָר ער שילט, און נאָר ער שרייט
און נאָר ער פאָדערט נאָך.

„בעשרייבט ניט נאָר דעם יאָך אליין,

בעשרייבט דערצו דיא נויט:
דער לוין איז זעהער, זעהער קליין
און אָפטמאָהל פעהלט עס ברויט.

„אָ, זעהט מאזאָליעס! קוקט זיך איין!
דיא דלאָניעס הארט וויא שטאָהל! —
בעשרייבט, בעשרייבט דיא גרויסע פיין,
דיא צרות אָהן א צאָהל!

„נאָר אך, וויא זאָל מיין וואונש געשעהן?
וואָס העלפט דען מיין געוויין?
וויא קען א מענש וואָס פיהרט א פען,
דאָס פיהלען און פערשטעהן?"

געענדיגט האָט דער בלייכער קנעכט
זיין ביטערען געשריי.
„אָ, ניין. מיין פריינד, דו אורטהיילסט שלעכט",
האָב איך געזאָגט מיט וועה.

„מיין צייט ווערט אויך אומזיסט פערוועגדט,
בין אויך ניט קיין מאָנארך, —
דו טראָגסט מאזאָליעס אויף דיא הענד,
איך טראָג זיי אויף דיא מארך".

דער גהעטאָ בוים

אין הארץ פון ניו־יאָרק'ס גהעטטאָ,
אין ענגשאפט און אין קאָך,
דאָרט שטעהט א בוים אָן אלטער
און זיפצעט וועה און אָך.

ער קוקט זיך אום פערוואונדערט
און רעדט אליין צו זיך:
וויא עלענד און פערלאָזען,
וויא אונגליקליך בין איך!

נאָר מוטנע גאסען זעה איך
און הער א מאָדנעם גוואלד, —
וואו זייט איהר אלטע פייגעל?
וואו ביסטו אלטער וואלד?

וואו זייט איהר ווינטלאָך פרישע?
אָ, קומט דערלאַנגט א שטיף?
וואו ביסטו ריינער הימעל,
פערקלערט און בלוי, און טיעף?

וואו זייט איהר שטארקע ריעזען?
וואָס יאָגט איהר ניט פארביי
אויף איי'רע פערד דיא פלינקע
מיט מונטר'ע פייפעריי?

אָן אנדער צייט געדיינק איך,
געדיינק איך און איך טראכט:
וויא האָט א שטאָם פון העלדען
דאָ פריי און העל געלאכט!

וויא האָט דיא זונן געלויכטען,
דיא לערכע זים געטרעלט!
וויא האָבען לוסט און פריידען
בעהערשט א שעהנע וועלט!

דאָך איצטער זעה איך מילבען
זיך טומלען הין און הער, —
נאטור און מענש פערלאָזען....
דאָס לעבען וויסט און לער....

וואָס טהו איך, אַלטער יתום,
אליין אויף דיעזען פלעק?
איך האָב דיא פריינד פערלאָרען,
טאָ נעהמט מיך אויך אוועק!....

אָ, שניידט מיך אָפּ וואָס גיכער!
ניט לאָזט מיך לענגער שטיין
א טרויערענדע מצבה
אויף פרייהייט'ס גראָב אליין....

צו דיא בלומען אין הערבסט

בלומען, לעבענס שעהנסטע קינדער, ערדעס ציערונג,
זונן געקושט, געוועבט פון עטהער און פון שטראהלען,
ליעבעס איינציגע פערטרויטע קאמעראדען!
איהר, וואס זייט אלס פריהלינגס געסט דא איינגעלאדען,—
מיט צופריעדענע נאר קומט איהר אין בעריהרונג,
פרעמד פערבלייבט איהר דעם, וואס ווערט אין נויט פערפאלען.

אייער גלאנץ נאר שמייכעלט צו דיא זאטע ברואים,
וואס דער מזל האט בעעהרט מיט טויזענד גליקען:
דעם, וואס דער לאזורנער הימעל חנפ'עט, גלאנצט איהם,
קומט איהר חנ'עוודיג נאך, בלומען, און בעקראנצט איהם;
פרעמדע בלייבט איהר דעם, וואס באדט זיך אין ענוים
דארטען, וואו דעם לעבענס שווערע לאסטען דריקען.

דארט, וואו לוקסוס, חוצפה און געמיינהייט
הייבען דיא מיט עהרליכקייט־געפארבטע פליעגעל
דארט, בעזינגען אייך דעם שמייכלער'ס זיסע טענער,
זאטע פרויען פאטשען בראווא, זאטע מענער;
דארטען גלאנצט איהר אויף דער ברוסט פון פרעכע שיינהייט,
פוצט איהר אויסגעלאסענהייטס געשליפענעם שפיגעל...

דאָרום אַרט מיך יעצט ניט, ווען איך זעה אייך שטאַרבען,
קימערט מיך ניט, ווען איך הער דעם הערבסט־ווינד ברומען.
ניט פיר מיר האָט איהר געבליהט אין ליעבען זומער
ניט צו מיר האָט איהר געשמייכעלט אין מיין קומער,—
סיי וויא סיי פערבלייבען פרעמד מיר אייר'ע פאַרבען, —
וועלקט! כ'האָב פיר אייך קיין טרעהר, איהר שיינע בלומען

אין טרוים

גאנץ אָפּט אויף מיין געלעגער
אין מיטען פון דער נאכט,
ערשיינט פאר מיר דיא וואָרקשאפ,
דאָס אלטע ווען ערוואַכט:

א צימער שווארץ און רויכיג,
דיא לופט פערשטיקט און הייס,
איך שאף מיט אלע כוחות, —
פון פנים רינט דער שוויים.

דיא רעדער טומלען, שרעקליך!
דער מייסטער קוקט מיט כעס, —
אין מח רוישט א רעיון
און טרייבט צו משוגעת.

איך קרעכץ און צעהל דיא שטונדען,
וואָס ציהען זיך וויא טעג
און קלער: ווען וועט דאָס ענדען?
ווען קומט דאָס צו א ברעג?

דאָך פלוצלונג פייפט דאָס מיטאָג,
איך זיפץ א שווערען „אך“,
דאָס שרעקענס בילד פערשווינדעט,
איך ווין — און איך ערוואך.

א נבואה

אזוי וויא איהר קענט דיא געפעהרליכע מויל
פון ווילדען וואולקאן ניט פערמאכען,
ווען פלוצלונג ער קאָכט זיך פאנאנדער מיט גרויל
און ווארפט פון זיין גליהענדען ראכען
דיא יאָהרענלאנג קלייענדע גלוט מיט א גוואלט,
אזוי וועט איהר אויך ניט פערמאכען
דעם קראטער פון צאָרען, ביי דעם וואָס איהר האלט
פערשקלאפט איצט, ווען ער וועט ערוואכען.

איז שטיל, דאכט זיך, רוהיג, פון אויפרעגונג ווייט
און גיט זיין געדולד אייך צושטייער,
דאָך טיעף אין זיין בוזים פערפערטיגט דיא צייט
א גרויסען און שרעקליכען פייער...
און וועה, ווען דער דאָזיגער פייער ברעכט אוים!
אָ, וועה אייך פאר יענע מינוטען,
ווען ענדליך עס וועלען מיט שרעקען ארוים
דיא יאָהרענלאנג קלייענדע גלוטען!

אויף אייערע טעמפלען, אויף אייער פאלאסט,

אויף איי׳רע סאלאָנען זיך שפרייטען
וועט יענער געוואלטיגער פלאָם, מיט א האסט.
אויף אייערע ווענט מיט דיא קווייטען,
אין בלומענטאָפּ וועט ער פערצערען דיא רויז,
וואָס בליהט אייער ברוסט צו פערציערען
און לאָזען אייך נאקעט, און לאָזען אייך בלויז,
אין שאנדע צום קבר מארשירען.

צושמאָלצען וועט ווערען דער גאָלדענער געץ,
פאר וועלכען איהר קניעט און איהר פלאטערט,
און איהר, אין זיין הייסע און בלוטיגע פעטס....
וועט ווערען צוקאָכט און געפּטר׳ט;
זאָגאר אויף דיא בערג וועט איהר טרעפען דעם בראנד
פערצעהרען דעם שפּיץ פון דיא אייכען —
אומזיסט וועט איהר הויבען צום הימעל דיא האַנד,
איהר וועט איהם ניט קענען דערגרייכען!

דען העכער וועט ווערען אין יענעם מאָמענט
דער הימעל, גאָטט וועט זיך ערהויבען
און אָפּקעהרען פון דיא פערבלוטיגטע הענט,
פערשמירטע פון מאָרדען און רויבען.
און איהר וועט דאן בלייבען א רויב צו דעם כעס,
וואָס איהר נאָר אליין האָט געשאפען,
דורך אייער צולאָזענקייט און משוגעת —
אין אייערע עלענדע שקלאפען..

פון מזרח ביז מעריב וועט גרייכען דער פלאם.
פון דרום ביז צפון זיך ציהען, —
ער וועט וויא א וואונדער אריבער דעם ים
און קומען וויא כשוף צופליהען.
עס וועט קיין פערלעגענער ווינקעל ניט זיין,
וואו איהר וועט זיך קענען פערשטעקען,
דען העל וועט עס זיין איבעראל פון א שיין,
וואס וועט אויף אייך ווייזען מיט שרעקען

א, דאן וועט איהר זעהן אייער שרעקליכען סוף,
פון וועלכען איהר ווילט יעצט ניט הערען
דאס וועלט־געריכט וועט אייך בעשטימען דיא שטראף
און איהר וועט ניט קענען זיך וועהרען
איהר וועט, וויא א חלום אין דונקעלער נאכט,
פערשווינדען אין רויך און אין שאטען,
און ענדיגען וועט זיך דיא הערשאפט פון מאכט
געשטיצט אויף דער קראפט פון הארמאטען.

נאַציאָנאַלע און פאָלקס ליעדער


Lilien

ירושלים

א, ניין, איך קען אין פרעמדע לענדער
ניט בעטלען געהן א היים מיט שאנד, —
נאָך בינדען אלטע ליעבעס־בענדער
מיך פעסט צו מיין געליעבטעס לאנד.

נאָך ווערען פול דיא מיעדע אויגען,
ווען איך דערמאָן מיך אָן אַמאָל,
ווען איך האָבֿ זיסע רוה געזויגען
און ניט געהערט דעם טרייבערס קול.

ווען איך האָב ניט געקענט דעם האַסער
און האָב דעם עלענד ניט געפיהלט,
ווען איך האָב ביי דעם ירדן׳ס וואסער
געשטיפט, געזונגען און געשפּיעלט.

ווען איך האָבֿ מיינע שאָף געפיטערט,
און נעבֿען מיר האָט זיס און פרום
אין הייסער ליעבֿע שטיל געציטערט
ירושלים׳ס שעהנסטע בלום.

נאָך ווערט דיא ברוסט מיר פול מיט פריידען,
וועז איך געדענק דיא אַלטע צייט, —
מיר דאַכט, איך הער דיא טוידטע ריידען
צו מיר פון וייט, פון זעהר וייט.

מיר דאַכט איך הער בעקאַנטע שטימען
מיך רופען: „קום אהיים צוריק!"
און טיעף אין הערץ פאנגט אָן צו גלימען
אַ האָפנונג אויף אַ נייעם גליק.

מיר דאכט, איך זעה דעם כרמל וויעדער,
דעם שרון גרינען פון דאָס ניי.
עס שמעקט דיא לופט עס קלינגען ליעדער, —
עס קומט צוריק מיין ערשטער מאַי....

מיר דאכט.... און כל זמן מיר ועט דאכטען,
וועל איך ניט אויסשטעלען מיין האנד
צו דיא, וואָס קענען מיך ניט אַכטען,
און בעטען זיי אַ היים מיט שאנד.

אַ, ניין, איך קען אין פרעמדע לענדער
ניט אומגעהן זוכען א בעשטאנד,
נאָך בינדען אלטע ליעבעס בענדער
מיך פעסט צו מיין געליעבטעם לאנד.

אין זיין האנד

בעקימערט און צוטראָגען בלייב איך שטעהען,
וואו אללע וועגען טהיילען זיך פאַנאַנדער
פון אויבען הער איך שרייט אַ שטימע: „וואַנדער!"
דאָך, גרויסער גאָט, איך ווייס ניט וואו צו געהען!

איך ווייס ניט וועלכער וועג עס פיהרט מיך דאָרט,
וואו ס'וועט דיא זונן מיר ענדליך העל ערשיינען,
וואו מיינע אמת'ע געטרייע זיינען,
און וואו עס װארט אויף מיר א פריעדליך אָרט.

עס ציהען פאר מיין פייכטען בליק זיך לאנג
און ברייט, און ווייט אװעק דיא גראָהע פעלדער
פערליערענדיג זיך אין דיא טיעפע וועלדער, —
דיא וועגען ווייזען אויף א ווייטען גאנג.

עס קלאפּט דאָס הערץ פאר אויפרעגונג און שרעק,
פאר גרויל און צווייפעל געהען אוים דיא קרעפטען,
דיא מיעדע פים צום קאלטען באָדען העפטען,
נאָר דיא געדאַנקען שוועבען ווייט אוועק.

דאָך „וואַנדער", „וואַנדער" שרייט עס נאָכאַנאַנד
אוּן ווידער נעהמען מיינע פיס זיך ריהרען,
איך געה! צו טרעפען אָדער צו פעראירען —
איך גיב מיך איבער, גאָט, צו דיר אין האַנד.

האָסט דורכגעפיהרט דעם ים מיך ביז א ברעג,
דעם מדבר וואו עס וואַקסען ניט קיין גראָזען,
דו ועסט מיך ווייטער אויך ניט אירען לאָזען
און מיך בעשיצען אויף מיין ווייטען וועג

איך פאָלג דיך, מיין געביטער און מיין האַרר:
איך געה, ווייל איך קען לענגער שטעהן ניט בלייבען,
דוא וועסט געוויס מיך ניט אין אונגליק טרייבען,
ניט לענקען מיינע טריט מיר צו געפאַהר.

און בלייבענדיג צו דיר, מיין גאָטט, געטריי,
נעהם איך מיט מוטה מיין אַלטען וואַנדער שטעקען
און מעגען שטרויכלונגען מיין יעדען טריט בעדעקען—
מיין זיין האָסטו געזיכערט סיי וויא סיי.

א גלות מאַרש

מ יט דעם וואַנדערשטאָב אין האַנד,
אָהן אַ היים און אָהן אַ לאַנד;
אָהן אַ גואל, אָהן אַ פריינד,
אָהן אַ מאָרגען, אָהן אַ היינט, —
ניט געדולדעט נאָר געיאָגט,
וואו גענעכטיגט ניט געטאָגט,
אימער וועה, וועה, וועה,
אימער געה, געה, געה,
אימער שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן,
כל זמן כח איז פאַראַן.

אונזער גבורה ליעגט אין שטויב,
אונזער תורה איז אַ רויב,
אונזער נאָמען — אַ געפאהר,
אונזער יחוס נאָר אַ צער,
אונזער גאונות נאָר אַ חטא,
אונזער פיינקייט — אַ געשפּעט.
אימער שלעכט, שלעכט, שלעכט,
אימער קנעכט, קנעכט, קנעכט,

אימער זוך, זוך, זוך,
זעגען אין דעם שונא'ס פלוך.

און אזוי, אָ, יאָהר נאָך יאָהר,
און אזוי, אָ, דור נאָך דור,
אָהן א האָפנונג, אָהן א צוועק,
איינגעהילט אין גרויל און שרעק,
וואַנדלען מיר ווילד אוים, ווילד איין
פון יסורים נאָר צו פיין.
אימער טרעט, טרעט, טרעט,
אימער בעט, בעט, בעט,
אימער נויט, נויט, נויט,
און קיין גליק זאָגאר צום טויט....

שבת חזון

דער „שבת חזון" האָט געבראַכט
צוריק דעם פערגעסענעם חלום.
דער חזן זינגט טרוי'ריג און זאָגט
דעם אום'טיגען „בואי בשלום".

דער רב שאָקעלט שטיל מיט'ן קאָפּ,
דעם עולם בעפאַלט אַזאַ בענקען.
דער חורבן דער אַלטער לעבט אויף
און פאַנגט זיך אָן ווידער געדענקען.

דאָס האַרץ זאַפּט זיך אָן און ווערט פול,
דיא אויגען, זיי געהען אַריבער,
עס וויינט דיא נשמה פון שוהל,
און טראָגט זיך אַוועק צו דער ליעבער.

א תפילה

אָ, רוכב בערבות!
אים נאָמען פון דיא אבות
ניט לאָז אונז געהן פערלאָרען,
אָ, טהו שוין אָפּ דיין צאָרען
און שיק דיין הילף אַהער!
פון דיינע הימלען קוק שוין,
און שריי אראָפּ „גענוג שוין,
פערשווינד'ט איהר בעזע זינדער,
צורוה לאָזט מיינע קינדער
און מאָטערט זיי ניט מעהר!"

אָ, יושב בשמים!
בעניי ירושלים,
מאַך אָפען איהרע טהירען,
און ברענג אונז דאָרט צו פיהרען,
אין אונזער אלטע שטאָדט,
אַהין איז וואו מיר ציעלען,

אהיים איז וואָס מיר ווילען,
און אָרט זיך אָנצושפּארען
אָהן שרעקענים, אָהן צער'ן,
אָהן דריקענים אָהן שפּאָט.

אָ, אלוה סליחות!
מיר האָבען דיין שליחות
פערריכט און דיינע לעהרען
געטראָגען, ליכט צו מעהרען, —
בעטראַכט דאָך אונזער שטאַנד!
בעוויז אונז דיין רחמנות:
בעפריי אונז פון סכנות,
פערהיט אונז פון פערדארבען
און לאָז אונז ענדליך ארבען
דיין לאַנד, דיין זיסע לאַנד.

אברהם׳לע

אברהם׳עלע, מיין זוניונו, פאָלג נאָר דיין טאַטען!
איך וועל דיר פערגעבען דיין חטא.
עס וועט דיר חלילה קיין בעז מעהר ניט שאַדען,
איך האָב שוין דערהערט דיין געבעט.
זיי וויסען, מיין קינד, אז איך ברעך ניט מיין וואָרט,
אין מיר נור געפינסטו דיין גליק.
יאָ, אמת, איך האָב דיך פעריאָגט פון דיין אָרט
דאָך איך וועל דיך ברייננגען צוריק.
נאָר, אידוניו מיין,
אַ מענש זאָלסטו זיין!
דו עלענד, שוואַך לעמעלע!
דאַן היט איך אליין
דיין קומען, דיין געהן,
וואויל איז דיר, אברהם׳עלע!

עס האָבען דיא אומות בעהאנדעלט דיך מיאוס,
האָסט נעבאַך געליטען אָהן שיעור.
דרום האָב איך אין הימעל דערהערט דיינע בכיות,
דיין זיפץ איז געקומען פאַר מיר.

יעטצט וועל איך מיך רעכענען שטרענג מיט דיא לייט,
וואס האבען פערפאלגט דיך אהן צאהל
און דיר וועט דיין יוגענד נאך ווערען בעניים,
וועסט אויפבליהען פונקט וויא א מאהל.
נאר אידוניו מיין,
א מענש זאלסטו זיין!
דו, עלענד, שוואך לעמעלע!
דאן היט איך אליין
דיין קומען, דיין געהן,
וואויל איז דיר, אברהם'עלע!

נישט גלויב ווען מען זאגט דיר דיין גאט איז געשטארבען
דו האף נאר וויא אימער און שטרעב!
דו וועסט ניט פערבלייבען דעם שונא'ס א קרבן,
איך שווער עס: זא וואהר וויא איך לעב!
האסט כפל כפלים געהאט פיר דיין זינד,
געליטען פון היץ און פון קעלט,
דאך יעצט זאלסטו גליקליך זיין ווידער, מיין קינד,
צוריק אין דיין היים, אין דיין וועלט.
נאר אידוניו מיין,
א מענש זאלסטו זיין!
דו, עלענד, שוואך לעמעלע!
דאן היט איך אליין
דיין קומען, דיין געהן,
וואויל איז דיר, אברהם'עלע!

אַ נבואה

אַיך הער אַ שטים וויא פון אַ טהראָן
בעפעהלענדיג מיר שאַרף:
„שטעה אויף געשווינד, און קלייד דיך אָן,
און נעהם אין האנד דיין האַרף!

„זאל דיעזע שווארצקייט פון דער נאכט
נישט טוידטען דיין געפיהל.
עס שלאָפט מיין פאלק, דאָך עס ערוואכט, —
שפּיעל אויף אַ וועק-ליעד, שפּיעל!

„שפּיעל אויף דעם ליעד וואָס איך בעפעהל,
און זאָג אָן נאהנט און וויים,
אַז באַלד ווערט טאָג, און עס ווערט העל,
עס קומט אַ שעהנע צייט.

„איך ברענג צוריק דאָס אַלטע גליק,
און מאַך אַ סוף צו גוואַלט.
איך קום און פליק אין טויזענד שטיק
דיא קייט פון גלות באַלד.

„דיא מאָס איז פול, דען אָהן אַ גבול

איז שוין דער גרויסער קלאָג;
דערפאַר אין זבול דאָרט, ביי מיין שטול
בעשטים איך איצט דעם טאָג".

און איך שטעה אויף, אַ נייער מוטה
בעהערשט מיין גאַנצעס הערץ,
אַ פרישקייט, פיהל איך, טרייבט מיין בלוט,
עס וויכט דער אַלטער שמערץ.

די זעעלע קוועלט פאַר לויטער פרייד,
דער גוף איז מעהר ניט שוואַך. —
וויא עהרליך זיינען גאָטעס רייד!
וויא קרעפטיגט מיר זיין שפּראַך!

איך שפּיעל, איך זינג דעם נייעם שיר,
דעם סוף פון אַלטען פּיין —
וויא וואויל, וויא וואויל, וויא וואויל איז מיר,
דיין זינגער, גאָט, צו זיין!

נאָטט'ס ליעד.

שטעהט אויף, שטעהט אויף פון שלאָף, ערוואַכט
אין מזרח־זייט, איהר זעהט?
ברעכט אָן דער טאָג אין פולען פּראַכט,
עס שווינד'ט דיא שרעק, עס וויכט דיא נאַכט,
און גאָט דער גוטער רעד'ט:

שטעהט אויף, שטעהט אויף. אַ נייער גלאַנץ
בעקרוינט דיא אַלטע שטעדט.
דיא שטומע חורבות ווערען גאַנץ,
און ציון פלעכט א פרישען קראַנץ.
און גאָט דער גוטער רעדט:

שטעהט אויף, שטעהט אויף, אַ לינדער ווינד
דעם בארג מוריה גלעט.
גענוג געוועזען טויב און בלינד,
אַ לעבען פאנגט זיך אָן, געשווינד!
דען גאָט דער גוטער רעד'ט.

גענוג מיט טרעהרען זיך געשווענקט
אין אַ פערשאַלטנע בעט,
איצט הויבט זיך אויף, דיא מאמע בענקט,
דער טאַטע זאגט: „איך האָב געשענקט
דעם אלטען, שווערען חטא".

אונזער שיף

פיעלע שיפען געהען אונטער
און דערגרייכען ניט דעם ברעג,
אונזער שיף געהט שטאָלץ און זיכער,
האָטש געפעהרליך איז איהר וועג.
זיא לאַכט אוים דיא גרעסטע שטורעמס,
און דיא ימים ווילד און טיעף,
אונזער שיף איז פעסט און אייביג;
אונזער שיף, דיא שטאַרקע שיף.

אָ, עס האָט אויף אַלע ימים
אונזער שיף זיך שוין געגליצט:
אויף דעם רויטהען, אויף דעם טויטען,
אויף דעם שווארצען פאָהרט זיא איצט.
יעדע ווע לע האט געפּאטשט איהר
און געטהאָן מיט איהר אַ שטיף,
דאָך זיא געהט בשלום ווייטער,
אונזער שיף, דיא אַלטע שיף.

ניט קיין קריעג-שיף איז זיא, ברידער,
ניט קיין פּאַנציר-שיף, אָ, ניין!

דאָך אנטקעגען גרעסטען פייער
קען זיא פריי און זיכער געהן.
פרעגט ניט וויא, עס איז אונמעגליך
זיך צו מאַכען אַ בעגריעף —
אונזער שיף איז איין־און־איינציג,
אונזער שיף, דיא שטילע שיף.

דאָך ניט וואונדערט וואס פיר איהר איז
קיין סכנות ניט פאַראַן ;
אַ געניטער און געשיקטער
איז איהר אלטער קאַפּיטאַן.
אַ, ער קען אַ יעדעס וואַסער
מיט'ן נאָמען יעדען טריף !
ער איז מייסטער אויף דיא ימים,
קאַפּיטאַן אויף אונזער שיף.

און עס וועט שוין לאנג ניט נעהמען,
און ער ברייננגט זיא אויף אַנ'אָרט,
דען שוין יאָהרען, לאנגע יאהרען,
וויא זיא פאָהרט נאָר און זיא פאָהרט.
איצט, אָ, ענדיגט זיך דאָס וואַסער
און דעם שטורמס ווילדער שטיף,
און עס רוהט אויך ענדליך, ענדליך
אונזער אלטע וואנדער־שיף.

ספירה

איך וואָלט דאכט זיך וועלען יעצט בעטען מיין לירע
זיא זאָל עטוואָס לאכען, עס געהט אָבער ניט
יא, ברידערלאך, ערשטענס איז יעצט ביי אונז ספירה,
און סתם עפּעס, זאָגט מיר, וויא לאכט עס א איד?

„אָי, טאַטע, דו לאכט? ס'איז א קלאָג צום געלעכטער!"
אין אידישע פרייד איז דען דאָ עפּעס רעכטס?
דער אידישער לאך איז דען עפּעס א רעכטער?
א מיש־מאש דאָך נאָר פון א זיפץ מיט א קרעכץ!

א שפּאס האָט א טעם גאָר דאָס אידישע לעבען!
אַ שפּאָס האָט דער אידישער מזל אַ חן!
אין הימעל דיא זילבערנע וואָלקענדלאָך שוועבען,
אין פעלד איז אַ חיות, דו — זיץ נאָר און וויין.

דער וואלד איז געווירציג, און גרין איז דער גאָרטען,
אין פריהלינג דער ווינטעל—וויא פריש און וויא קיהל!
וואָס ארט עס דיך אידעל, וואָס ארט עס דיך דאָרטען?
ביי דיר איז דאָך ספירה, דו זיפץ אין דער שטיל!

דער ליעבליכער זומער, דער טרייסטונג פון לעבען,

ער לויפט נאָר אין זיפצען, אין קרעכצען פערביי,
וואָס קען ער דעם איד פיר א האָפנונגען געבען ?
אַ איד'ן — וואָס טרייסט איהם אַ זומער, אַ מאי ?

אַ בעטלער, וואָס האָט ניט קיין פּלאַטץ וואו צו ליגען,
וואָס יעדווידער וואַרפט זיך מיט איהם נאָר אַרום.
נו, איז עפּעס שייך פיר איהם פערגעניגען,
אַ גאָרטען מיט בשמים, אַ בוים, צי אַ בלום ?

און כלומרשט דער איד ווען ער זינגט זיך פאנאנדער,
איז מיינט איהר, א פרעהליכקייט דאָ אין זיין ליעד ?
איך הער אין זיין נגון—נאָר : „וואַנדער און וואַנדער !"
אין יעדווידער נאָטע דערקען איך דעם איד.

דעם אידישען ליעד, ווען עס זאָל נאָר דערהערען
אַן אמת'ער מבין, וואָס וויים פון געזאַנג,
דאַן מוז ער ניט ווילענדיג גיסען מיט טרערען,
און ווערען ערציטערט פון יעדווידער קלאַנג.

א ציטריגע תקיעה, א תרועה, א שברים,
אָ, דאָס איז אצינדער דער אידישער גוסט !
א גוסט, וואָס ערוועקט נאָר געפיהלען צו קברים,
א גוסט, וואָס צושמעטערט א שטאָהלענע ברוסט.

א תפילה לעני, א יעלה, א קינה,
אָט דאָס איז דיא אידישע זיסטע מוזיק ;
זייט דאָרט, אין זיין הייליגע בשמים־מדינה,
פערשטערט איז געוואָרען זיין פרייד און זיין גליק.

אָ, זייט אין זיין טעמפּעל צושמעטערט, צוריבען
זיין פיינד האָט דיא זיסע כלי־זמר, איז נאָר
דעם אידען דער קלעגליכער שופר געבליבען
אויף וועלכען ער בליפעט נאָר איינמאָל אין יאָהר.

פון צימבלען, פון פויקען, פון הארפען, פון פידלען,
פון אָרגלען, קלארנעטען, פּאפּיאָל און גיטאַר,
איז מעהר ניט געבליעבען דעם אָרימען אידלען
דער פינסטערער שופר צוטריקענט און דאר.

און וואָס ער זאָל זינגען און וויא ער זאָל לאכען,
און וויא ער זאָל שפּיעלען גאָר פרעהלעכדיג זים,
דערהערט מען אין ליעד זיינעם פלוצלונג ערוואכען
א „תפילה לעני"; דאָס הערץ גיט א ריס!

איך וואָלט, דאכט זיך, וועלען יעצט בעטען מיין לירע,
זיא זאָל עטוואָס לאכען, עס געהט אָבער ניט!
יא, ברידערלאך, ערשטענס איז יעצט ביי אונז ספירה,
היינט סתם עפּעס, זאָגט מיר, וויא לאַכט עס אַ איד?

דער אידישער מאַי

ווידער איז דער מאי געקומען,
מיט זיין צויבער, מיט זיין פראכט,—
אלע גראָזען, אלע בלומען
האָבען ווידער אויפגעוואכט.
ווידער בליהט עס אויף דיא פעלדער,
ווידער גרינט עס אין דיא וועלדער,
ווידער גלאנצט עס איבעראל,
ווידער זינגט דיא נאכטיגאל.

ווידער נעהמט דער פריהלינג מאָהלען
מיט זיין פינזעל; וויא ער שמירט,
ווערען בערגער, ווערען טהאָלען,
ווערט דיא ערד מיט גרין פאַרציערט.
ווידער לאכט דיא זונן ארונטער
צו דער וועלט און מאכט איהר מונטער:
מיט איהר שמייכעל, מיט איהר קוש
מאכט זיא גרייט איהר צום גענוס....

גלייך פאַנגט אָן צו גרינען, בליהען
יעדער מענשליכער געפיהל;
וואונדערשענע פאַנטאַזיען
ציהען דורכ'ן הערצען שטיל;
גאָלדענע חלומות שוועבען
און זיי וועבען
נייע הימלען,
און זיי וועקען
נייעם לעבען,
און עס קלעקען
טויזענד גליקען,
יעדע זעעלע צו ערקוויקען.

דאָך איהר זעהט דאָרט איינעם טרעטען
קוקענדיג צו דר'ערד אראָפּ?
אויף דיא גרינע מאַי טאַפּעטען
זיפצט ער שאָקלענדיג דעם קאָפּ.

איינזאַם מיט זיין שווערען קומער
געהט ער, אָבגעלעבּט און מיד, —
זיין געשמאַקער מאַי, זיין זומער
האָבען לאַנג שוין, לאַנג פאַרבליהט!

ווייסט איהר, קענט איהר יענעם קראַנקען,
וועלכער געהט וואו אלעם בליהט,

מיט א שרעקליכען געדאנקען
אונ א שטירמישען געמיט ?
אונזער אלטער, אונזער איד !
קיינע זיסע פאנטאזיען
און קיין האָפנונג אין זיין בליק:
דורך זיין הערצען
ציהען שמערצען,
אלטע וואונדען
צוגעבונדען
מיט עראינערונגען אלטע, —
מתים, מתים, טרופעס קאלטע,
אלטע יוגענד, אלטעס גליק.

יעדער בלום און יעדער דאָרן
טרייבט מיט איהם א ווילדען שפאס:
דער סטאַבון קוקט אָן מיט צאָרען
און דיא קראָע שרייט מיט כעס.
פרעמד דיא בלומען, פרעמד דיא בלעטער,
פרעמד דיא וועלט, א פרעמדער מאַי!
פרעמדע פייגעל, פרעמדע געטער,
פרעמדע מענשען — אלס פארביי!....

לאכט ניט בלומען, נאָר ניט שפעטען!
איהר זייט שעהן, — געווים, געווים!
דאָך פיעל שענערע צוטרעטען

האָט דער איד מיט זיינע פיס....

פעלדער פול מיט פּאָמעראַנצען
האָבען אין זיין לאנד געגלאַנצט,
זיינע וואונדערשענע פּפלאַנצען
האָט זיין גאָט אליין פאַרפּלאַנצט......

פרעגט דיא צעדרען פון לבנון,
פרעגט דעם שרון'ס גרינע מירט,
אָ, זיי וועלען נאָך דערקאָנען
זייער אָבגעלעבטען ווירט.
פרעגט דעם שענעם הר־הזיתים,
פרעגט דעם כרמל, — יעדען בוים, —
פרעגט דיא אלע שענע מתים
אויף דעם שעהנעם אלטען טרוים....

אין זיין הייליגער מדינה
האָט גן־עדן־לופט געשמעקט,
אין זיין טעמפּעל האָט דיא שכינה
שטענדיג זיך צו איהם ענטפּלעקט.
טויזענד ענגעל פלעגען שפּילען
אין זיין הייליגען געצעלט,
טויזענד פריידען פלעגט ער פיהלען,
פריידען פון אַן אנדער וועלט.

דאָרטען האָט אמאָל דער אידעל

פון אַ וואונדער־רייכע פידעל
אויסגעקושט דיא שעהנסטע ליעדער,
וועלכע קלינגען קיין מאָל וויעדער
מיט דעם זעלבען זיסען צויבער, —
ריין און הייליג, ריין און זויבער, —
אויף אַ ווערבע, אויף אַ שטומע,
הענגט דער חלום פון מיין אומה....

יאָ, אַוועק איז יענער חלום,
דאָך דיר חלום'ט פון דאָס ניי —
הערסטו איד? פון וויטענס „שלום!"
רופט צו דיר אַ נייער מאַי.
וויין ניט, ביסט נאָך ניט פערלאָרען,
האָטש דו ביסט פון ליידען מיד,
נייע יאָהרען, גוטע יאָהרען
ווינקען שוין צו דיר, מיין איד!
הערסטו דורך דיא וואָלקען ציהען
הימעלרייכע מעלאָדיען,
זיסע כרובים־הארמאָניען?
הערסטו, הערסט דעם נייעם ליעד?

וויעדער וועט דיין אתרוג שמעקען,
גלאנצען וועט דיין אפעלציין;
וויעדער וועט זיך גאָטט ערוועקען
און וועט ברייגגען דיך אהין....

זינגען וועסטו הירטענליעדער
פֿאשענדיג נאָך דיינע שאָף;
לעבען וועסטו לעבען ווידער,
לעבען אייביג אָהן א סוף.
נאָך דיין שרעקליכער נסיעה
וועסטו אטהעמען מיט לוסט, —
אין דעם שטומען בארג מוריה
קלאפט עס נאָך א העלדענברוסט...

קיינער וועט דיך מעהר ניט טרייבען
מיט זלזולים אָהן א צאָל;
אין דער היים וועסטו פארבלייבען,
שטיל און רוהיג וויא א מאָל.
טרעט פאנאנדער נאָר דיא שטעשקע
פון דיין אלטען פאטערלאנד,
ס'גליהט נאָך דאָרט איין האלאוועשקע
ביי דער איינגעפאל'נער וואנד!....

אויפ'ן בוזים פון ים

דער שרעקליכער ווינד, דער געפעהרליכער שטורם,
ער ראנגעלט זיך דאָרט מיט א שיף אויפ'ן מעער,
ער וויל זיא צוברעכען, און זיא מיט יסורים
שניידט דורך אללע טיעפענים, קרעכצענדיג שווער.

עס טרעשטשעט דער מאסט-בוים, דער זעגעל, ער ציטערט,
דער רוישענדער וואסער איז מורא'דיג טיעף;—
עס קעמפפען מיט צאָרען, עס שטרייטען פערביטערט,
אויף טויט און אויף לעבען דער ווינד מיט דער שיף.

אָט מוז זיא זיך לייגען, אָט מוז זיא זיך שטעלען,
אָט טרייבט עס צוריק איהר, אָט טרייבט עס פאָראויס,—
א שפילכעל איז איצטער דיא שיף ביי דיא וועללען,
זיי שלינגען זיא איין—און זיי שפייען זיא אויס.

עס ליארמט דער ים, און עס הויבען זיך כוואליעס;
עס הוזשעט, עס פילדערט מיט שרעק און מיט גרויל;—
דער שטורעם, דער גזלן, וויל אומברענגען אללעס,
דער תהום עפענט אויף זיין פערשלאָסענע מויל.

עס הערען זיך זיפצען, עס הערט זיך איין בעטען,
ס'איז גרויס דיא סכנה, ס'איז שרעקליך דיא נויט,

און יעדערער בעט ביי זיין גאָט ער זאָל רעטען,
בעפרייען דיא מענשען פון זיכערען טויט.

דאָס וויינען דיא קינדער, עס קלאָגען דיא ווייבער,
מען שרייט און מען איז זיך מתודה אצינד.
עס פלאטערען זעעלען, עס ציטערען לייבער
פאר שרעק פאר דעם בעזען, פערניכטענדען ווינד.

דאָך אונטען, אין צווישען־דעק, זיצען צוויי מענער
גאנץ רוהיג, זיי ריהרט ניט דער מינדעסטער וועה;
זיי זוכען קיין רעטונג, זיי קלעהרען קיין פלענער,
וויא אלץ וואָלט זיין זיכער און שטיל ארום זיי.

עס ליאַרעמט דאָס וואסער, דיא וועלען זיי שוימען,
עס וואויעט, עס מיאָועט משונה דער ווינד;
עס סאָפּעט דער קעסעל, עס הוזשעט דער קוימען;
דאָך אונטען דיא צוויי זעהט זיי שוויגען אצינד.

זיי קוקען מיט קאלטקייט דעם טויט אין דיא אויגען,
זיי ריהרט ניט דעם שטורעמס געפעהרליכע מאַכט.
עס שיינט אַז דער טויט האָט אליין נאָר ערצויגען
זיי ביידען אין שרעק און אין פינסטערע נאכט.

„ווער זייט איהר אונגליקליכע, — לאָזט עס דאָך הערען, —
וואָס קענען פערשווייגען דיא גוואַלדיגסטע נויט,
וואָס האָבען קיין זיפצען, און האָבען קיין טרעהרען,
אפילוביים שרעקליכען טויער פון טויט?

„זאָגט, האָבען אייך טאקע נאָר קברים געבאָרען?
איהר לאָזט גאָר קיין עלטערן, ווייב אָדער קינד,
צו וויינען אויף אייך ווען איהר ווערט דאָ פערלאָרען
אין טיעפען, אין שרעקליכען אבגרונד אצינד?

„וויא? לאָזט איהר ניט קיינעם, וואָס איהם זאָל פערדריסען,
וואָס ער זאָל ווען ביינקען, צו לאָזען א טרעהר,
ווען אייך וועט דער נאסער בית־עולם פערגיסען,
ווען איהר וועט דאָ קיין מאָל צוריק קעהרען מעהר?

„וויא? האָט איהר קיין פאטערלאנד גאָר, קיין מדינה,
קיין היים וואו צו קומען קיין פריינדליכע שטוב,
וואָס איהר האָט באהאלטען אין זיך אזא שנאה
צום לעבען און ווארט אויף דער פינסטערע גרוב?

„איהר האָט גאָר ניט קיינעם אין היממעל דאָרט אויבען,
צו וועמען צו שרייען ווען איהר זייט אין צער?
איהר האָט גאָר קיין פאָלק ניט, איהר האָט גאָר קיין גלויבען?
פערלאָרענע, וואָס איז מיט אייך פאר א גזר?"

עס גענעצט דער אבגרונט, עס ברויזען דיא אינדען,
עס קראכען דיא לייטערס פון שיף און עס טראָגט,
עס הוליעט דער שטורעם עס פייפען דיא ווינדען,
און איינער האָט ענדליך מיט טרעהרען געזאָגט:

„דער שווארצער בית־עולם איז ניט אונזער מוטער
עס איז אונזער וויעג ניט דער קבר געוועזען; —

עס האָט אונז געבאָרען אַ מלאך אַ גוטער,
א טהייערע מוטער מיט ליעבע פערזעהן.

„עס האָט אונז געפּיעסטעט א מאמע, ערצויגען
א צערטליכע, ווארעמע, פריינדליכע ברוסט ;
געקיכעלט און שטענדיג געקוקט אין דיא אויגען
האָט אונז אויך א פאָטער און ליעבליך געקוסט.

„מיר האָבען א הויז, נאָר מען האָט עס צובראָכען,
און אונזערע הייליגסטע זאכען פערברענט,
דיא ליעבסטע און בעסטע פערוואנדעלט אין קנאָכען,
דיא לעצטע פעריאָגט מיט געבונדענע הענט.

„מען קען אונזער לאנד, אָ, זיא לאָזט זיך דערקענען ;
דורך יאָגען דורך שלאָגען ניט ווערענדיג מיד,
דורך ווילדע פּאָגראָמען, דורך ברעכען דורך ברענען,
דורך זוכען דעם טויט פיר דעם עלענדען איד.

„און מיר זיינען אידען, פערוואָגעלטע אידען,
אָהן פריינד און אָהן פריידען, אָהן האָפנונג אויף גליק.—
ניט פרעגט מעהר, אָ, פרעגט ניט, אָ, זעהט, לאָזט צופרידען!
אמעריקא טרייבט אונז נאָך רוסלאנד צוריק.

„נאָך רוסלאנד פון וואנען מיר זיינען אנטלאָפען,
נאָך רוסלאנד, דערפאר וואָס מיר האָבען קיין געלד ;
אויף וואָס בלייבט אונז איצטער צו ווארטען, צו האָפען ?
וואָס טויג אונז דאָס לעבען, דיא פינסטערע וועלט ?

„איהר האָט וואָס צו וויינען, איהר האָט וואָס צו ברומען,
איהר האָט וואָס צו שרעקען זיך איצט פאר דעם טויט,
איהר האָט געוויס אלע אהיים, וואו צו קומען
און פאָהרט פון אמעריקא אויך ניט אוים נויט.

„דאָך מיר זיינען עלענדע, גלייך צו דיא שטיינער;
דיא ערד איז צו שלעכט אונז צו שענקען איין אָרט—
מיר פאָהרען, דאָך ליידער עס ווארט אויף אונז קיינער,
ערקלערט מיר, איך בעט אייך, וואו רייזען מיר פאָרט!

„זאָל שטורמען דער ווינד, זאָל ער ברומען מיט צאָרען,
זאָל זידען זאָל קאָכען, זאָל רוישען דער גרונט!
דען סאַיי וויא סאַיי זיינען מיר אידען פערלאָרען,
דער ים נאָר פערלעשט אונזער ברענענדע וואונד....“

דאָס בּיינקען

וואו איך זאָל זוכען געהן, רוהע און גליק,
אימער אין ציון פערבּלאָנדזשעט מיין בּליק.
אימער אַהין, נאָך דעם הייליגען לאַנד
צייגט מיר דעם וועג אַ פערבּאָרגענע האַנד.
אימער אַהין צייגט זיא, אימער אַהין,
דאָרט, וואו דיא פּאַלמע דיא שלאַנקע איז גרין;
דאָרט, וואו דער צעדער זיין שאָטען צושפּרייט:
דאָרט, וואו דער אָראַנזש מיט גאָלד איז בּעגייט;
דאָרט, וואו דיא זונן שיינט מיט דאָפּעלטען פּראַכט;
דאָרט, וואו דער הימעל דער לויטערער לאַכט —
דאָרט, אַהין ציהט עס מיך, דאָרט נאָר אַהין,
דאָרט נאָך מיין ציון, אָט וואו נאָר איך בּין!

אָפט ווען דאָס הערץ וויל מיר בּרעכען פאַר וועה,
שונאים פערפאָלגען מיך וואו נאָר איך געה,
טויזענדע שרעקען פערווירען מיין זינן,
טראָגט אַ געדאַנק מיך נאָך ציון אַהין.
דאָרט טרוים איך איבּער מיין טרוים פון דאָס נאַי,
דאָרט געה איך ווידער מיין יוגענד פערבּאַי;
דאָרט זעה איך נאָך איין מאָל בּליהען מיין פעלד,

טרוימען מיין נביא און קעמפפען מיין העלד.
דאָרט זעה איך ווידער מיין היים וויא זיא לעבט;
אויך ווען דער צויבער דער זיסער פערשוועבט.
דאָרט אַהין ציהט עס מיך, דאָרט נאָר אַהין,
דאָרט נאָך מיין ציון, אָט וואו נאָר איך בין!

דאָרטען נאָך ציון נאָר גאָר איך און שטרעב,
דאָרטען נאָך ציון זאָלאַנג וויא איך לעב,
דאָרטען נאָך ציון דיא הייליגע שטאָדט,
וואו איך האָב רוהיג געוואוינט מיט מיין גאָטט,
וואו מיך האָט ליעבליך דער שיקזאל געגלעט,
דאָרטען וואו איך האָב מיין שפּראַכע גערעדט;
דאָרט וואו דיא זיסע מוזיק פון מיין כאָהר
פלעגט מיך בעגייסטערען דריי מאָל אין יאָהר.
דאָרט וואו עס זיצט נאָך און וואַרט ביי מיין טיהר
אימער דיא ליעבע דיא אַלטע אויף מיר —
דאָרט אַהין ציהט עס מיך, דאָרט נאָר אַהין,
דאָרטען נאָך ציון, אָט וואו נאָר איך בין!

אַ וואַנדער ליעד

עס קלינגט מיין „אַך“
אין „איכה“ שפּראַך,
מיין שמערץ איז וואַך, —
ער שלאָפט ניט איין.
ביי נאַכט, ביי טאָג,
עס לעבט מיין קלאָג,
וואָס איך פערטראָג
איז מעהר וויא פּיין!

מיט נאַסען בליק
קוק איך צוריק
אויף יענעם גליק,
וואָס איז צו ווייט:
אָ, שעהנעם לאַנד
ביי'ם ירדן'ס ראַנד!
אָ, שטאַרקע האַנד!
אָ, ליעבע צייט!

איך בליק אַהין
מיט טריבען זינן,
דאָך אַהן געווין —
אַ פוסטער אָרט....
אָ, הארץ און שאַין!
אָ, היימאַטה פיין!
אָ, ציון מיין!
אָ, טויטעס וואָרט!

מוז פרעמד, אַליין,
מיט מיין געוויין
נאָר ווייטער געהן —
ניט פרעגט, וואוהין!
עס בלייבט עגאַל
מיר איבעראַלל,
דער זעלבער פאַל,
אַוואו איך בין!

קינות

עס זינגט דער איד
זיין איכה־ליעד,
מיט אימער נייע טרעהרען:
„מיין לאַנד איז וויסט,
מיין שם פער'מיאוסט,—
וואוהין זאָל איך מיך קערען?

„מיין וואָרט איז לעער,
דאָס גילט ניט מעהר,
מיין חקירה איז אַ טויטע,—
איך שלעפּ זיך אום,
אַ פעלקער־מום,
אַן אביון און אַ שוטה.

„איך זיץ אין נאַכט,
און וויין און טראַכט,
און רוף נאָר אַן דעם איינעם,
דאָך שטיל ארום,
דער הימעל־שטום...
איך הער קיין טרייסט פון קיינעם.

„דאָס גיט אַ שיין,
אַ, טאַטע מיין!
דיך מוז מיין צער ערוועקן!
דאָך, עט, אַוואו....
דאָס לייכט נאָר צו
פערגרעסערען דיא שרעקען.

„און יעדער וואָך
פערמעהרט מיין בראָך
אין בלוטיגע מדינות.
און יעדער טאָג
פערמעהרט מיין קלאָג
און ברייננט מיר נייע קינות.“

דיא חנוכה ליכט

א, איהר קליינע ליכטעלאך!
איהר דערצעהלט געשיכטעלאך,
מעשה'לאך אהן צאהל,
איהר דערצעהלט פון בלוטיגקייט
בריה'שאפט און מוטהיגקייט,
וואונדער פון אמאל.

ווען איך זעה אייך שמינקלענדיג,
קומט א חלום פינקלענדיג;
רעדט איין אלטער טרוים:
„איד, דוא האסט געקריעגט אמאל,
איד, דוא האסט געזיעגט אמאל"
גאט, דאס גלויבט זיך קוים!....

ס'איז ביי דיר א טאלק געוועז,
ביסט אמאל א פאלק געוועז,
האסט אמאל רעגיערט:
האסט אמאל א לאנד געהאט,

האַסט אַמאָל אַ האַנד געהאַט !"
אַך, וויא טיעף דאָס ריהרט !

אַ, איהר קליינע ליכטעלאַך !
אייערע געשיכטעלאַך
וועקען אויף מיין פיין ;
טיעף אין הערץ בעוועגט עס זיך,
און מיט טרעהרען פרעגט עס זיך :
וואָס וועט איטצטער זיין ?....

* * *

ניט אייביג זיינען מיר, וויא היינט,
געוועזען אַ פאָלק, וואָס קען נאָר קלאָגען ;
מיר האָבען אויך אַמאָל דעם פיינד
געוויעזען, דאָס מיר קענען שלאָגען.

מיר האָבען אויך מיט טאַפּפערקייט,
מיט טיגערמוטה, פיר אונזער גלויבען
געוואָרפען זיך אין גרעסטען שטרייט
און הויך דיא פאָהן פון זיעג ערהויבען.

נאָר דורות זיינען זעהר פיעל
אַוועק, פערגאַנגען זיינען יאָהרען, —
מיר זיינען שוואַך געוואָרען, שטיל,
דעם אַלטען ריעזענמוטה פערלאָרען.

פערלאָרען האָבען מיר דעם מוטה
אין גלות צווישען דיא רשעים
דאָך איז פערערבט אין אונזער בלוט
דער פייער פון דיא חשמונאים.

און האָטש עס האָבען שטאַרקע הענד
מיט דרעשערם אונזער לייב געדראָשען;
דאָך יענער אַלטער פייער ברענט, —
איהם האָט דער בלוט־ים ניט פערלאָשען.

יאָ, אמת, טיעף איז אונזער פאַל,
מיר זיינען קערפּערליך נאָר פליעגען;
דאָך לעבט אין אונז איין אידעאַל,
דעם קענט איהר, פעלקער, ניט בעזיעגען!

פעלד-מעסטען

פאַראויס געהט דיא אַלטע מינע
און פון היגטען פעסיע־צווייטעל,
מינע וויינט און זאָגט דיא תחינה,
און דיא צווייטע לייגט דעם קנייטעל.

און עס קייקלען זיך דיא טרעהרען
שטיל און וואַרעם אויף דער תחינה;—
בליפּענדיג, נאַר קוים צו הערען,
זאָגט פערקלעהמט דיא אַלטע מינע:

„שטארקער הארר פון אַלע וועלטען!
איך דיין דיענסטמאַיד, שוואַך און אָרעם,
מעסט דיא רוהיגע געצעלטען,
דיא צדיקים'ס שטילע קברים.

„אַלע בערגעלאַך דיא שטומע
מעסט איך, גוטער גאָטט, אַצינדער,
וואו עס רוהען דיינע פרומע,
דיינע הייסגעליעבטע קינדער,

„וועלכע זינגען דאָרטען שירה
פאַר דיין שטוהל אין הויכען הימעל,
יעדער איינער פון זיין דירה
דורך זיין אייביג זיסען דרימעל.

„און פון דעם געלייגטען קנייטעל
וועט מיט פורכטיגקייט און מורא
מאַכען ליכט דיין פּעסיע־ צווייטעל.
אום צו לערנען, גאָטט, דיין תורה.

„אום צו בעטען דיך מחילה,
אַז דו זאָלסט שוין פאָרט דערהערען
יעקב'ס אמת'דיגע תפילה
און דערזעהן ישראל'ס טרעהרען!"....

גאָט און דיא כנסת ישראל

ותאמר ציון עזבני ד׳ ואד׳ שכחני.
(ישעיה מט. פסוק 14)

רבונו של עולם! שוין הונדערטע יאהר
ווייא איך זיטץ און איך וואַרט אויף דיין גאולה.
עס ווערען שוין בּיסלעכווייז גראָה מיינע האָאָר,
און זאָל עס, חלילה, נאָך נעהמען אַ דור,
דאַן בּין איך, פערגעס ניט, קיין בּתולה.
דו האָסט מיך פערפיהרט און פערלאָזען אַליין
און לעבּסט זיך אין הימעל אַ פרייער;
אַ, רייד וואָס דו ווילסט, עס איז זעהר ניט שעהן
אַ, זעהר ניט שעהן, מיין געטרייער!

דו האָסט מיך געבּראַכט אַזש פון עבר הנהר
און טריי בּיי דיא הימלען געשוואָרען:
„געליעבּטע, מיר בּלייבּען אַן אייבּיגע פּאָר!"
נון, זעה איך ווייא ווייט דיינע רייד זיינען וואָהר,
בּיסט פלוצלונג גאָר נעלם געוואָרען.
און גלייך האָבּען וועלטען געקלונגען מיט דיר:

דו האָסט זיך פערליעבט אין אַ חצופה;
דערהייבען צו אייביגע היילינקייט א י ה ר,
איהר ז ו ה ן, צו א געטליכע שטופע.

יעצט זוך איך שוין מעהר ניט דיין ליעבע, דיא פיין!
נישטאָ מעהר אויף דעם וואָס צו בויען.
איך ווייס, דו וועסט הייסען געדולדיג מיר זיין,
דאָך קען דיינע רייד מיר אין הערץ ניט אריין.
איך האָב דיר שוין מורא צו טרויען.
איך וויל ניט מעהר בלייבען אויף שאַנד און געשפעט
צווישען טויזענדע שונאים און דריקער;
קום וואוין מיט מיר שוין, אָדער גיב מיר אַ גט,
זאָנסט רייס איך דיא הימלען אין שטיקער!

און גאָטט דעקט זיך איבער מיט וואָלקען פאַר שאַנד
און דונערט אַראָפּ דורך דעם וועטער:
„געליעבטע, מיין טהייערע, שעהנער בריליאַנט,
וואָס רעדסטו פון „גט", ווייל דען ברעכען מיין האַנד,
פערשוועכען מיין שם ביי דיא געטער?
איין ווייליגקע ווארט נאָר, אָט קום איך, איך געה!
וואו קען איך א „זוהן" צי א „מאַמען"? —
עס ענדיגט דיין טרויער, עס שווינדעט דיין וועה, —
איך בלייב מיט דיר אייביג צוזאַמען.

„איך האָב דיך פערלאָזען אַ שטיקעלע צייט
און האָב דיך געזוכט צו פּראָבירען,

ווִיא דוּא ווֶעסט אִין נוֹיט, פוּן דיין אייגען לאַנד ווייט,
פערשמאַכטענדיג צווישען פערדאָרבענע לייט
אין שרעקליכען גלות זיך פיהרען.
איך האָב דיך אין יעדער אָרט עלענד געשמידט,
פון אונגליק צו אונגליק געטריבען;
און האָב פון דיא הימלען דיין פיהרונג געהיט,
דאָך דו ביסט מיר עהרליך געבליבען.

„יעצט ברינגט דיך מיין מלאך אהיים און בעקראַנצט
דיין קאָפּ מיט דיא בלומען פון שרון.
וואָס דוא האָסט אין מאַי פון דיין יוגענד געפלאַנצט,
ווען דיר האָט דיא זונן פון הצלחה געגלאַנצט
אין אלטע אין גאָלדענע יאָהרען.
כ'קום ווידער מיט כלה־מתנות ניט קאַרג,
בעגלייט פון א כאָר מיט לוויים,
און בוי אויף דיין שלאָס אויף דעם פרעכטיגסטען באַרג,
און וועק אויף דיא זיסע נביאים.

„איך וועק דעם לבנון דיר אויף פון דאָם נייַ
און קרוין זיינע צעדרען און פּאַלמען ;
דיא פייגעלעך דיינע, וויא ווערען זיי פריי,
וויא זינגען זיי פליהענדיג דאָרט אין א מאַי
צווישען אייביגע בלומען פון פּסאַלמען !
דער כרמל פערציערט זיך, דער חרמון לעבט אַפּ,
און איינער דעם צווייטען גיט שלום ;

מוריה הייבט אויף זיין פערטרויערטען קאפ
און מיינט אז ער זעהט עס אין חלום.

„איך צינד אן א נייע, א הייליגע ליכט
אויף ציון, דיין טרייסט, דיין נחמה,
א יוגענד וועט פארבען איהר בלייכעס געזיכט,
א נחת וועט קומען אויף איהר אומגע ריכט.
א ג'זונד אין איהר קראנקע נשמה!
ניט הער וואס עס ריידען דיא שונאים דיר איין.
דאס זיינען פערלארענע ריידעס.
ג ע ו ו ע ן בין איך דיינער, און ב י ן, און וועל ז י י ן,
און הימעל און ערד זיינען עדות!"

דיא כנסת ישראל, זיא ענטפערט מיט וועה:
וואס העלפט עס, יעטצט גלויב איך דיר זיכער!
דאך אייל זיך, געליעבטער, א, זעה און פערשטעה,
עס ענדיגט מיין לעבען, איך פיהל איך פערגעה —
א, שיק מיר דיין מלאך וואס גיכער!
און האב איך געזינדיגט פאר דיר מיט דיא רייד,
טא זעה מיינע ביטערע צער'ן!
דאך יעצט וועל איך האלטען פערביסען מיין לייד
און הארען, און הארען, און הארען.

קידוש לבנה

אין דעם לאַזורנעם לופט־ים שוועבען
דיא זילבער־וואָלקענדלאַך אַרום;
דיא שטערען פינקלען, שטערען לעבען,
דיא לבנה נאָר איז בלייך און שטום.

עס רוהט דער וואַלד אין טיעפען שווייגען,
דיא בוימער שטעהען שאַ, פערטראַכט, —
קיין ווינטעלע בעוועגט דיא צווייגען,
עס שלאָפט דיא ערד, עס שטומט דיא נאַכט.

נאָר וויט אין וואַלד און אין סכנה
דער אַלטער שטעהט דאָרט מיט זיין קינד,—
ער איז מחדש דיא לבנה,
ער בעט עס פאַר איהר ליכט אַצינד:

„אָ, גאָטט, איך בעט ביי דיר מיט טרעהרען,
דערהער מיין ציטערדיגען קול:
עס זאָל איהר שיין פערדאָפּעלט ווערען,
זיא זאָל נאָך לייכטען וויא אַמאָל.

„וויא דיין בעגלויבטער האָט געשריעבען:

— דיא גרויסע צווייא און גלייכע ליבט —
זעה, גאָטט, ווי בלייך זיא איז געבליבען,
קוק אָן איהר שטערבליכעס געזיכט !"

אָ, וויא צוקלינגגט זיך עס אין שטילען,
אין טיעפען וואלד, זיין הייס געבעט !
וויא גיסען זיך דאָס דיא געפיהלען !
וויא שווייגט דאָס אלעס, ווען ער רעדט !

זיין קינד נאָר קוקט, ווער קען ערקלערען,
וואָס אויבען, אין דעם בלויען ים
עס גלאַנצען מאַנכע העלע שטערען,
און מאַנכע שמינקלען, שמינקלען קאָם ?

דאָס קלוגע קינד בעטראַכט עס אויבען
און פרעגט דעם אלטען ניט געשטערט :
„אָ, זאָג דאָך, פאָטער, מעג מען גלויבען
אין דעם, וואָס איך האָב אָפט געהערט ?

„מען זאָגט דעם רייכענס שטערען פינקעלט,
איז אימער העל, איז שטענדיג גרויס,
דעם אָרעמאַנס פערקעהרט, ער דינקעלט,
פערלעשט זיך, לעשט זיך און געהט אויס.

„און זיינען טאַקע דאָ מזלות
אין הימעל ? זאָג דאָך, יאָ צו ניין ?

בעצייכנען זיי אי רוה, אי גלות,
אי פרייד, אי עלענד, אי געוויין?

„אָ, זעסט דאָרט יענעם קליינעם שטערען?
איז ער ניט אונזער מזל? זאָג!
ווייל שטענדיג וויינען מיר מיט טרעהרען
און טרויריג איז אונז יעדער טאָג....

„און קען עס זיין, אז ער זאָל גלאנצען
וויא יענע נאָך אין גאָלדנעם פראַכט?
צי לעשט איהם גאָטט דאָרט אוים אין גאַנצען
און ווארפט אַרויף אויף איהם דיא נאַכט?"

דער אַלטער קנייטשט זיין הויכען שטערען,
ער קלערט א תירוץ פיר זיין קינד,—
עס קומען זיפצען, קומען טרעהרען,
דאָך ווערטער ניט אַזוי געשווינד....

שולמית

אָדער

דיא גאָלדענע ליעבע פון שיר השירים.

(פּאָעמא)

אויף אַ גרינבעגראָזטע וויזע,
בײ אַ זילבער־קלאָרע טײכעל,
רונד בעפּוצט מיט יונגע פּאַלמען
איבער זײ דיא גאָלד'נע זונן —

זיצט דעם מזרח'ס שעהנסטע טאָכטער,
בײ דעם קעניג'ס רײכסטע סטאָדע ;
זיצט שולמית, די פּאַסטושקע,
בײ דיא שעהנע, ליעבע שאָף.

קוים מאַכט אויף דער פרישער מאָרגען
זײנע גאָלד'נע, זיסע ברעמען
אויף דיא פעלדער גרין און טויהיג,
ווערט בעגריסט ער פון איהר בליק.

און דער אויפגעוועקטער הימעל
צינד'ט זיך אָן וויא פלאַקריג פײער

פון איהר שעהנהייט—און פאַר ליעבע
ווערט דער טאָג צוגליהט און היים.

און דער יונגער, גרינער וואלד כאַפּט
פלוצלונג אויף זיך אַ פערליעבטער
און ער פרעגט דורך טויזענד פויגעל,
אויב נאָך שעהנערס איז פאַראַן.

און דער גאַנצער גאָלד'נער מזרח
ענטפערט „ניין" איהם, און די הויכע
שטאָלצע פאַלמען זאָגען „ניין" איהם,
„ניין", זאָגט דיא נאַטור אַליין.

איהר צו מאָלען איז אַ פּריפונג,
איהר צו שילדערן, —אונמעגליך!
וועלכער פּינזעל! וועלכע פעדער!
וועלכער קינסטלער! וועלכע קונסט!

לאָקען, וויא געקרויזטע שטראַהלען,
שפּרייטען זיך אַרום אַלבּאַסטער—
קלאָרע, אָפּגערונדעטע און
פיין געגלעטע שולטער צוויי.

דיא פיגורע שטאָלץ און פּאַלמיג,
אויסגעגאָסען איז א ווייסקייט
אויף דיא קונציג אָפּגעטאָקטע,
סאַמעט־גלאַטע שוואַנענהאַלז.

שווארצע קארשען-אויגען גלאנצען
איבער צוויי קאָראַלענרויטהע
באַקען, איבער פורפור־רויזע
ליפען, פריש וויא אַנהייב מאַי.

אין איהר מינע טהראָנט דאָס לעבען;
רוהט דיא פרייד פון אלע וועלטען,
אין איהר בליק, — אַ געטליך פייער
וועקט צו הימעלם העכסטע לוסט.

און דיא רייכסטע קרוין פון מזרח
— פון דעם קליגסטען קאָפּ געטראָגען –
ליעגט צו איהרע פים געבויגען
האלב פערדונקעלט, גאנץ פערשעמט.

דען געזאָגט האָט מען דעם מלך
פון דער וואונדער־שעהנע מיידעל,
און ער זעהט זיא, און פערליעבט זיך
און ער ציטערט און ער רעדט:

„אַלע בלומען פון דעם שרון,
פון דעם זתים אַלע עהלבערט,
אַלע צעדרען פון לבנון,
כּרמל, חרמון, — זיינען מיין!

„דורך מיין וואונש און דורך מיין ווילען
ווערט געפלאנצט און אויך געריסען....

העלדען, פירסטען, פרינצען קניען
פאַר מיין וואָרט — עס מוז געשעהען!

„צו דיא פייגעל אין דער לופטען
רייד איך צו דיא ווילד׳סטע חיות.
אי דעם נאַכטיגאַלען-טרילער
קען איך, אי דעם ברום פון לייב.

„ווילדע רוחות, וועלכע הערשען
אין דיא פוסטקייט פון דיא וועלטען
רוף איך מיט מיין וואָרט, זיי קומען,
קומט דער שטן מיט זיין ווייב!

„אין מיין חכמה לייכט דער הימעל,
און דיא גרינע וויזען שמעקען
אין מיין זינגען. מיינע אוצרות
זיינען פיעל און אָהן אַ גרונד.

„מיט בריליאַנטען צאָהל איך, קרוינען
שענק איך, וואו מיין שווערד איז טעמפּע,
שלמה, איז מיין נאָמען, מיידעל,
און דוא פאַשעסט מיינע שאָף!

„אין דעם שרון פון דיין הערצען
וויל שפּאַצירען מיין נשמה,
אין דעם טויה פון יענע בלומען —
וויל זיך טובל זיין מיין גייסט.

„ליבעס־דורסט פערברענט דאָס הערץ מיר,
נאָר דער לאַבונגדיגער נעקטאר,
וואָס בעטויהט דיא פורפור רויזע
ליפּען דיינע לעשט מיין בראַנד“.

* * *

דאָך עס האָט זיך ניע געבויגען
אַ נשמה פאר אַ סצעפּטער,
פאַר אַ שווערד דיא ריינע אונשולד
און אַ הערץ פאַר אַ מאָנאַרך.

ליעבע קויפט מען ניט פיר קרוינען,
בלומען וואָס אין הערצען בליהען,
ווען זאַגאר ביי אַ פּאַסטושקע —
רייסט דער שטאַרקסטער קעניג ניט.

און געענטפערט אָט דיא שעהנע;
„גרויסער הערשער אייער האָהייט
וועט ערלויבען מיין נשמה
אייך צו זינגען וואָס זיא פיהלט“.

און אַלבּאַסטער־קלאָרע פינגער
האָבען אוים דיא זיסע סטרונעס
פון אַ שעהן־געשניצטע האַרפע
אויסגעקושט דאָס שעהנע ליעד:

* * *

„אונטער דיא בערגעלאך
פיטערט אַ פאַסטוכיל,
היט זיינע טשערעדעס,
לוסטיגע רינדער,
ער איז דער ליעבליכסטער,
ער איז דער טהייערסטער,
ער איז דער שעהנסטער פון
אירדישע קינדער.

„ער איז פון טויזענדע
אויסערוועהלט — איינער נאַר!
פונקט וויא דיא צעד'רען
אין גרינעם לבנון.
ליעבער פון פרינצען און
קעניגע, טהייערער
איז מיר מיין ליעבער פון
מילי מיליאָנען.

„בעסער פון וויינען נאַך
זיינען דעם ליעבענדעס
זיסע, געווירציגע
קושען צו טרינקען.
הימלישע וואוילטאַגען
פיהל איך, ערקוויקונגען!
שטיל אין זיין הייליגען
אָרעם צו זינקען.

„דאָרט וואו זיין אַטהעם וועהט
פיהל איך אַ זעליגקייט ;
דאָרט וואו זיין בליק ערשיינט —
אייביגעם לעבען.
זאָגט מיר, איהר שעפעלעך !
הערצענס פערטרויטעסטע :
קען מיר דער הימעל נאָך
העכערעס געבען ?

„זאָגט מיר, איהר בערגעלאַך
גרינע און שעהנענקע,
ליעבינקע פייגעלאַך,
רעדט פון דער לופטען !
קען איך מיין הערציגען
אויסבייטען ? ענטפערט מיר !
איהם, מיין איינציגען,
גינגאָלד געפּרופטען ?

„שוין דאַכט מיר הער איך איהם
צווישען דיא צעדערען !
זינגענדיג, שפּאַנענדיג
בערגער, — מיין ליעבער !
ציטער ניט, הערץ מיינעס !
פיבער ניט, פלאַטער ניט,
זאָנסט שטאַרב איך ליעבענדיג,
טראָג דאָס ניט איבער.“

* * *

פון דיא לעמעליך קיין מעקען,
פון דיא פייגעלאך קיין פיפצען,
פון דיא פליגעליך קיין זשומזשען,
פון אַ ווערימיל קיין ריהר.

פון דעם טייכעלע קיין מורמעל,
פון אַ בוימעלע קיין שאָקעל,
פון אַ בלעטעלע קיין שעפטשע,
פון אַ צווייגעלע קיין וויעג.

שטיל דיא וואָלקען אין דער לופטען,
פון אַ ווינטעלע קיין וועהען,
פון אַ בערגעלע קיין ווינקען,
פון דעם הימעל קיין געשטער.

ווען דער שעהנסטערם זיסטע קלאַנגען
האָבען מיט דעם שעהנסטענס אויבען
אויף דיא בערגער זיך געטראָפען,
און צוקושט זיך אין דער לופט.

און פערשעמט האָט זיך דער קעניג:
„זיא פערבייט מיך אויף אַ פּאַסטוך".
און ער האָט זיין וועה געטראָגען
אויף דיא פּאַרפומירטע בערג.

יהודית

(פּאָעמא)

פון דיא אַלטע, אַלטע בלעטטער
הערט זיך אַ פערשטיקטער קול,
וואָס דערצעהלט אונז וויא אַמאָל,
ווען בעזיעגט האָט גאָטט דיא געטטער
און בעזאָרגט זיין פאָלק מיט רעטטער
און מיט נסים אָהן אַ צאָהל —
וויא אַ מאָל האָט אונז אַ שעהנהייט
דורך איהר ליעבע אונ איהר ריינהייט,
אין אַ טרויעריגע צייט, —
פון אַ גרויסע נויט בעפרייט.

זאמד און ערד דעם שונא'ס ריעזען!
אשור שיקט איהר גאנצע מאַכט.
וויא דיא בליצען דורך דער נאַכט
לייכטען שווערדען, בלאַנקען שפּיעזען,
דאָך אַ פרוי האָט זיך בעוויעזען, —

גאָטט האָט טיעף אין איהר ערוואכט.
זיא איז פרעכטיג וויא דער שרון׳,
צום בעזיעגען נאָר געבאָרען,
ציון׳ס שעהנסטע, זיסטע בלום:
לייב און זעעלע אהן א מום.

אן אלמנה איז דיא שעהנע
און זיא איז בעריהמט אין שטאָדט.
גאַנץ מיט מענשען און מיט גאָטט.
אין יהודה איז זיא איינע:
שעהן און רייך, און פרום וויא קיינע
און איהר וואָרט איז א געבאָט.
זייט זיא איז אַליין געבליעבען
וויינט זיא אויף איהר מאַן דעם ליעבען,
האָט דיא וועלט פיר איהר קיין ווערט
און זיא נייגט איהר קאָפּ צו דר׳ערד....

איינזאַם זיצט זיא אין איהר חדר,
זיא דערוויינטערט זיך פון פוץ.
קיין זאַך האָט פיר איהר קיין נוץ,
פיעל בריליאַנטען, רייכע קליידער.
דאָך פיר וועמען? ליידער! ליידער!
זיא געניסט ניט פון איהר גוט׳ס.
איצטער קלאָגט דיא גאַנצע אומה,
און יהודית קלאָגט, דיא פרומע!

שוין בעשלאָסען איז דער בראַך:
אָנצונעהמען אשור'ס יאָך.

* * *

עס שטעהען דיא זקנים
און קוקען צושראָקען,
און שאָקלען דיא קעפּ
מיט דיא זילבערנע לאָקען,
און קוקען פערפינסטערט
ארונטער צו דר'ערד:
„וויא ברעכט מען אַ אומה?
וויא גיט מען זיך אונטער?
עס פאַלען דיא טרעהרען,
דיא הייסע ארונטער
און ווערען פערלאָרען
ביי זיי אין דיא בערד.
עס סטראַשעט דער שווערד!

עס קומען פערוויינטע
כהנים געגאַנגען,
עס קרעכצען לוים
פערצאַגטע געזאַנגען:
„דער דורסט און דער הונגער“
אַ שרעקליכער כאָהר!
עס נעהמען דיא העלדען

אומזיסט דיא כלי זיין,
זיי וועלען דאָס לאַנד מעהר
ניט קענען בעפרייען. —
עס רייסען דיא פרויען
פון קאָפּ זיך דיא האָר.
דיא ענדע איז קלאָר!

און עוזיה, דער עלטסטער
פון בתול קומט צו רייטען.
דעם גאַנג פון זיין פערד
קען דער עולם פון ווייטען, —
ער קומט אָן דער זקן,
מיט ניי'ם פון דער שלאַכט:
„מיר זיינען פאַרלאָרען,
דאָך מוז עס געוועהרען,
נאָך עטליכע טעג און
ועט גאָט אונז ניט הערען,
דאַן מוזען מיר פאַלען,
דאַן זינקט אונזער מאַכט
אין אייביגע נאַכט."

* * *

גליווערענדיג וויא דיא שטיינער
ריהרט דאָס פאָלק זיך ניט פון אָרט,
קיינער וואַגט צו ריידען, קיינער!

און עס כליפען נאָר דיא ווייגער,
פלוצלונג הילכט אַ שטאַרקעס וואָרט:

„פאַלען אָדער טריאומפפירען
זאָל דאַס אויסערוועהלטע לאַנד!
ווילט איהר אונזער גאָט פּרובירען,
אויב ער קען מלחמה פיהרען?
אויב עס דיענט איהם נאָך זיין האַנד?

„ווייסט איהר דען ניט אַז זיין בויגען
גילט איהם איצט נאָך וויא אַ מאָל?
הייבט נאָר אויף צו איהם דיא אויגען,
ער וועט העלפען, איהר וועט טויגען, —
וואונדער טהוט ער אָהן אַ צאָהל.

„האָט ער ניט דעם ים געשניטען
און געפיהרט בעפרייטע קנעכט?
איז ער ניט פאַראוים געריטען,
וואו מיר האָבען נאָר געליטען
און געהיט אונז דורך דיא נעכט?

„וואָס איז אשור מיט איהר גבורה
און דיא מאַכט פון אַ טיראַן?
וואָס האָט חיל ביי איהם אַ צורה?
קוקט ער נאָר איז זייער קבורה
און זיי זיינען נישט פאַראַן.

„איך בין נאָר אַ ווייב אַ שוואַכע,
דאָך מיין פּאַנציר איז מיין גאָט!
פאַר מיין לאַנד פערלאַנג איך ראַכע. —
טיעפער, העכער, גייסטער פלאַכע!
האַנד אין האַנד, אויף גאָט'ס בעראָטה.

„גאָט האָט מיר געשיקט אַ זינען
און זיין ליכט איז אין מיין בליק.
דיא געדאַנקען מיינע שפּיענען...
וואַרט, איך וועל זיך דאָ געפינען,
האָפט צו גאָט, איך קום צוריק....

„וואו איך געה, דאַרף איך ניט זאָגען,
דאָס פערבלייבט מיט מיר אַ סוד!
נאָר ניט וויינען, ניט פערצאָגען
גאָט איז שטאַרק, מיר וועלען שלאָגען —
איך פערלאָז אצינד דיא שטאָדט.

„שטיל, דער קאַמפּף פערלאַנגט קיין טרויער. —
זעהט, מיין ברוסט איז פעסט וויא שטאָל! —
הייסט מיר עפענען דעם טויער!
שטעהט און וואַרט נאָך קורצען דויער,
און איהר הערט צוריק מיין קול..."

און יהודית איז אַנטשוויעגען,
נאָר דאָס פאָלק האָט גלייך געקניעט:

„אמת רעדט איהר צונג, קיין ליעגען,
געה, געבענשטע, דוא וועסט זיעגען, —
נעהם א הייסע ברכה מיט."

* * *

אויף א בעט פון גינגאלד,
אנגעזועצט וויא רויגען
מיט אבנים טובות,
ליעגט דער העלד הלופרנש
פירסטליך אויסגעצויגען.

מירטען איהם צוקאפענס,
רויזען צו דיא פיס איהם
הונדערט העלדען וואכען,
און מיט גאלד'גע פעכערס
שטעהען דיא סריסים.

פון דיא אויגען שטראהלט איהם
גבורה, שטראהלט נצחון, —
ער איז אשור'ס ארעם,
שטעדט האט ער פער'מדבר'ט,
פעסטונגען געבראכען.

„מארגען פאלט יהודה!"
מורמעלט קאלט דער קריעגער,
און בעטראכט זיין דעגען

מיט געשארפטע בליקען,
וויא א ווילדער טיגער.

„מארגען פאלט יהודה,
און זיין בלוט וועט גיסען
וויא דיא שנעלע וועללען
פון דעם אלטען ירדן,
וועלכע אונטען פליסען.

„מארגען פאלט יהודה,
און זיין בלוט וועט רינען.
פיטלייד וועט ער בעטען,
אשור וועט ער הערען,
איהרע געטטער דיענען...“

* * *

פערל אין דיא האר און
גינגאלד אין דיא קליידער.
שטעהט יהודית שטראהלענד
אין הלופרנש חדר.

דריי מעת לעת פערגאנגען
זייט זיא איז געקומען, —
זיא האט איהם געפאנגען,
זיא האט איהם גענומען.

אין דעם שונא'ם לאַגער
שטעלט זיא איין דאָס לעבען.
פלענער איהם געוויעזען,
עצות איהם געגעבען....

און דער העלד, — אַ גלויבער,
רעדט צו איהר מיט גוטען.
הערשט אויף איהם איהר צויבער,
ברענען איהם דיא בלוטען...

וויינען הייסט ער ברענגען,
טהייערע געטראַנקען,
און אַ זינד פערבאָרגען
ליעגט אין זיין געדאַנקען...

און ער טרינקט אַלץ מעהרער
אום זיין בראַנד צו שטילען.
דאָך זיין זינד ווערט שווערער
און ער הייבט אָן ציעלען:

„געהט, פערבלייבט דאָ קיינער
לאָזט מיך, שווארצע ראָבען!
לאָזט מיך מיט דער שעהנער
לאָזט זיך מיך דערלאָבען!"

און יהודית שמייכעלט,
קיהלט זיך מיט איהר פעכער,

און זיא גיסט גע'שכל'ט
בעכער איהם נאָך בעכער....

שוין בעפאַלט אַ דרימעל
דעם בערוישטען טיגער:
„גרויסער גאָט אין הימעל,
זאַי ישראל'ס זיעגער!"

איהר וויל ער דערגרייכען,
וויין האָט ער געטראָפען,
און ער איז געפאַלען,
און איז איינגעשלאָפען....

. . . .

שאַרף איז דער שווערד און געשליפען,
זיא האָט איהם ערגריפען!

טרעט זיא צום בעט מיט אַ שרעקען,
זיא זאָל איהם ניט וועקען:

„ער זאָל מיין פאָלק ניט פערדאַרבען,
דער שונא זאָל שטאַרבען!"

איצטער פערשליסט זיא דיא טיהרען,
מען זאָל ניט דערשפירען!

נייגט זיא דעם אויער צום הערען,—
אַ סוף זאָל דאָס ווערן!

ס'בליצען דיא אויגען און שטראהלען...
א קאפּ איז געפאלען!

. . . .

דאבעלט פינסטער איז דיא נאכט
און דורך אשור'ס שווארצע רייהען
געהט א פרייד צו היילען וועהען,
געהט יהודית שטיל און זאכט
בערג אויף, בערג אפּ.
און טראגט א קאפּ.

פינסטער שוועבט זיא דורכ'ן פעלד,
מיט א מורא, מיט נצחון!
אשור'ס יחום איז געבראכען:
טוידט איז איהר געוואגטער העלד.
זיין אייג'נער שווערד
האט איהם צושטערט.

„מאכט מיר אויף דעם טויער גיך,
עפענט, שוועסטער! עפענט, ברידער!
גאטט איז גרוים, ער ברענגט מיך וויעדער, —
דאס בין איך! בין איך! בין איך! —
בעגריסט דעם פריינד
און יאגט דעם פיינד!"

דיא כת לצנים

(א פאָלקס לעגענדע).

אוועק איז דער שבת, דערלעבט קוים דיא צייט,
עס וואַרטען ר' בער און ר' יואל:
צוויי דאָרפישע אידען, בכבוד'ע לייט.
אַצינד אויף ר' זימעל דעם מוהל.

„נו, זאָגט שוין המבדיל און פּעקעלט זיך באַלד,
בעגיענען דאַרף זיין דער ברית־מילה"׳
דער מוהל, ער רייט מיט דיא געסט דורכ'ן וואַלד,
דיא נאַכט איז אַ קאַלטע, אַ שטילע.

ער רייט און ער רייט אין דער שרעקליכער שעה,
איהם קומען אין זינען געשיכטען,
וואָס האָבען פיעל מאָל שוין געטראָפען זיך דאָ,
אין דונקעלען וואַלד אין געדיכטען.

איהם קומט אויפ'ן זינן וואָס מיט זרח דעם שמיד
האָט ערשט פאַראַכטאָגען פּערלאָפען,
ווען ער איז געפאָהרען ביי נאַכט צום יריד
און האָט דאָ דיא „חברה" געטראָפען.

ער נעהמט זיך דערמאָהנען וויא וואָלף אָרענדאַר
האָט זייערע צוואַנציג געפונען,
וויא ער איז געלאָפען אַהיים דורך געפאַהר
און קוים מיט'ן לעבען אַנטרונען.

וויא זיי האָבען איינמאָהל אַ חתן געקוועלט
געדיינקען אין שטעדטיל נאָך אַלע, —
זיי האָבען אין וואַלד איהם אַ חופה גע'שטעלט,
אַ לץ איז געוועזען דיא כלה.

און דאָס האָט אַלץ שבת ביי נאַכט דאָ פּאַסירט,
סוף חודש, אַט פּונקט וויא איצונדער.
ר' זימעל, ער רייט דורכ'ן וואַלד און איהם ריהרט
אַ יעדוויעדער מעשה בעזונדער.

ער ווענדעט זיך צו דיא אידען דיא צוויי,
אַלץ דינג וואָס ער וויים צו ענדעקען,
דאָך דאָס איז שוין אַלעם קיין נייַ'ס ניט ביי זיי,
ער קען זיי אַהאַר ניט דערשרעקען.

אַזוי האָט דער אַלטער געשילדערט דעם אָרט
אַלץ רייטענדיג ווייטער און ווייטער,
און האָט ניט בעמערקט וויא זיין יעדוויעדעס וואָרט
מאַכט שמייכלען דיא פרעמדע, דיא רייטער.

און גלייך האָבען ביידע געגעבען אַ שפּרונג:
„ר' זימעל, מיט אונז זייט איהר זיכער",

און האָבען דעם מוהל געוויעזען אַ צונג,
און זיינען אַוועק וויא אַ וויכער.

„בעשירעם מיך בורא, דאָס זיינען דיא לייט"
דער אַלטער דערמאָהנט זיך אַ שבועה...
דאָך שרעקט ער צו קעהרען זיין קאָפּ אָן אַ זייט
און רייט וויא אַ מאַרמער סטאַטוע.

ער רייט און ער רייט און אַזוי וויא ער רייט,
בעוויזט זיך איהם פּלוצלונג אַ בנין,
מען עפענט דיא פענסטער: „וואָס האָט איהר קיין צייט
עס פעהלט אונז נאָך איינער צו מנין".

דער מוהל, ער בלייבט פּשוט טויט אויף אָן אָרט.
ער הערט וויא עס קנאַקט און געוויטערט.
ער רייט אָבער ווייטער און רעדט ניט קיין וואָרט,
דיא אויגען נאָר קוקען צוציטערט.

דער בנין פערליערט זיך עס טאַנצען אַרוים
אַ חברה מיט לוסטיגע בריעדער:
„וואָס איילט איהר, ר' זימעל, דיא נאַכט איז נאָך גרוים,
מישט אויף און דערלאַנגט אונז דעם סידור".

זיי גלאָצען דיא אויגען, זיי טרייסלען דיא בערד,
זיי ווערען אי עלטער אי אינגער,
זיי קומען פון אויבען, זיי קריכען פון דר'ערד
און שטעקען אַרוים איהם דיא צינגער.

אַט ווערען זיי הויך וויא דיא סאַסנעס, אַט קליין,
אַז קוים וואָס מען קען זיי בעמערקען.
אַט קומען זיי פּונקט וויא קאַזאַקען צו געהן,
אַט קומען זיי פּונקט וויא דיא טערקען.

אַט זינגען זיי זמירות און זינגען „כים באַם"
און ווילד קלינגט עס אַפּ אין דער סביבה,
אַט ווילען זיי כאַפּען דעם פערד פאַרן צאַם,
אַט כאַפּען זיי איהם פאַר דער גריווע.

אַט ווילען זיי שפּרינגען ר' זימלען אין שוים,
אַט ווילען זיי גאָר אויף איהם פאַלען,
אַט רופען זיי הינטען און רופען פאַראויס:
„ר' זימעל, ר' זימעל. קומט מל'ן".

דער אַלטער לייגט טלית און תפילין געשווינד,
דאָך גיעבען זיך „יענע" ניט אונטער.
עס ברויזט אויף אַ בייזער, אַ שרעקליכער ווינד
און רייסט איהם דיא שמירות אַרונטער.

עס שווייגט שוין ר' זימעל, זיין מויל איז פערמאַכט,
דיא לצים, זיי האָבען אַ קרבן....
ער האָט נאָך דיא נייעס אין שטעטיל געבראַכט
און איז טאַקע תכף געשטאָרבען.

דיא ערשטע טבילה

עס ברענט דער פראָסט, עס שניידט דער ווינד,
אונ באַשע פיהרט אונ צילה
דעם פישער'ס טעכטעריל אַצינד
אין קאַלטען וואַסער טבילה.

„ניט שרעק זיך, קינד, נו, מאַך דערפון!
דיא צייט האָט אָנגעוואונקען:
פערגאַנגען איז דאָך שוין דיא זונן, —
דו מעגסט זיך אונטערטונקען.

„דעם בורא'ס חסדים זיינען גרויס, —
נישט קשה, מאַך קיין תנועה!
דו שפרינגסט אַריין און שפרינגסט אַרויס,
און כשר, צו רפואה."

און זעה, עס צוקט דאָס צאַרטע לייב,
אין ווילדען פראָסט און שטורעם,
אָ, ווילסטו זיין אַ אידענס ווייב,
געוואוין דיך צו יסורים!....

זיא שפרינגט אריין, זיא שפרינגט ארויף,
אומזיסט, אומזיסט, נחמה!
דאָרט שטעהט און קוקט דער בעל הגוף —
דו ביסט געבליבען טמא.

און ווידער האָבען זיך געטוקט
מיט שרעק דיא שעהנע גליעדער;
דאָך פון דערווייטען שטעהט און קוקט
דער ערל טמא ווידער.

אַלץ שטאַרקער ווערט דער פראָסט, ער ברענט!
דיא מוטער און דיא שכנה,
זיי ברעכען דיא צופראָר'נע הענט,
און בלייכער ווערט דיא שעהנע.

„נו, טהו זשע וויא דער ד י ן איז, קינד!
אוועק איז שוין דער רשע —
אריין צום דריטען מאָל, געשווינד!
קיין בייז, קיין בייז, נישט קשה!"

דיא בלייכע ווייכט פון ד י ן ניט אָפּ
און טהוט וויא'ס שטעהט געשריעבען:
זיא איז אריין, זיא איז אראָפּ,
און איז שוין דאָרט פערבליעבען....

דער ממזר

די חדר קינדער ווילען זיך מיט מיר ניט שפּיעלען,
דער רבּי שטעכט מיך דורך מיט זיינע בּליקען;
ניטאָ פיר מיר קיין הארץ מיט מענשליכע געפיהלען, —
די בּעסטע וואָלטען גערען מיך דערשטיקען...

פון קידוש־בּעכער וואו די קינדער אלע זופּען,
יאָגט מיך מיט ווילדען כעס אַוועק דער שמש, —
כ'היים: „ממזר". טאָר צום ארון קודש זיך ניט שטופּען,
פערשאָלטען זיינען מיינע ד' אמות.

דער חזן טראָגט צום „לייענען" די ספר תורה,
און יעדער איינער קושט איהר מיט א קדושה;
איך שטעל די ליפּען אוים, מען קוקט אויף מיר, א מורא!
איך קעהר זיך אָפּ מיט וועהטאָג און מיט בּושה.

איך טראַכט און טראַכט, און קען מיין חטא זיך ניט ערקלערן;
וואָס הייסט: א ממזר? זאָגט: פיר וואָס מיך פּלאָגען?
און פרעג איך עס מיין מוטער, וויינט זי א בּיטרע טרעהרן,
זי קושט מיך היים און וויל עס מיר ניט זאָגען.

פיר אַנד׳רע קינדער האָט אַ טאַטע וואָס צו זאָגען.
אוּן פיר אַ יתום שטעלט זיך יעדער איינער, —
נאָר איך בין הפקר, וויא אַ בלאַט פון ווינד געטראָגען.
אַ חוץ איין שוואַכע פרוי, אַ, ליעבט מיך קיינער!

אוּן וואו איז דאָך מיין טאַטע ערגעץ היינגעקומען?
נישטאָ קיין תירוץ פיר דעם נע ונד׳ן.
איז ער אַוועק, האָט איהם דער הימעל צוגענומען?
פאַרוואָס זאָג איך קיין קדיש נאָך מיין טאַטען?

נאָר פרעג דעם ווינד. דיא וועלט איז שטום צו מיינע שמערצען
איך הער קיין ענטפער, הער קיין איינעם ריידען,
דעם אמת נאָר פערנעהם איך טיעף ביי מיר אין הערצען:
בין אונשולדיג אוּן לייד אומזיסטע ליידען.

צו אַ לויפיגען וואסער

(פריי נאָכ'ן ענגלישען.)

א, וואנדער שטראָם! וויא לאַנג, ערקלעהר,
וועט דיך דיא צייט אַלץ טרייבען?
פון וואַנען קומסטו, זאָג, אהער?
און וואו ועסטו פערבלייבען?

געבאָרען בין איך פון א באַרג,
וואו שעהנע בלומען בליהען;
וואו פאַלמען זיינען דאָ ניט קאַרג
און שטאָלצע אָדלער פליהען.

דער היממעל מיט זיין גאַנצען פּראַכט
מיין בוזים פלעגט בעשיינען,
און הערען פלעג איך דורך דיא נאַכט,
וויא זים דיא שטערען טענה'ן.

נאָר געהן האָט מיר פערוועלט זיך, געהן!
און בין אראָפּ געפאַלען —
זייט דאַמאָלס, וואַנדער איך אַליין,
אַליין דורך פרעמדע טהאַלען.

דערפֿאַר, אָ, לויף איך ד אָ און ד אָ ר ט,
עס רוישען מיינע וועלען, —
איך האָב קיין ה י י ם, איך האָב קיין אָ ר ט
וואו זיך אָפּצושטעלען....

עס יאָגט מיך און עס טרייבט מיך סתם
מיט אונבעוואוסטער גבורה,
און טראָגט עס מיך אריין אין ים, —
אָ, דאָרטען איז מיין קבורה!

ציון

פריי נאָך ר' יהודה הלוי.

דען ווילסטו, ציון, גאָר ביי מיר ניט פרעגען
אויף דיינע עלענדע, וואָס זיפצען שווער?
איך טראָג דאָך זיי'רע גרוסען דיר אַנטקעגען —
דיין רעשטעל, ווער, דו האָסט דאָך שוין ניט מעהר!

פון מזרח, מערב, דרום און פון צפון,
איך ברענג דיר ברכות, ברכות אָהן א שיעור, —
דיא קינדער דיינע בייגקען שטאַרק און האָפען,
א יעדעס הערץ נאָר ציהט אַהין צו דיר.

אויך איך, געבונדענער אין גלות־קייטען,
בעקלאָגענדיג דיין שרעקליכען בעשטאַנד,
וויל דיינע לאנג פערלאָז'נע בערג בעשפּרייטען
מיט טרעהרען, וועלכע פליסען נאָכאַנאַנד.

אָ קלאָג־מוטער בין איך צו גיסען טרעהרען
אויף דיר, אָ, ציון, אויף דיין אונטערגאַנג,
און טרוים איך פון דיין זיסען ווידער קעהרען,
ווער איך אָ פיעדעלע צו דיין געזאַנג.

מיין הערץ, עס ציהט צו בית אל און מחנים,
צו פניאל, אָך, וויא ציהט אַהין מיך דאָרט!
וויא גלוסט מיין גייסט צו דיר ירושלים! —
איך קוש פון ווייט דיין יעדער געטליך אָרט.

דארט איז דיא שכינה נאָר געוועזן דיין שכנה,
און דער בעשעפער, ער האָט אויפגעמאַכט
אנטקעגען זיינע בלאַנקע הימלען ריינע,
דיא טויערען דיינע פול מיט גלאַנץ און פראַכט.

וויא קען איך דאָס אַהן וועה, אָהן שרעק דערמאָנען?
אויף דיין געזאַלבטען'ס אָרט זעה איך אַצינד
א נידעריגען שקלאַווע שטאָלציג טהראָנען, —
גע'ירש'נט האָט דער קנעכט דעם קעניג'ס קינד.

אַ, יענע הויכע ערטער צו בעשטייגען,
וואו דיינע גרויסע האָבען זייער רוה;
וואו זיי'רע אייביג גרינע קברים צייגען
אַ האָפענונג, וואָס זאָגט אַ סך מיר צו!

אַהין, ווען איך זאָל אָדלער פליגעל קריגען,
געפלויגען וואָלט איך און פאַר וועה און שמערץ,
אַוואו דיא שטיקער דיינע הפקר ליעגען,
אַריינגעשליידערט אויף מיין וואונדיג הערץ.

אויף יענע ערד וואָלט איך מיר אויסגעצויגען
און וואָלט איהר אויפגעוועקט מיט מיין געוויין,

א יעדער שטויב מיט לוסט אריינגעזויגען —
און מיט מיין ברוסט דערוואַרעמט יעדער שטיין.

הר העברים, הור ההר, צוויי שטערען —
זיי לייכטען דאָרט אַדורך דיין נאַכט;
זיי האָבען דיך בעשיינט מיט זיי'רע לעהרען —
נאָך יענע ערטער גאַר איך און איך שמאַכט.

דיין לופט איז זעעלען שפייז, מיט האָניג פליסען
דיא טייכען דיינע; בשמים איז דיין שטויב.
דיין געגענוואָרט איז לעבען, פרייד און וויסען —
דו ביסט אַ הייליג ליעד, אַ גאָטטעס לויב.

וויא וואָלט איך נאַקעט דאָרט אין באָרוועס לויפען,
וואו גאָטט האָט דיינע גרויסקייטען פערפלאַנצט;
וואו דיינע טעמפלען, דיינע שעהנע הויפען
עס האָבען אין דער ריינסטער ליכט געגלאַנצט!

וויא זאָל איך זיך צו לוסט און פרייד דערהייבען
ווען איך מוז צוקוקען מיט וועה און גרויל.
וויא הינד צורייסען דיינע שטאָלצע לייבען
און דיינע אַדלערם ליעגען ביי דער קראָה אין מויל?

דעם טרויער כוס נעהם צו! כ'קען מעהר ניט טרינקען,
כ'בין לאַנג פון דיינע ביטערניסען פול,
צוויי מאָל האָב איך געזעהען דיין גרויסקייט זינקען,
דיין קדשי קדשים און דיין קעניג'ס שטוהל.

נאָך שטראַהלסטו וויא דיא זונן, אָ, הייליג ציון!
נאָך זיינען דיינע פריינד אין דיר פערליעבט,
נאָך איז דיין חן אין מיטען פון זיין בליהען —
און יעדער זעעלע איז אן דיר פערקניפּט.

אין זיי׳רע שקלאַפען־גריבער, וואו זיי קרעכצען,
געלוסטען זיי נאָך דיר פון פריה ביז שפּעט,
זיי בוקען זיך אנטקעגען דיר און לעכצען
נאָך דיין ערלייזונג אין אַ היים געבעט.

וויא קען דיא דומהייט פון דיא קעניגרייכען
זיך מעסטען, פּרופען מיט דיין „ליכט און רעכט?"
ווער קען צו דיינע דיכטער זיך פערגלייכען,
צו דיינע פירסטען, פּריסטער — דיינע קנעכט?

פערשוואונדען וועלען ווערען אַלע געטטער,
דאָך דיין בעשיטצער בלייבט, ער ווערט ניט אַלט!
עס ווינקט אַ צוקונפט דיר, אַ ליעבער שפּעטער,
דיין יוגענד גרינט, דיין נייער מאָרגען שטראַהלט.

אָ, וואויל דעם, וועלכער ווערט ניט מיעד צו האָפען
אויף יענעם גליק, אויף יענער גאָלד׳נער צייט,
ווען דיינע טהירען ווערען ווידער אָפען,
פיר דיינע וואָגלער אין דער פרעמדע ווייט!

ישעיה

ישׂשׂם מדבר וציה ותגל ערבה ותפרת כבצלת
(ישעיה, ל״ה)

דיא ווילדע וויסטע וועט מיט פרייד ערוואַכען,
דיא סטעפּע פריילאַך זיין, דער מדבר לאַכען,
דיא דאַרע ערד וועט זיך מיט לוסט בּעציהען
און וויא אַ יונגע ראָזע פּרעכטיג בּליהען.
יא, בּליהען, בּליהען, פרייען זיך און זינגען,
לבנון׳ס הערליכקײט וועט דאָרט ערקלינגען,
דיא שענהייט פון דעם כרמל און פון שרון,
דער גליק פון אַלטע טעג, פון זיסע יאָהרען,—
ערוואַכען, וועלען זיי, דיא שטומע שלעפער
און זעהן מיט פרייד דיא גרויס פון דעם בּעשעפער.

ווערט שטאַרק, איהר שוואַכע הענד, איהר מידע גלידער!
איהר קניען שטרויכלענדע, ווערט קרעפטיג ווידער!
זאָגט: „מוטה, איהר ציטערענדע, נאָר ניט שרעקען!
דער ראַכע־טאָג איז נאָהנט, — עס וועט זיי קלעקען...״
זעהט, אייער גאָט! ער קומט, ער טרעט דורך וועלטען,
זיך רעכענען, אייך העלפען און פערגעלטען,
אָ, דאַן ערשט וועל׳ן זיך עפ׳נען יענע אויגען,

וואָס זיינען יאָהרענלאַנג געווען פערצויגען,
און דיא פערשטאָפּטע אוי'רען אָפּען ווערען;
דיא בּלינדע וועלען זעהן, דיא טויבּע הערען.
דער לאָהמער, וויא א הירש וועט דאַמאָלס שפּרינגען,
דער צונג פון שטומען, זיסע ליעדער זינגען.
דען אין דער סטעפּע וועלען וואַסערס פליסען
און קרעניצעס אין וויסטע טריקעניסען.
דאָס גליהעדיגע לאַנד, צובּרענט פון שטראַהלען,
וועט זיך פערוואַנדלען אין אַ טייך, און קוואַלען
מיט פרישע וואַסער וועלען קרעפּטיג קוועלען
אין דער פערשמאַכטער ערד, און יענע שטעלען,
וואו בּרענענדיגע שלאַנגען פלעגען וואוינען,
זיי וועלען זיך מיט נייע פּפלאַנצען קרוינען.
אַ וועג וועט דאָרטען זיין, אַ וועג מיט בּלומען;
קיין אונריינער וועט דאָרט ניט טאָרען קומען.
אַ „וועג אַ היילינגער" נאָר וועט עס הייסען,
פיר דיא וואָס געהן דאָרט. פיר דיא וואָס ווייסען...
אַ וועג וואָס קען נור פריי און זיכער פיהרען.
זאָגאַר דער נאַר וועט דאָרט זיך ניט פעראירען.
קיין חיה וועט אויף דיעזען וועג ניט קומען,
קיין הונגעריגער לייבּ נאָך רויבּ ניט בּרומען.
דיא אויסגעלייזטע, גאָטט'ס אליין,
נאָר זיי, זיי וועלען דאָרטען געהן
צוריק נאָך ציון זייער גאַנג,
מיט זיסע ליעדער, מיט געזאַנג.

א וועלט מיט פרייד וועט זיין אויף זיי,
און שווינדען וועט א יעדער וועה
און יעדע זארג, און יעדע פיין,
וועט וויא אין טיעפען ים אריין.

איוב

ויען ד' את איוב מן הסערה ויאמר
(איוב לח.)

און גאט דער אלמעכטיגער, דער געביטער,
האט געענטפערט איוב'ן דורך דעם געוויטער:
„ווער זוכט דאס דארט צו ווארפען א שאטען?
פון אונזיניגע רייד אויף מיינע טהאטען?
דו גארטעל זיך אונטער וויא א מאן, דען גערען
וויל איך דיך פרעגען דו זאלסט מיר ערקלערען:
„וואו ביסטו געוועזען ווען איך האב מיט כח
דיא ערד געגרינדעט? זאג מיר, קלוגער מח!
איהר ריכטשנור ווייסטו ווער עס האט געצויגען,
איהר אבגעמאסטען און איהר אבגעוואויגען?
אויף וואס עס רוהען איהרע זיילען פעסט,

און ווער עס האָט געלייגט איהר ווינקעל־שטיין.
ווען ס'האָבען הימעל'ס געפליגעלטע געסט
און דער ריינער מאָרגענשטערען אליין
פאַר פרייד און ענטציקען געזונגען שען?"

„אַט דאָס האָב איך אָהן מיה, אָהן לייד,
„איהם אין אַ וואָלקען אַנגעקליידעט.
און וויא אין ווינדעלעך איהם זאַכט
אין נעבעל איינגעהילט וויא נאַכט.
יאָ, דאָס האָב איך פערהאַלטען דאָרט,
זיין ווילד געלויף מיט מיינ'ם אַ וואָרט;
מיט מיין געזעטץ פערשטעלט זיין וועג,
ער זאָל נאָר לויפען ביז אַ ברעג.
„ביסט פריי". האָב איך געזאָגט איהם, „געה!
דאָך וויא דו קומסט צום גרענעץ, שטעה!
אַט דאָ זאָל בלייבען שטעהן דיין מאַכט
אין דיינע וועלענ'ס שטאָלצען פראַכט."

„האָסטו שוין ווען געפּרופט בעפעהלענדיג זאָגען
עס זאָל בעגינען, עס זאָל נעהמען טאָגען?
האָסטו ווען געלאָזט דעם מאָרגענשטערען וויסען
זיין אָרט. פון וואַנען ער זאָל דיא וועלט בעגריסען.

א נעהם צו טהאָן דער ערד'ס געפליעגעלטע עקען
און אַרויסטרייסלען פון איהר די שלעכטע מיט שרעקען,
עס זאָלען דער גערעכטיגקייט'ס בעזע שונאים
וויא זיגעל־לעהם פערענדערען זייער פנים.
און פון דיא זינדיגע דיא ליכטיגקייט פערשטערען,
עס זאָל צו זיי ניט קענען קומען,
זיי זאָלען אין דער נאַכט פערשטומען
און זייער הויכער אָרעם זאָל צובראָכען ווערען?

„האָסטו שוין פרובירט דעם ים'ס גרונט צו דערלאַנגען?
ביסטו ווען אין תהום'ס בוזים אַרומגעגאַנגען?
האָבען זיך שוין געעפענט ווען צו דיר ענטפלעקען
דיא טויערען פון טויט, נאַכט און שרעקען?
האָסטו די ברייט פון ד'ערד בעטראַכט און בעגריפען?
דערצעהל, ווען דיין מח איז אַזוי געשליפען!
וואו איז דער וועג פון ליכט, די וואָהנונג פון לעבען,
און וואו טהראָנט די פינסטערנים וואו שאַטענס שוועבן
אום דו זאָלסט די ליכטיגקייט דאָרטען קענען טראָגען
און יענע פורכטבאַרע גרעניצען בעטאַגען —
זאָג, ווייסטו דעם צאָהל פון דיינע אייגענע יאָהרען?
דו ווייסט, אז דו ביסט דאָן שוין געוועזען געבאָרען?
ביסטו שוין געוועזען אין דיא שנעע מאַגאַזינען,
און וואו דיא אוצרות פון האָגעל זיך געפינען,
וואָס איך האָב אָנגעגרייט אויף שרעקליכע צייטען

מיט זיי מיינע אלע שונאים צו בעשטרייטען?
דורך וואָנען, זאָג, מוז דער שנעע, דער האָגעל פאַלען
ער זאָל ניט צושמאָלצען ווערען פון דיא שטראהלען?
מיט וועלכען וועג, זאָג, דאַרף זיך דאָס ליכט צוטהיילען?
דער מזרח ווינד צושפּרייטען—קענסטו עס דערצעלען?
ווער האָט דעם לויף אויסגעטהיילט צו דעם פּלאַץ־רעגן,
און דעם דונער, דעם בּליטץ בּעשטימט זייר׳ע וועגען
עס זאָל אין דער וויטעסטער וויסטע רעגענען,
דאָרט, וואו מען קען קיינמאָל קיין מענש בּעגעגענען,
און יענע סטעפּעס פול מיט אַנגסט און שרעקען
מיט טויה בּעטויען און מיט גראָז בּעדעקען?"

מתן תורה

דער שופר שאלט,
דער דונער קנאַלט
און טויזענד בליצען שוועבען: —
דער גרויסער גאָטט
קומט זיין געבאָט
דעם פאָלק ישראל געבען.

ער קומט, ער קומט!
דער מדבר שטומט
און פונקען פייער שפריצען.
דער סיני גליהט,
ווען שדי'ס טריט
בעריהרען זיינע שפיצען

און ווייט און הויך
שטייגט אויף דער רויך
געמישט מיט פלאַמען פייער, —
עס רעדט א קול
אראָפּ אין טהאָל,
און יעדעס וואָרט איז טהייער.

און משה שטייגט
צו גאָטט, עס שווייגט
דאָס פאָלק אין טהאָל — עס ציטערט!
עס הערט דיא שטים
פון אלהים,
וואָס רוישט און רופט און וויטערט:

„איך בין דיין גאָטט, וואָס האָט בעפרייט
פון יאָך דיך און געמאכט צו לייט!
הער אוים און היט מיר מיין געבאָט:
ניט האָב חוץ מיר קיין אנדער גאָטט!
דאָס איז דער גרונד פון מיין געזעטץ:
ניט מאך קיין בילד, ניט מאך קיין געטץ
וואָס איבער דיר און אונטער דיר,
וואָס אין דעם ים און אויף דער ערד
פערגעטער ניט; דאָס האָט קיין ווערטה —
עס גיעבט קיין גאָטט ניט אויסער מיר.
ניט בוק דיך צו קיין געץ, געדיינק!
דען מיין ניט, אז איך שוויג און שיינק;
איך בין א כעסן און איך שטראָף, —
דו ריכסט זיך אוים א שווארצען סוף.
דער פיערטער דור וועט פיר דיין זינד
נאָך מוזען ליידען, ניט געשווינד
פערגעהט מיין צאָרן, איך פערגעלט
אי גוטס, אי שלעכט'ס אויף דיעזער וועלט.

דאָס זאָג איך ווידער אָן און הער!
אין מיינעם נאָמען פאַלש ניט שווער,
דען שווערען פאַלש איז אויך א זאך,
וואָס איך בעשטראָף און גאָר ניט שוואַך.
דעם שבת זאָלסטו היטען טריי.
זעקס טעג בעשעפטיג זיך אין וואָך,
ניט מעהר, געדענק! דוא מוזט זיין פריי.
דעם זיעבעטען רוה אוים פון יאָך,
און ניט אליין פיר דיר איז רוה;
דיין זוהן, דיין טאָכטער און דיין קנעכט
געניסען אויך דאָס זעלבע רעכט:
זיי מוזען רוהען פונקט וויא דוא,
זאָגאַר דעם גר, וואָס וואוינט מיט דיר,
קומט שבת רוה, זאָגאר דיין טהיער,
דען בלויז זעקס טעג האָט גאָט פערבראכט
אויף הימעל און ערד און ים און גאָר
וואָס אויף און אין זיי טהוט זיך נאָר.
דעם זיעבעטען האָט ער געמאכט
אַ טאָג פון הייליגקייט און רוה,
און האָט געבענשט איהם נאָך דערצו.
היט טאטע, מאמע אָב ביז גאָר,
כדי זאָלסט האָבען לאנגע יאָהר
ניט רוצח'ע און ניט נואף,—פיין
זאָלסטו און אנשטענדיג מיר זיין.
קיין פאַלשער עדות זיי, קיין דיעב.

אזעלכע לייט האָב איך ניט ליעב.
ניט גלוסט דיין חבר'ס הויז, זיין ווייב,
ניט גלוסט פיר זיך צום צייט פערטרייב,
זיין דיענסט, זיין אָקס, זיין פערד, זיין קנעכט,
ניט גלוסט, — דו האָסט צו זיי קיין רעכט".

און ניט נאָר געהערט האָט דאָס פאָלק נאָר געזהען
דיא הייליגע קולות, דיא ליכטיגע פלאממען,
אין וועלכע דיא ערד און דער הימעל צוזאמען
עס זיינען אויף אייביג פערבונדען געווען.

און ניט נאָר געזעהען און געהערט נאָר געפיהלט,
געפיהלט האָט דאָס פאָלק דיעזע הייליגע קלאנגען: —
זיי זיינען ביי איהם אין דיא בלוטען צוגאנגען;
זיי האָבען זיך טיעף אין זיין זעעלע צושפיעלט.

עס זיינען שוין דורות פערגאנגען אַ סך,
דאָס פאָלק אין שוין ווידער אין קנעכטשאפט געפאלען;
דאָך הערט עס דעם קול פון דעם שופר נאָך שאלען
און ווערט אין זיין הייליגען גלויבען ניט שוואַך.

„דיין גאָט בין איך, פאָלג מיך און היט מיין געבאָט...."
וויא שטארק איז עס דאמאָלס געדונערט געוואָרען!
א אייביגעס פאָלק האָט דער סיני געבאָרען,
אַ אייביגען גלויבען, אַ אייביגען גאָטט!

דיא ליכט פערקויפערין

(א בילד פון דער ארעמער גאס).

אין העסטער סטריט, נעבען א טעלעגראף־סלופ,
אן ארעמע פרוי זיצט דארט גלייך צו א טרופ;
א ביינערנער פנים און בלייך וויא דער טוידט,
דאך קענטיג דיא באקען געווען אמאל רויט;
נאר וואוילטאג, און פריינדשאפט, און ליעבע און פראכט,
זיי האבען געוויס דאס ניט חרב געמאכט.
עס זיצט דארט דיא בלייכע פון וויינען האלב בלינד,
איהר ברוסט ציהט א דאר'ס א פערמארעטעם קינד, —
דאס זויגט, און דאס וויינט, און דאס שלאפט, און מיט וועה
שפרינגט אויף דאס סקעלעטעל פון מאמא'ס געשריי:
„קויפט ווייבערלעך, ליכטלעך צוויי, פיר דריי סענט,
אויף מיר אזא מזל וויא ליכטיג דאס ברענט".

איהר סחורה איז ווינציג, איהר קערבעלע — קליין,
דאך שטענדיג ערנעהרט זיך דיא שוואכע אליין:
אין שנעע און אין רעגען, אין פראסט און אין ווינד,
דיא ארעמע אידענע זיצט מיט איהר קינד;
זיא האנדעלט, און האנדעלט אין צער און אין נויט,

דאָך האָט זיא קיין היים, און קיין קלייד און קיין ברויט;
און אויסער דעם סלופ, אָט דעם שטומען, מיר שיינט,
פערמאָגט זיא קיין קרוב, קיין נעהנטערן פריינד;
דאָך האָטש זיא איז עלענד, פערלאָזען און קראַנק,
פערלאַנגט זיא פון קיינעם און בעט קיין געשאַנק, —
מיט שבת־ליכט האַנדעלט זיא דאָ, וויא איהר זעהט;
דיעזעלבע צו קויפען, איז אַלץ וואס זיא בעט.

לכבוד דעם שבת, דעם הייליגען גאַסט,
לויפט יעדער אין מאַרק מיט אַ שמחה, מיט האַסט; —
עס טומלען זיך מענשען אַהער און אַהין,
דאָך ליעגט דיא פערחושך'טע קיינעם אין זינן.
ווער דאַרף איהרע אָרימע ליכטלעך דיא פּאָר?
נאָך פליישׁ, און נאָך פיש, און נאָך וויין לויפט מען גאָר.
דיא שוואַכע שטעלט אויס איהרע מאָגערע הענט:
„קויפט, ווייבערלעך, ליכטלעך צוויי פיר דריי סענט!“
דאָך ווער הערט איהר שרייען? — פערלאָרען ווערט דאָרט
אין ווילדען געטומעל איהר אָרעמעס וואָרט!
אַ חוץ דיא יתומה דיא קליינע אין שוים —
זיא הערט מאַמאַס שרייען, דאָך וואָס קומט ארוים?

איך בעט אייך, וויא לאַנג וועט נאָך האַנדלען אין גאַס
דיא עלענד געבליבענע, קראַנקלאָך און בלאַס?
וויא לאַנג קען זיא ליידען נאָך הונגער און נויט,
זיך ראַנגלענדיג מיט דעם פערביסענעם טויט?
וויא לאַנג, אַ, וויא לאַנג וועט דאָס אָרעמע ווייב

נאָך שפּייזען דעם נפש וואָס ליעגט בּיי איהר לייבּ?
אַמאָל פלעגט דאָס קינד האָטש דערשלינגען אַ טרעהר,
דאָך יעצט, מאַמאַ'ס אויגען, זיי ווייַנען ניט מעהר...
ניטאָ מעהר קיין טרעהרען, דער מח איז לעער,
דאָס הערץ איז צובּראָכען, דער אָטהעם איז שווער;
דיא ליפּען נאָר מורמלען נאָך קוים אוים מיט וועה:
„קויפט שבת־ליכט, ווייבּערלעך, קויפט האָטש אַ צוויי."

אין העסטער סטריט, שטיל און פערלאָזען, אַליין,
אַ יתום'ל שטעהט דאָרט, אַ קערבּעלע קליין,
דערבּיי זיצט אַ קאַלטער פערגליווערטער טרופּ
דיא אָרעמע סוחר'טע נעבען אַ סלופּ.
דערווייַלע האָט קיינער בּעמערקט נאָך דעם מת, —
עס זייַנען דיא רייכע פערטהאָן מיט דעם פ ר ע ם;
היינט ווער רעדט דיא פ ר ו מ ע, דיא כ ש ר 'ע לייט,
זיי האָבּען געווים ערב־שבת קיין צייט.
אַזוי איז דיא דראַמאַ אַוועק אונבּעטראַכט,
בּיז לאַנגזאַם און שטיל איז געקומען דיא נאַכט,
געקומען איז אויך פון דעם הייליגען זבול,
דיא בת מלכה שבת, יעצט געהט מען אין שוהל.

אין שוהל איז יעצט ליכטיג, און ציכטיג, און פיין,
דער חזן זינגט זים, אַללע, הערען זיך איין; —
דאָך וואָס איז דיא מנורה אַזוי וויא אין טרוים?

דיא ליכט וועלכע שטעקען דארט, שמינקלען זיך קוים!
דיא ליכטלאך, — זיי זיינען דאך, ווייסטו עס ניט? —
דער סוחר'טעס, וואס איז געשטארבען אין סטריט.
דאס האבען דיא רייכע, דיא פרומע געבראכט,
פיר איהר מיט איהר קינד דא צו ברענען דיא נאכט. —
דיא ר י י כ ע, דיא פ ר ו מ ע ערפיעלען א פפליכט:
זיי צינדען דאס אן דער געשטארבענער'ס ליכט.
דיא רייכע, דיא פרומע, וואס ארט זיי א גוף?
נשמות — דאס, זעהט איהר, דאס הייבען זיי אויף.

א, הייליגע ליכט! איהר זייט עדות אצינד,
אז נויט האט דערשלאגען דא מוטער און קינד,
אז דא וואו מיליאנען פערניצט מען צום שפאס,
דא לאזט מען פערהונגערן מענשען אין גאס;
אויף כ ב ו ד, אויף לוקסוס, וואו גאלד ווערט פערוועגד'ט,
איז פיר דעם געדריקטען פערשלאסען דיא הענט.
בעהאלט אייער פלאם, א, איהר הייליגע ליכט!
ביז יענעם אלמעכטיגען טאג פון געריכט!
און דאן, פאר גערעכטיגקייטס הימלישען טהראן,
איהר ריינע שמות־ליכט, דאן צינד'ט זיך אן.
זאל ליכט ווארפען ליכט אויף א פינסטערע צייט,
פון עהרליכקייט פרעמד און גערעכטיגקייט וווייט!

יום כפור צו מנחה

יום כפור צו מנחה, דער אומעטה איז גרויס;
דיא ריינע נשמות־ליכט געהען שוין אוים;
דער עולם איז מיד און פער'חלוש'ט, און בלאס;
דער חזן איז הייזעריג, שוואך איז דער באס;
דיא זינגערלאך לעכצען שוין אלע נאך רוה;
א פאאר תפילות מעהר, און דער מחזור איז צו;
עס בלאזט דער בעל־תקיעה: „לשנה הבא!“
און פוסט איז דיא שוהל,— עס איז קיינער נישטא.

איך שטעה ביי דעם ארון הקודש און טראכט:
אָ, וואס איז נאכהער, ווען דיא שוהל איז פערמאכט?

אוים יום טוב

אוים יום טוב, אין מחזיר איז מוטנע און וועסריג;
צונומען דיא סוכה, פערוועלקט איז דער אתרוג;
געשטאָרבענע ליגען דיא גרינע ערבות;
דער לולב איז בלייך און זעהט אוים אַ בן-מות;
צוטרעטען אויף דער ערד ליעגט דיא שטילע הושענא....
מיין ליעבער, דאָס זיינען דיא האָפנונגען דיינע!

דאָס ליעגען פערוועלקט דיא חלומות דיא זיסע;
דאָס זיינען צוטרעטענע פריידען געוויסע;
דאָס זיינען געשטאָרבענע טהייערע גליקען,
וואָס פלעגען אַמאָהל דיין נשמה ערקוויקען; —
אַ דאָס איז דיין ליעבע, אַ דאָס איז דיין שטרעבען,
דאָס זעהסטו אַ ריכטיגען בילד פון דיין לעבען!

דיא ריטלאַך פערפוילען, דיא בלעטלאַך פערוויאַנען, —
עס קומט אָן אַ סוף און מען ווייס ניט פון וואַנען;
דער אתרוג וועבט אוים, עס צוברעכט זיך דער לולב;
דער שמש קערט קאָלט זיי אַראָפּ פון דעם שוהל-הויף....
אַ ווינד גיט א וועה, און וויא פייל אוים'ן בויגען
ווערט אַלעס פערשוואונדען פון אונזערער אויגען.

צום פאָלק

(סאָנעט.)

מיין פאָלק, וואָס נאָך קענסטו פון מיר פערלאַנגען?
וואָס האָב איך נאָך, וואָס איך זאָל דיר ניט געבען?
איך שיינק דיר מיינע הערצליכסטע געזאַנגען,
מיין קראַפט און מיין נשמה, ריינעם לעבען.
וואָס אין מיין אויג איז אָפט ארום געשוואומען,
וואָס אין מיין האַרץ האָט אָפט געבּרענט וויא גלוטען,
דאָס האָב איך אין בעגייסטערטע מינוטען
צונויף געוועבט אין לעבעדיגע בלומען,
מיין פאָלק, דיין קאָפּ דיר צו בעקראַנצען,
דיין מיעדען קאָפּ, וואָס קען קיין רוה געפינען
און איין געדאנק נאָר האָט בעהערשט מיין זינען:
פיר דיר צו זיין, פיר דיר אליין אין גאַנצען.
וואָס קען איך נאָך? וואו האָב איך מעהר קרבנות,
אויב ליעבע איז דיר קארג און קנאַפּ רחמנות?

לירישע ליעדער:

lilien

דער פּאָעט

איך קום פון א שעהנערעס, בעסערעס לאַנד,
אַן־אַנדער זונן ציערט דאָרט דיא בערגען,
דער גאָט האָט פערגיצט דאָרט זיין גאַנצען פערשטאַנד ;
געאָפּפערט זיין גרעסטען פערמעגען.

אָ דאָרט בין איך היימיש, אָ דאָרט בין איך רייך,
אָ דאָרט איז מיר גוט, איז מיר פרעהלאַך,
אָ דאָרט איז קיין אירדישער קעניג מיר גלייך,
איך לאַך דאָרט פון שטאָלצעסטען מלך.

איך טראָג דאָרט אַ קרוין פון פיעל רייגערען גאָלד,
מיך ציערען דאָרט זאָלכע געווענדער,
וואס ווערען פון גרעסטען מאַגנאַט ניט בעצאָהלט
מיט גאָר זיינע אוצרות און לענדער.

און וויל איך פערגניגען דאַן שפּיעלט עס מיר שעהן,
דאַן זינגען דיא זונען, דיא שטערען,
דאַן זינגט זיך פאַנאַנדער דער הימעל אַליין,
עס איז אַ מחיה צו הערען.

און ווילט זיך מיר חלום'ן ווערט עס אויך באַלד
בעשאַפען, אַזוי וויא דורך שמות,

אַ פֿרעכטיגער, גרינער און לופטיגער וואַלד,
איך געה דאָרט און חלום חלומות.

איך טרוים דאָרט פֿון ליעבע און פיהל אַזאַ שמערץ
און האָב אַזאַ עדלען פֿערלאַגען,
וואס פיהלען ווען דאס זאָל איין שטערבליכעס הערץ,
וואָלט גלייך עס פֿאַר זיסקייט צוגאַנגען.

דאָך ווען פֿאַר תּענוגים דאָס הערץ ווערט מיר שווער,
איך וואָלט דאַכט זיך יאמערען גערען,
לעבט אויף אַזאַ צויבער, וואָס ברינגט מיך אַהער
צו גיעסען דיא ביטערסטע טרעהרען.

דען אַלץ וואָס איך טרעף אויף דער זנדיגער ערד,
זעהט אוים אַזוי קראַנק, אַזוי עלענד ,פֿערצעהרט,
זאָגאַר אויף דעם מעכטיגסטען קעניג אַליין
פֿערקלעמט מיר פֿאַר מיטלייד דאס הערץ און איך וויין.

זכרונות

פאר דעם ציימעל נעהם מיך, מאַטקע!
איך וועל זיין דיין פערד!
נעהם דעם שטריקעל פאַר אַ לייץ, דעם
שטעקעל פאַר אַ שווערד!
מאַרש אַהין אויף יענע בערגלאַך
אין דער פרייער לופט
איצקע וואַרט שוין מיט אַ באַנדע, —
הערסטו וויא ער רופט?
זעהסט איהם אויפ'ן שפיץ פון בערגעל,
דאָרטען, פאַזע טייך?
אַך, איהר זיסע קינדער־יאָהרען
ווייט בין איך פון אייך.

קינדער, ניט פערגעסט דיא פייפלאַך,
וואָס איהר האָט געמאַכט! —
פרעגט נאָר בערקען, האָט ער אַלע
צווייגלאַך שוין געבראַכט? —
מאַכט זיך גרייט צו לויפען, קינדער,
גיכער, נו, גאַלאָפּ!

ווייטער, ווייטער גערט עס שנעלער,
פלינקער באַרג אַראָפּ.
קומט צום וואַסער־מיהל, אָט דאָרטען
לויפט דער קלאָרער טייך —
אַך, איהר זיסע קינדער יאָהרען,
ווייט בין איך פון אייך.

היט זיך, ניט צוברעכט דיא קריעגלאַך!
רוהיג, מאַכט קיין גוואַלט!
ווייסט איהר, וואו דיא יאַגדעס וואַקסען,
אין דעם טיעפען וואַלד?
קינדער, נעהמט זיך פאַר דיא פאָלעס!
יודקע, געה פאָראויס! —
דאָ איז לייכט צו בלאָנדזשען, קינדער,
אונזער וואַלד איז גרויס.
צום יאַגאָדניק, — ניט פערליערט זיך,
קומט זשע אַלע גלייך, —
אַך, איהר זיסע קינדער יאָהרען,
ווייט בין איך פון אייך.

זיסע, שעהנע, ליעבע קינדהייט,
ווייט ביסטו פון מיר!
מיין נשמה, מיין פאַנטאַזיע
טרוימט נאָר וועגען דיר.

ווי א שאָטען ביסטו, קינדהייט,
ווי אַ רויך, וואָס פליהט,
ווי א בליץ געשווינד אנטלויפסטו
און מען זעהט דיך ניט.
שוועבסט נאָר אום אין מיין זכרון
ווי אַ זיסער טרוים,
איך דערמאָן זיך און מיר ווייַנט זיך,
און מיר גלויבט זיך קוים

אונטער יענע גרינע בוימלאך
קום, מיין קרוין מיט מיר!
דאָרטען עפענט זיך מיין זעעלע
גאנץ און גאָר פאר דיר;
דאָרטען לייענסטו דיא סודות
פון מיין גרויסען שמערץ,
דו דערזעהסט דאָרט יענעם פייער,
וואָס פערצעהרט מיין הערץ.
דאָרט געשטעה איך דיר דעם אמת
און איך וויין צוגלייך...
אַך, איהר זיסע יוגענדיאָהרען,
ווייט בין איך פון אייך!

זעהסטו ווי דיא טענצער שוועבען?
הייליגע מוזיק! —

דאָ ווערט אונזער זעעלע ברייטער,
דאָ נאָר וואוינט דאָס גליק...
צויבערטענער, — וויא זיי קלינגען!
גיבער אין דער מיט!
איינס, צוויי, דריי, נו, שנעל, געליעבטע,
הייב דיא ענגעל טריט!
איצטער פיהל איך, אַז דאָס לעבען
איז קיין „דומער שטרייך“....
אך איהר זיסע יוגענדיאָהרען,
וויים בין איך פון אייך!

שפיעל אַ ווײַלע לענגער, כלי־זמר,
זאָג, וואָס איז דיא אייל?
איך בין יעצט אין מיטען טאַנצען....
שפיעל נאָך, שפיעל אַ ווייל!
זעהסטו, וויא דיא ליעבסטע מיינע
שיינט אין בלומענקראַנץ?
זעהסט, וויא וואונדער שעהן מיר שוועבען
אין דעם צויבערטאַנץ?
שנעל, געליעבטע! עס פערשטומען
אַלע סטרונעס גלייך!...
אַך, איהר זיסע יוגענדיאָהרען,
זאָגט, וואָס איז מיט אייך?

חן'עוודיגע יוגענד מיינע,
חלום'דיגער שטראָם!

אך, וויא האָסטו אויסגעטריקענט!
כ'זעה פאַר זיך דעם תהום!....
וואו איז דיא געליעבטע מיינע?
וואו דער בלומענקראַנץ?
וואו איז יענער זיסער כלי־זמר?
וואו דער צויבערטאַנץ?
יענע זיסע בילדער אַלע,
זעה איך זיי אַמאָהל?
זאָגט, אויף וועלכען באַרג זיי בלאָנדזשען?
זאָגט, אין וועלכען טהאָל?
איז ניט מעגליך כאָטש פון ווייטען
דאָרט צו טהאָן א בליק?
נאָר א בליק אויף יענע צייטען,
יענעם שעהנעם גליק?
נאַריש, נאַריש, זעהר נאַריש!
וואָס דיא צייט פערטראָגט,
קען דער מענש ניט מעהר דערגרייכען,
איבריג וואָס ער יאָגט!.....

הערבסט בלעטלאך

I.

איינזאַם זיטץ איך, וויא געפאנגען
פון אַ זעלטזאַמען געפיהל:
עפּעס האָב איך איין פערלאַנגען,
דאָך איך ווייס ניט, וואָס איך וויל.
זיינען פריידען, זיינען ליידען
ערגעץ וואו פיר מיר בעשטעלט?
קראַנק איז איינער פון אונז ביידען! —
זאָגט: בין איך עס, צו דיא וועלט?

שטונדען קומען און פעררינען, —
נייע, נייע קומען צו;
דאָך קיין איינע ברענגט מיין זינען
און מיין קראנקען בּוזים רוה. —
וויינען מוז איך, קען ניט ריידען,
קען ניט ווייסען, וואָס מיר פעהלט.
קראַנק איז איינער פון אונז בּיידען! —
זאָגט: בּין איך עס, צו דיא וועלט?

II.

איך ליעבּ דעם ווינד, איך ליעב דעם ים,
דען וויא דער ערשטער בּין איך עלענד
און וויא דער צווייטער רוישט מיין הערץ.
איך ליעב דיא וואָלקען, ליעבּ דיא נאַכט,

דען וויא דיא ערשטע קען איך ווייגען
און וויא דיא צווייטע איז מיין וועלט.

.III

דיא וועלט איז זאָ אַלט און אַלטעגליך;
דאָם לעבּען זאָ קאַלט און זאָ קלעגליך;
דיא ערד אַזוי שמוציג און קליין;
דיא צייט אַזוי קרום, אַזוי שטױבּיג;
דער מענש אַזוי דום און נישט אייבּיג —
וואָם טהו איך דאָ איינער אַליין?

IV

האָבּ פיעל געלאַכט, דאָך זעהר פיעל געוויינט;
אָ, שטענדיג איז ביי מיר געווען פעראייגט
מיין לאַך מיט מיינע טרעהרען....
נישטאָ, וואָם צו הערען!

האָבּ פיעל גערעדט, דאָך פיעל געשוויעגען שטיל,
מיין שווייגען אָבּער האָט גע'טענה'ט פיעל,
איך קען אייך שווערען, —
נישטאָ, וואָם צו הערען!

האָבּ פיעל געהאַסט, דאָך פיעל, אָ, פיעל געליעבּט!
קאָנטראַסטען האָבּען מיר דאָם הערץ צוקניפּט.
איך האָבּ פּראָבּירט זיך וועהרען....
נישטאָ, וואָם צו הערען!

V

וואו איך פאָהר און וואו איך געה נאָר,
וואו איך זיטץ און וואו איך שטעה נאָר,

שוועבט פאר מיר אַ בלייך געשטאַלט.
אימער בלייכער, בלייכער ווערט עס,
פון דיא מיעדע אויגען טרעהרט עס,
מיט דיא דאַרע באַקען צוקט עס,
מיט דיא שטאַרע בליקען קוקט עס
און עס וועקט אין מיר אַ גוואַלט.
שרייב איך, אויף מיין שרייבען לעבט עס;
לעז איך, זעה איך אויפ'ן בוך עס;
גאַר בחנום, וואַס איך זוך עס
אויסצומיידען; אימער שוועבט עס
פאר דיא אויגען מיר, — אַ וועה! —
וואו איך געה און וואו איך שטעה!
ווען איך ליעג אין קבר קאַלט,
דאַן פערשווינדעט דאַס געשטאַלט.

VI

דער וועג איז ווייט דער טאַג איז קורץ;
דיא זונן זינקט באַלד אַרונטער;
דאַס וואַסער רוישט, צום ברעג איז ווייט —
מיין שיף, מיין שיף געהט אונטער!

דאַ העלפט עס מעהר קיין ראנגלען זיך,—
דער ווינד איז אַ געזונדטער;
דער ים איז גרויס, דער ים איז ווילד —
מיין שיף, מיין שיף געהט אונטער!

אָ, זיי געזונד, דוא שעהנע זונן!
דוא שיינסט נאָך ווידער מונטער;
נאָר איך, — דיא כוואַלעס רוישען שרעק —
מיין שיף, מיין שיף געהט אונטער!

אלול מעלאָדיען

1.

דער בעל־תקיעה גיט אַ בלאָז;
עס פאַלט אַ טריבעס וועטער,
עס וועלקט אין פעלד דאָס יונגע גראָז,
דער בוים פערליערט דיא בלעטער.

דיא ערד שטעהט הויל און נאַקעט באַלד,
אַ סוף איז צו איהר יחום; —
דער פֿעגעל זינגט אין גרויסען וואַלד
און וועקט און רופט צו סליחות.

ער זינגט אַי אומעטהיג, אַי זיס,
אַ ג'זעגען ליעד מסתמא;
דאָס גיט אַ נעהם, דאָס גיט אַ ריס,
אַ ריס ביי דער נשמה!

עס רוישט דער וואַלד, עס וועהט דער ווינד,
דיא האַק קוקט אָן דעם שומר....
דאָס קומט אַ יום הדין אצינד
אויף בוימלאַך און אויף בוימער.

אָ, מענשען! בוימער אין דעם וואַלד!
איהר הערט דיא שטורעמס קנאַקען?
צו יונג צו אלט, צו שפעט צו באַלד,
מען וועט אייך אַלע האַקען!....

II.

אָ, קאַלטלאַך און ווינדיג,
דער סוף פון דעם זומער!
עס וועלקען דיא בלומען אין טהאַל!
דיא שעהנהייטען שווינדען;
אין טויטליכען שלומער
איז אַללעס פערוויעגט מיט אַמאָל.

דער שטורעם, ער שליידערט
דיא טרוקענע בלעטער,
צוטראָגט דאָס פערשטאָרבענע צווייט;
דער וואַלד רוישט אַ ו ד ו י, —
אַ ווייליגקע שפעטער
פערשטומט אויך דאָס היילגסטע ליעד.

דיא פייגעלעך זינגען
אַ „תפלת הדרך“,

און ווענדען צום ים זייער בליק.
געליעבטע, וואו פליהסט איהר?
וויא וויים פאָרט, אַנ'ערך?
און זאָגט מיר: ווען קומט איהר צוריק!

עס גיסען זיך ביטער
דיא ווערה־מעלאָדיען,
דער ענטפער דערלאַנגט אַזאַ דריק:
„מיר ווייסען נאָר אַללע
מיר מוזען פ ע ר פ ל י ה ע ן,
דאָך גאָטט ווייס פון קומען צוריק!"

.III

ס'איז שטירמיש, קאַלט דאָס וועטער
איך געה אין וואַלד אליין
און קלייב דיא טויטע בלעטער
און קוק זיי אָן און וויין:

„אָ, בלעטער, טויטע בלעטער
דער מענש און איהר זייט גלייך:
מיט מיר וועט אויך זיין שפעטער
אָט דאָס, וואָס יעצט מיט אייך:

עס וועט דער ווינד דער כעס'ן
צו מיר אויך קומען באַלד
און מיך ארונטעררייסען
פון לעבענס־בוים מיט גוואַלט.

שוין פיהל איך דיא געפאהרען
פון הערבסטווינד אויף מיין קאפּ,
שוין פיהל איך מיין פערדארען
און פיהל, איך פאל אראפּ!

IV

דער ליעבער זומער איז אוועק,
דער ווינטער קומט צו רייטען,
א וועה, וויא שנעל, וויא שנעל, א שרעק!
עס וועקסלען זיך דיא צייטען!
וויא לאנג האט מען געזונגען „טל"?
מען הערט שוין „גשם" בענשען,
אנ'אימה טראגט זיך איבעראל,
א פחד אויף דיא מענשען!

דיא ליעבע שלומערט איין אין ברוסט
און חלומ'ט אין דער שטילע —
אין אומעטיגען „הנני"־גוסט
פערגעהט זיך דער בעל תפילה.
און דיא נשמה מיעד און קאלט
ליעגט אין דעם גוף און פלאטערט —
דיא וועלט איז קראנק, דאס לעבען אלט,
און דיא נאטור פערמאטערט.

א, ואס'זשע ווין איך, ווען איך זעה
דעם אבשייד פון דעם זומער?

פאַר וואָס ערגרייפט אַ טיעפער וועה
מיך אָן, אַ טיעפער קומער ?
פאַר וואס ערשרעק איך וויא אַ קינד
ביי'ם וועלקען פון דיא בלומען,
ביי'ם ערשטען פייף פון רויהען ווינד
וואָס זאָגט אָן ווינטערס קומען ?

איך ווייס נישט, וואס מיין שרעק בעדייט,
איך ווייס נאָר, אַז דיא טרעהרען
אין יעדער יאהר צו דיעזער צייט,
ערשיינען גרינג און גערען ;
איך ווייס נאָר, אַז אין בוזים נאָגט
און גריזשעט וויא א וואָרים,
און טיעף אין הארץ אַ שטימע זאגט :
זעה! קברים, קברים, קברים!״ . . .

גראָע האָאר

גראָע האָר, בית עולם בלומען!
איך קוק אייך אָן און פיהל אַ קעלט, —
צו שנעל זייט איהר צו מיר געקומען,
שלוחים פון אַ טויטער וועלט!

איהר ווייזט צו שנעל מיר מיין פערבליהען,
מיין זונן, צו גיך וויא זיא פערגעהט,
דער בעזער ווינטער קומט צו ציהען,
ער האָט דעם קאָפּ מיר שוין פערשנעעט.

האָב מיטלייד, ווינטער, האָב ערבאַרמען,
ניט וואַרף צו שטאַרק אויף מיר דיין קעלט!
איך האָב קיין זאַך וואס זאָל ערוואַרמען
מיין קראַנקע הארץ אויף דיעזער וועלט.

מיין הייסער וואונש איז לאַנג פערפלויגען,
ער האט זיך, ניט פערווירקליכט, ניין!
אומזיסט נאָר אויסגעווײנט דיא אויגען,
אומזיסט געבליעבען הויט און ביין!

שוין פיהל איך דעם זכרון שווינדען,
מיר בלייבט קיין שפור פון יענע צייט,
וואס פלעגט מיך וויא אַ צויבער בינדען,
צום שעהנעם טרוים, וואָס איז צו וויים.

ווינטער

דער ווינטער קומט מיט זיינע שטאַרקע קעלטען;
מיט זיינע שנעע און זיינע פרעסט;
מיט זיינע אונגעבעט'נע געסט
פון טויטע וועלטען.
ער קומט, דער קאַט, און פרעסט
אַרוים פון בוים דיא קראַפט;
פון גראָז דיא זאַפט;
פון בלום איהר פאַרב;
„שטאַרב!"
זאגט ער צו דער וועלט
און זיא ווערט קאַלט.
תכריכים שפרייטען מיט אַמאָל
זיך אוים אויף בערג און טהאָל.
עס פאַלט
אַ טויטער שלאָף, אַ טויטע נאַכט.
אויף אַלץ, וואס וואַכט.

גראָע וואָלקען פערשלינגען דיא ליכט פון טאג,
פון פערגליווערטען וואַלד צוטראגט זיך אַ קלאַג:
דאָס איז דער געלעכטער פון דער קראָה, זיא קוועלט,
פליעגלענדיג איהר שוואַרצקייט אויף דער טויטער וועלט!
וואו דיא נאַכטיגאַל פלעגט גאָרגלען איהר געזאַנג;
וואו דיא לערכע פלעגט צולאָזען זים איהר קלאַנג;
וואו אַ טויזענד פרייע פייגעל מיט אמאָל
פלעגען טרילערען, צוטראגט זיך יעצט דער קול
פון דער ווילדער קראָה. פאַר איהר ליעד
פליהט
פון הערץ דיא פריידע פליעט דיא לוסט.
פוסט
ווערט דיא זעעלע
אויף דער שטעלע.
דורך דער ברוסט
ציהען יאוש, ציהען שרעק,
און עק
ווערט צו לעבענס טהייערע חלומות!
בעזע אימות
פיללען און דאָס הערץ, דיא ליעבע וויכט.
דאָס מיעדע לעבען פרייכט . . .
„שטאַרבט אָפּ!"
קומט בעז דער ווינטער צו בעפעהלען,
און פון דיא הימעל־הויכע שטעלען
פאַלט אַראָפּ

דיא געפליגעלטע פאנטאזיע,
פון איהר צויבערהאפטען יאגען
אויף דער קאלטער ערד דערשלאגען.

וויא לאנג צוריק פלעגען הוזשען דיא ביהנען?
וויא לאנג פלעגט פון דער ווייסער בראזע רינען
דאס זיסע זאפט, און אויף דעם בייט זיך וויעגען
דער גרינער זאנג? וויא לאנג צוריק פלעגט זיעגען
דער ליעבעם גאט? און דער שמעטערלינג ליעגען
אין שוים פון דער פיאלעטע און געניסען
איהר פרישען נעקטאר און איהר דופט דעם זיסען?
וויא לאנג צוריק פלעגט פון דיא בערגער פליסען
דער קלארער שטראם? וויא לאנג צוריק פלעגט גריסען
דיא נייע זונן דער פרייער וועלט? אצינדער,
איז דיא נאטור פערטרויערט. איהרע קינדער,
זיי ליעגען טויט פאר איהרע טריבע אויגען.
מיט א תכריכים־ווייסען שנעע בעצויגען.
ניטא קיין גראז, קיין בלום, קיין בלאט קיין גרינע
און דער קאסאקער הימעל, מיט א שנאה,
קוקט אן דיא טויטע וועלט, וויא ער וואלט זאגען:
„איך האב קיין טרעהרען ניט אויף דיר צו קלאגען".

טויטע וועלט, א לאז מיך זיין דיין זינגער!
מתים־ליעדער זינגען זיך מיר גרינגער.
לעבען איז מיר פרעמד און גאנץ פון וויטען, —

טויט, איהם קען איך גוט זייט לאַנגע צייטען.
דען פערצווייפעלט צווישען בערג מיט קברים
וואַנדעל איך דאָ איינזאַם ,קראַנק און אָרעם.

לאַז, נאַטור, מיר זיין יעצט דיין בעוויינער!
דען צו טרעהרען־ליעדער בין איך איינער.
אַך, האָב ניט געלערענט זיך צו פרייען!
אונגליק קען איך נאָר און שווערע וועהען
עלענד טרעף איך, וואו איך זאָל מיך קעהרען, —
ווינטער ליעדער־זינגען זיך מיר געהרען....

דיא נויט און דער דיכטער

הײ, הײ! ווער וויל עס דאָרט פּראָבּירען
מיט גוואַלט צו עפ'נען מיינע טיהרען?
ווער קומט עס דאָרט, מײן רוה צו שטערען? —
דיא נויטה? איך הער. איך קען עס שווערען!
אַ דאָס איז זיא, אַ דיא מגפה!
אוועק, דו אַלטע מכשפה!
וואס זוכסטו דאָ אין גאָטטעס צאָרען?
אוועק צו אַלל דיא שווארצע יאהרען!

דו האָסט מיך לאַנג גענוג געמאַטערט,
מיין לייב און לעבען שיער גע'פּטר'ט,
מיין מוטה געררויבט, מיין שטאָלץ צוטרעטען,
געצוואונגען מיך אויף ברויט צו בעטען! —
יעצט געה, וואו טויזענד שדים ברענען!
אוועק, איך וויל דיך מעהר ניט קענען!
פערשווינד, דו שמוציגע ארורה,
נעהם צו פון מיר דיין שווארצע צורה!

„אַ, עפען אויף, געליעבטער, עפען!
איך קען חוץ דיך קיין חבר טרעפען;
דיא נאַכט איז קאַלט איך וועל ערפרירען:

אָ, מאַך מיר ווידער אויף דיא טהירען!
איך בין דיין אַלטע נויט דיא טרייע,
ביי דיר צו זיין איז אַ מחיה! —
אָ, זייט איך בין פון דיר געשיעדען,
האָב איך ניט מעהר קיין פריינד ביי **אידען**"......

אוועק פון מיר מיט דיינע שקרים,
פערברייטערין פון טויט און קברים!
אוועק! איך בין ביי דיר ניט איינער,
דיך קענען טויזענד בלייכע וויינער,
פערגעה, פערשווינד, אַ ווער פערשניטען,
און מאַך דער וועלט מעהר קיין וויזיטען!
דיך קענען פיעל, דו ביסט קיין חידוש, —
ווער רעדט פון דיא, וואָס שרייבען אידיש....

„מיך קענען פיעל, דאס איז קיין ליעגען,
דאָך איז ביי דיר מיין פערגעניגען;
איך ליעב דיין קרויזען־קאָפּ דעם שוואַרצען,
איך ליעב דיא וואונדען פון דיין האַרצען;
איך ליעב צו שלינגען דיינע טרעהרען,
איך ליעב דיין זיפץ, איך ליעב צו הערען
דיין ליעד פון טרויריגע געזיכטער, —
איך האָב דיך ליעב, דו בלייכער דיכטער!"

אָ, ערגסטע פון דעם טייפעל'ס ווייבער,
אוועק! בין מעהר קיין פערזען־שרייבער,
איך מאַך קיין גראַמען מעהר, אַ מערק עס!

איך האנדעל טאבאק און צוקערקעס.
עס איז מיר זיס, עס איז מיר ביטער:
איך בין קיין סוחר קיין געניטער,
דאך פינקטליך און א גוטער צאהלער,
לעב רעכט און שלעכט און שפאר א דאלער.

„און שרייבסטו ניט, דאן וועסטו שרייבען;
וועסט, פריינד, קיין קרעמער ניט פערבלייבען;
איך קען זיי גוט, א דיא געשיכטען:
דוא וועסט נאך ליידען וועסט נאך דיכטען
דו וועסט זיך נאך א מאל פערטהיידיגען
פיר דיין מיך יעצט בעליידיגען.
א, זיי קיין שוטה, בעסער עפען!
וועסטו מיך א מאהל נאך מוזען טרעפען!“

אוועק, דו ברינגערין פון טרעהרען!
כ'האב פריינד בעריהמטע מיליאנערען:
זיי וועלען שטענדיג מיינער זארגען,
איך זאל ניט ליידען, זאל ניט בארגען
איך זאל ניט שווארצען מעהר מיין פנים
צו קוויקען מיינע דומע שונאים,
וואס וואלטען מיך אין קבר ברינגען
אוים קנאה צו מיין שעהנעם זינגען.

„דערצעהל מיר ניט פון מיליאנערען!
ווארט אויף! זיי וועלען קעלטער ווערען,

זיי ווערן דיך געווים פערגעסען, —
זיי האבען אנד'רע אינטערעסען.
דערווייל ביסטו זייער שפּיעלכעל;
דאך באלד דרייט איבער זיך דאס מיהלכעל, —
צוריבען ווערט דיין גאנצע פריידע
און מיר פערבלייבען ענדליך ביידע!"

מעשה בראשית

ווען דער בורא האט בעשאפען
אונזער ואונדערשעהנע וועלט,
האט ער ניט געפרעגט ביי קיינעם,
נאר געטהאן וויא איהם געפעלט. —

אלעס נאך זיין אייג'נעם ווילען,
נאך זיין אייגנעם פלאן בעטראכט:
ער האט לאנג גענוג געארבייט
און ער האט עס גוט געמאכט.

ווען ער איז צום מענש געקומען,
איז עס ניט געגאנגען גלאט, —
און ער האט צונויפגערופען
זיין געפליגעלטען סענאט:

„הערט מיך אוים, איהר מיינע גדולים!
איך האָב איך אהער געבראַכט,
איהר זאָלט מיר אַן עצה געבען,
וויא דער מענש זאָל זיין געמאַכט.

„העלפט מיר, קינדער, איהם בעשאַפען,
אבער קוקט זיך גוט ארום!
ער מוז זיין אין אונז געראָטהען:
אָהן חסרונות, אָהן א מום.

„דען איך קרוין איהם אלס אַ הערשער,
און איך שיינק איהם פון מיין פלאַם,
ער זאָל פריי בעהערשען קענען
לופט און ערד און אויף דעם ים.

„פאַלען זאָל פאַר איהם דער פייגעל
אין דער לופטען, פאַר זיין מאַכט
זאָל דער פיש אין וואַסער פאַלען
און דער ווילדער לייב אין יאַכט".

דער סענאַט האָט זיך דערשראָקען:
„דיעזער מענשיל, —שוים און רויך,
ווען ער זאָל דיא לופט בעהערשען,
קומט ער נאָך אין הימעל אויך."

און זיי האָבען גאָטט געענטפערט:
„מאַך דעם מענש נאָך אונזער שניט,

גיעב איהם שכל, גיעב איהם גבורה,
דאָך קיין פליעגעל גיעב איהם ניט.

„ניין, ער טאָר קיין פליעגעל האָבען,
ער וועט פליהען מיט דעם שווערט!
ניט בעטרעטען זאָל דעם הימעל
דער וואָס הערשט אויף דיעזער ערד!"

„איהר האָט רעכט", האָט גאָטט געענטפערט,
„אייער משפט, ער איז פיין;
דאָך איין אויסנאהם וועל איך מאַכען,
נאָר איין אויסנאָהם, — הערט זיך איין!

„דער פּאָעט זאָל זיין געפליעגעלט,
ער בעקומט מיין העכסטען ראַנג!
עפ'נען וויל איך מיינע הימלען
פיר דעם מייסטער פון געזאַנג.

„און איך וועהל פון אייך אַ מלאך,
ער זאָל גרייט זיין טאָג און נאַכט,
איהם דיא פליגעל אָנצוהעפטען,
ווען זיין הייליג ליעד ערוואַכט."

צו מיין עלענד

אַ עלענד, דו נאָר ביסט דער איינער,
וואָס ליעבט מיך פון מיין ערשטע שעה!
און אויסער דיך, אַ, קען מיך קיינער,
איז גאָר קיין פריינד פיר מיר נישטאָ!

אַט וואו איך ווענד זיך, טרעף איך שונאים,
פערפאָלגונגען פון יעדער זייט;
נאָר עלענד, דו, דיין בלייכער פנים,
ער שמייכעלט מיר צו יעדער צייט.

מיין עלענד, דו האָסט מיך ערצויגען;
אין וויעג נאָך האָב איך דיך דערקענט:
דיא זעלבע מוטנע, קליינע אויגען,
דיא זעלבע ביינער־דאַרע הענט.

דוא האָסט אין חדר מיך גענומען
און אויף דיין האַרב געבראַכט צוריק; —
אַ, דו האָסט אַבגעפּאַרבט דיא בלומען
אין פריהלינגס־מאָרגען פון מיין גליק!

דוא ביסט דער שדכן מיר געוועזען,
דער רב׳ל אויך;... האָסט האַלב פערצאַנט.

דיא כתובה מיינע דורכגעלעזען,
דו האָסט מיר „מזל טוב“ געזאָגט.

אָ, ניין, איך דאַרף שוין מעהר קיין ראיות,
דו ביסט מיר טריי.... דו ביסט מיט מיר
נאָך מיינע האָפענונגס-לויות
געגאַנגען ביז דער לעצטער טהיר.

אויך איצט, ווען, זיך אין צרות קוועלענד,
איך בייג אין יאוש שוין מיין קאָפּ, —
מיין איינציגער, מיין גוטער עלענד, —
אויך איצט, אָ, לאָזטו מיך ניט אָפּ!

איך זעה דיך אימער, זעה דיך קומען
פון שיקזאַל'ס פינסטערען יריד
צו מיר מיט וועלקע קברים-בלומען,
אָ, עלענד, מיט אַ מתים-ליעד.

און שלאָף איך איין, פון לעבענס קללות
פערוויעגט, דאַן קומסטו שטיל אריין
מיט דיין לינגערעס שוואַרצע פאַלעס
און טולעסט מיך דערינען איין.

אַלם לוין דערפאַר, — מיר בלייבען ברידער!
איך צאַהל דיר אָפּ, — מיר בלייבען קוויט:
צו דיר נאָר ווידמ' איך מיינע ליעדער,
מיין קראַנקעס הערץ, מיין שווער געמיטה!....

די וואונדער שיף

שוין די לעצטע זאַננענשטראַהלען
שטייגען אויף די שפּיצען בוימער,
און די גראָע אבענדשאָטענס
וועבען זיך אַרום דער ערד.

אויף דעם שפּיץ פון יענע בערגער
איז נאָך פון דערווייטענס מעגליך
צו דערקענען רויטע שפּורען
פון דער זונן, די לעטצטע טריט.

לאַנגע בלוטיג־רויטע פּאַסען
הענגען דאָרט אין מערב־ווינקעל,
טונקען אָפּ די הייסע ברעגען
אין דעם קאַלטען אָקעאַן.

ס'קייקעלט זיך דאָס גלאַטע וואַסער
דורך די דונק'לע אבענדשלייערס,
וועלכע ציטערען פון אויבען
אויפ'ן בוזים פון דעם ים.

רוהיג בלאָזט אַ לינדער ווינטעל
דורך די דראָבנע שטילע וועלען

וועלכע שעפּטשען, מורמלען עפּעס, —
וועך פערשטעהט דיא וואַסערשפּראַך?

אויסגעשפּרייט דיא ברייטע זעגעל
געגען שטילען אַבענדהימעל,
איילט אַ שיף גאַר אָהן מאַטראָזען
דאַרטען וויט, — וועך ווייס איהר, וואו?

נאַר דער רודער וויא מיט כשוף
ער בעוועגט זיך; — וויא מיט פליגעל
פליהט דיא לאַטקע, וויא דיא רוחות
וואָלטען איהר געיאַגט אַהין.

פּוסט דיא שיף, מען זעהט קיין מאַנשאַפט;
נאַר אַ קינד ער שטעהט געבראָכען
נעבען מאַסט בוים און ער יאָמערט
מיט אַ ביטערן געפיהל.

לאַנגע, גאָלד געקרויזטע לאָקען
קייקלען זיך אויף זיינע שולטער;
זיפצענדיג פון הינטען קוקט ער....
און דיא שטילע שיף זיא פליהט!

מיט אַ זילבערווייסע טיכעל,
וועלכע פלאַטערט אין דער לופטען,
גריסט דער שעהנער מיר פון וויטען,
ער געזעגענט זיך מיט מיר...

און מיין הערץ פאַנגט אָן צו קלאַפּען, —
עפּעס וויינט זיך — זאָגט, וואָס איז דאָס?
יענעס שעהנע קינד — איך קען איהם —
גאָטט! מיין יוגענד פליהט עס דאָרט!...

איך זינג פיר איהר

איך זינג ניט פיר קיינעם, איך זינג נאָר פיר איהר
פיר איהר, מיין געליעבטע, דיא טהייערסטע מיר.
וואָס אַרט מיך דיא וועלט מיט איהר, כבוד און גאָלד?
מיין ליעד איז פיר דער, וואָס מיין הערץ האָט איהר האָלד!

זיא איינע נאָר וויים, וואָס עס ברענט אין מיין ברוסט,
זיא קען מיינע פלאַמען מיין פרייד און מיין לוסט; —
איך זינג פיר איהר אָבענדס, איך זינג פיר איהר פריה.
פיר איהר נאָר, מיין הימלישע, מיין פּאָעזי.

זיא זיצט נעבען מיר מיט אַ צערטליך געפיהל
און הערט מיינע ליעדער, און זיפצט אין דער שטיל;
דיא זיפצען צוקלינגען אין יעטוויעדער קלאַנג
ערוועקט אין מיין זעעלע אַ נייעס געזאַנג.

איך זינג ניט פיר קיינעם, איך זינג נאָר פיר איהר
פיר איהר, מיין געליעבטע, דיא טהייערסטע מיר.
וואָס אַרט מיך דיא וועלט מיט איהר כבוד און גאָלד?
מיין ליעד איז פיר דער, וואָס מיין הערץ האָט איהר האָלד!

א טרעהר

מיין הערץ, דאָס איז אַ גרויסער אָרט,
וואו דיא געפיהלען מיינע לעבען, —
און מעהר איך זוך ארוים צו געבען,
זיי בלייבען מעהרער, מעהרער דאָרט.
דאָס מאַכט מיך קראַנק, דאָס טהוט מיר וועה,
דאָס ברעכט כמעט מיין הערץ אין צוויי;
דאָך ווען עס ווערט מיר זעהר שווער,
דאָן קומט צו מיר אַ היילונגבריננגער
און מאַכט מיר מיינע שמערצען גרינגער, —
דאָס איז אַ טרעהר, אַ שטומער טרעהר!
היינט זעה! אַ טרעהר, אַ טרעהריל גאָר!
בעטראַכט איהם גוט, בעטראַכט איהם נאָר!
דאָך ליעגט אין איהם מיין גאַנצעס הערץ,
מיין גרעסטע פרייד, מיין טיעפסטער שמערץ!

דער קאנאריק

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין פֿרייען וואַלד אליין ;
ווער קען זיין שמחה פֿיהלען ?
ווער קען זיין פֿרייד פערשטעהן !
עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין רייכסטען פּאַלאַסט שעהן ;
ווער קען זיין וועהטאָק פֿיהלען ?
ווער קען זיין שמערץ פערשטעהן ?

וויינט מיינע ליעדער

אַ, וויינט מיינע ליעדער,
איך זעה זיא ניט מעהר!
אומזיסט איז מיין זוכען,
אומזיסט מיין בעגעהר
צו טרעפען איהר ווידער
וויינט מיינע ליעדער!

א חלום נאָר ברענגט מיר
איהר שטימע צוריק,
איהר שיינענדען פנים,
איהר טרייסטענדען בליק.
א חלום נאָר שענקט מיר
ווידער מיין גליק.

אָ, פרעכטיגע גליעדער!
אָ, ליעבע געשטאַלט!
אומזיסט איז מיין האָפען,
מיין הארץ איז פערגאַלט:
איך זעה איהר ניט ווידער, —
וויינט, מיינע ליעדער!

פערשפעטיגטער טרוים

דער פריהלינג קומט, עס שמעקט דיא לופט,
דער הימעל גלאנצט, דער פייגעל רופט
פון גרינעם בוים צו מיר אראפ:
„מאך אויף דיין בליק, הויב אויף דיין קאפ
און זעה, און הער, עס שיינט און זשומט,
דיא זיסע צייט פון לעבען קומט!“

א, פייגעל זיס, א, פייגעל ליעב,
וואס ווייסטו, וויא מיין הארץ איז טריעב?
איך קען ניט הערען, קען ניט זעהן,
עס איז געשעהן, עס איז געשעהן,
מיין וואונד איז טיעף, מיין וועה איז גרויס,
מיין ליעבסטע ליעגט אין קבר'ס שויס.

„א, טויטע ליעבע, גרויסער בראך!
פערגעס, פערגעם און טרייסט זיך דאך!
דיין שמערץ איז גרויס, דאך ניט אויף לאנג,
איך זינג דיר ווידער א געזאנג, —
עס שטארבט דיא בלום; עס קומט א מאי,
א, ליעב נאך, ליעב נאך פון דאס ניי!“

אומזיסט, מיין קינד, דיין שענסטער טאָן
בלייבט פרעמד מיין האַרץ, ער ריהרט ניט אָן.
עס וועלקט אַ בלום, עס פאַלט אַ טרעהר,
דיא טויטע ליעבע לעבט ניט מעהר.
צו ענג דיא גאַס, צו פרעמד דיא שטוב,
דער בעסטער אָרט נאָר איז דיא גרוב.

צו מיין מוטער

ווען דיא מוטער קומט מיר אויף'ן זינען,
פאַנגען מיינע טרעהרען אָן צו רינען
און טיפע זיפצען ברעכען דורך מיין ברוסט.
מוטער טהייערע, וויא מוז איך שמאַכטען
נאָך דיין ליעבע און אין טרוים נור דאכטען
אַז דוא אומאַרמסט מיך מיט מוטער־לוסט!

גאָט אין הימעל, האַרציגער און גוטער,
שיץ דיא אַלטע פרוי, בעשיץ מיין מוטער!
בעוואַך איהר מיט דיין גרויסע, רעכטע האַנד!
זאָלען דיינע גוטע ענגלען טראָגען
מיינע הייסע ברכות און איהר זאָגען,
אַז איך געדיינק איהר אין אַ ווייטע לאַנד!

וואלט וויטמאן

(אמעריקא'ס גרויסער דיכטער).

אדו, אין וועמעס שטארקע זינגער־ברוסט
עס האבען זיך צוויי אבגרונדען פעראיינט:
דיא טיעפקייט פון פערקלערטען הימעל און
דיא שטיל פערוויעגטע טיעפקייט פון דער ערד;
אין וועמעס הערץ עס האט געשיינט דיא זונן,
דער מאנד און וואו עס האבען העל געגלאנצט
דיא שטערען, גאנצע וועלטען אהן א צאהל,
אין וועמעס הערץ עס האט געגרינט דער מאי
און וואו דעם דונערס ברום האט זיך צומישט
מיט דעם געטשוויטשער פון דער נאכטיגאל;
אין וועמעס וואונדער שטארקעם ליעד מען פיהלט
דיא אלמאכט און דיא קראפט פון דער נאטור,
פראפהעט, אונשטערבליכער, איך גיב דיר לויב,
איך פאל אין שטויב יעצט פאר דיין שטויב און זינג.

פערלארען

וויא א העלד וואס האט פערלארען
אויף דעם שלאכטפעלד זיין געוועהר,
שטעהט א ציעל פיר אלע קוילען
זעהט דעם קאמפף און קעמפפט ניט מעהר,
פונקט אזוי, א, אהן א האפנונג,
אין דעם לעבענס ווילדען שטרייט,
שטעה איך און ערווארט מיט שרעקען
אלע קוילען פון דער צייט.

א לאנגער אויגענבליק

איינזאם מיט מיין טיעפען קומער,
זיטץ איך שוואך און קראנק אליין.
באלד פערבייא איז שוין דער זוממער,
און איך זיפץ נאך אלץ און וויין.
עס פערוועלקען שוין דיא בלוממען,
אללעס חלש'ט אללעס דארט,
ס'וועהט דער ווינד, דיא קעלטען קוממען,
און איך זטיץ נאך אלץ אוןווארט.

אך, וויא איז דיא צייט אנטלאפען!
אך, וויא ראש דאס לעבען שוועבט!
כ'האלט נאך איצט אין מיטטען האפפען,
און האב שוין באלד אבגעלעבט.
יאהרען פליהען, שטונדען שוועבען,
קוממען קיין מאל ניט צוריק.
יא, דאס גאנצע, גאנצע לעבען,
איז א לאנגער אויגענבליק.

ווען איך לייד

ווען איך לייד און זעה איך שווייגען,
גלויב איך נאָך אַ מאָהל: פיעלייכט
פיהלט איהר מיט און קענט ניט העלפען,
ווערט מיין טריבער בליק נאָר פייכט.

אָבער ווען איך לייד און הער איך,
וויא איהר טענה'ט מיט אַשפּאַט
פון מיין וועטהאַק, פון מיין עלענד,
דאַן, מיין הערץ נאָר, פיהלסטו גאָטט!

דאַן, אָ, וואָלט איך וועלען כאַפּען
אונזער וועלט מיט מיינע הענד
און צוטרייסלען איהר וויא שמשון
האָט צוטרייסעלט יענע וועגט!

פאַל איך איינער, פאַלט איהר אַלע!
וואָס מיט מיר, אַט דאָס מיט אייך! —
קענען אַלע גלייך ניט לעבען,
שטאַרבען קענען אַלע גלייך!

דער אייביגער סוד

װאָס מען מעג און װאָס מען טאָר ניט,
אַלץ פֿערפּליהט אין שטילען גאָר־ניט.
אַלץ פֿערטראָגט זיך דאָרטען װייט,
װאו קיין שטאַרבען און קיין לעבען, —
נאָר געהיימע קרעפֿטען װעבען
שטיל דיין שװייגען, אייביגקייט.

פֿינסטערע געדאַנקען װעקען,
אין מיין בוזים טיעפֿע שרעקען,
דיינקענדיג — אַ, שװאַרצער תהום!
דיינקענדיג, דאָס אונזער לעבען,
האַנדלען, װאַנדלען, װירקען, שטרעבען
איז אַ שאָטען בלויז, אַ טרױם!

דער געדאַנק: אַ, דער גערעכטער
זאָל פֿערבלוטען װיא דער שלעכטער!
גרוב, דו זאָלסט פֿעראייניגען זיי?
װאָס דיא ריינע ליכט פֿלעגט טרענען,

זאָל דיא נאַכט פערבינדען קענען,
דאָס צובּרעכט מיין הערץ אין צוויי.

אָ, פינסטערע אונענדליכקייט !
אָ, שטומע אונפערשטענדליכקייט !
בּלייבט אומזיסט מיין דיינקען נאָר ?
אלץ דער׳הרג׳עסט, דערשלאָגסט,
אלץ פערשלעפּסט, אלץ פערטראָגסט,
שטילער גאָר־ניט, — שטילער גאָר !

צום נייעם יאהר

שוין ווידער זעה איך דיך, דו אלטער, שטרענגער העלד.
דו קומסט דאס מיט דיין קאסע יעצט פון לעבענס פעלד.
פערשניטען האסטו מיר א יאהר, א, וויא געשווינד!
און ווארטסט שוין אויף דעם צווייטען וועלכער קומט אצינד.
דיך קימערט ווענינ אויב איך פינסטער אדער גלאנץ,
דוא ווייסט נאר איינס: צושניידען אלעס וואס איך פלאנץ.

א, צייט, וויא שטירצסטו אין פערגעסענהייט און נאכט
דיא פריידען וועלכע דו האסט מיר אליין געבראכט!
איך זעה דעם יונגען יאהר, דו שטעלסט מיר זעלבסט איהם פאר,
און ווערסט איהם זעלבסט פערניכטען פונקט וויא יענעם יאהר
און ניט נאר יאהרען; אייביגקייטען אהן אן ענד,
דוא האסט זיי זעלבסט געבראכט און האסט זיי זעלבסט פערלענד'ט.

א שוידער גרייפט מיך אן און מיין געדאנק בלייבט שטעהן,
ווען איך בעטראכט דעם קומען וועלכער מוז פערגעהן.
וואס איז דער צוועק דערביי? וואס איז דערביי דער זינן?
פון וואנען קומט דאס לעבען און וואו געהט דאס הין?
א ועה! וואס איז דיא גאנצע וועלט מיט איהרע לייט?
נאר גראז, א נאהרונג פיר דער קאסע פון דער צייט!

און דאָך בין איך צופריעדען און פערליר קיין מוטה,
ווייל דער וואָס שאַפט דאָס אַלעס איז גערעכט און גוט.
וויא קען דער שוואכער מענש, דער וואָרים וועלכער קריכט,
אריין בליקען אין גאָטט און אויפפאסען זיין ליכט? —
דערפאָר פעראייניג איך מיך מיט דער וועלט אין כאָר
און רוף בעגייסטערט אוים: ווילקאָמען נייער יאָהר!

ווילקאָמען נייער יאָהר! זאָל יעדער אויגענבליק,
וואָס דו וועסט דאָ פערווײלען זיין געבענשט מיט גליק!
זאָל יעדער טאָג אהער ברענגען דעם שעהנסטען טרוים,
דיא זיסע פרוכט פון פריעדען׳ס גאָלד געקרוינטען בוים,
זאָל אונטערגעהן דאָס לעבען אין אַ מעער פון פרייד
און נישט דערטרונקען ווערען אין אַ ים פון לייד.

ווילקאָמען נייער יאָהר! נו, מיט דעם רעכטען פוס!
איך זעה דיך יעצט, ווער וויים אויב איך וועל זעהן דיין שלום?
דען נאָר דער אויגענבליק איז מיינער, ווייטער ניט,
איך וויים ניט ווען דער קאָסע־מאַן דערלאַנגט אַ שניט.
אַט בין איך דאָ, דאָך מעגליך, אַז איך בלייב ניט לאַנג,
קען זיין, אַז דיעזעס ליעד פערחתמ׳עט מיין געזאַנג.

דער לעצטער וואונש

טויזענד פריידען האָט דאָס לעבען,
טויזענד גליקען יעדער טאָג,
דאָך וואָס ער האָט מיר געגעבען,
זיטץ איך אימער און בעקלאָג.
דארום, אָ, מיט פייכטע בליקען
בעט איך: „טויט, קום, מאַך מיך פריי!
דען איך קען ניט לעבענס גליקען,
עלענד בין איך סיי וויא סיי!“

מיט דעם אויפגאנג פון דעם מאָרגען
געהט מיר אויף מיין גרויסער וועה,
געהען אויף מיר מיינע זאָרגען,
וואו איך גיעב מיך נאָר א דרעה.
און זיי רייסען מיר אין שטיקער
גייסט און קערפער מיט א גוואלד, —
וואָס זשע וואַרטסטו, טויטענ־שיקער?
שיק דעם טויט מיר, שיק איהם באַלד!

איך עמפפאַנג איהם וויא אַ ברודער
און איך קוש זיין שוואַרצע האַנד,

און איך מאַך ניט קיין גערודער,
וועןַ ער שניידט דעם לעבענס באַנד
איבער מיר אין רעכטען מיטען
מיט זיין שאַרפען, קאַלטען קלינג —
האָב גענוג, גענוג געליטען, —
מאַך אַ סוף! נו, מאַך עס פלינק.

סאטירישע געזאנגען

איינלייטונג

דאַ גיב איך אייך אַ בינטעל בלומען,
אין גלות האָב איך זיי געקליעבען.
איך האָב אַ לעבען זיך צוריבען
ביז איך האָב אַלע זיי געריסען, —
וויא קענט איהר גאָר פערשטעהן, צו וויסען
וויא שווער מיר איז דאָס אַנגעקומען!
געקראָכען ביז'ן האַלז אין זומפּען,
בעגעגענט זיך מיט טויזענד לומפּען,
מיט ווערים, יאַשטשירקעס און זשאַבעס,
פערבליעבען טעג, געהאַלטען שבת.

„מיין גאָטט! מיין גאָטט!“ האָב איך געשריען,
„וויא שווער עס בלוטען מיינע וואונדען!“
איך האָב געריסען און געבונדען
דיא גלות־בלומען אין סכנות,
געשטערט פון דערנער אָהן רחמנות
און דאָך ניט אויפגעהערט זיך מיהען.
דורך שלאַנגען, עקדעשען געטרעטען;
ביי שרצים מיטלייד זיך געבעטען,

מיט הוילע הענד און קראַנקע גלידער
פיר אייך געבלוטעט, ליעבע ברידער!

נון, נעהמט, איהר מעגט מיט זיי זיך ציערען!
אַ יעדער איינציג בלום איז אייער.
גיט מיר אַליין, זיי קאָסטען טהייער
אויך א י י ך, זיי זיינען אייער לעבען;
יאַ, אייער ליידען, אייער שטרעבען
געוועבט אין אידישע סאַטירען,
אַ יעדעס ליעד וועט אייך דערמאַהנען
אַן אנדער בראָך, איהר וועט דערקאַנען
דיא אַלטע וואונדען, אַלטע שמערצען,
וואָס ליעגען טיעף ביי אייך אין הערצען.

אידישקייט אויף דער לינקער זייט

עליות.

ר' בערעלען שלישי,
ר' שמערעלען שישי,
דאס זעלביגע וויל זיך ר' זיסמאן;
דאס וויל יעדער איינער,
ווען ניט, פליהען צייהנער,
ווען ניט, טא געהט רופט א פאליסמאן.

חמישי, רביעי,
און וואס איז שביעי?
נאך אלץ ניט דיא ריכטיגע סחורה!
א איד האט א מאגען,
וואס קען אויך פערטראגען
דיא אמת'ע שמאלץ פון דער תורה.

פאר פעטע עליות
נעהמט אויך דאס עניות
אראפ דיא צוריסענע היטעל. —
מען ווערט עפעס גרעסער.
עס קרעכצט זיך גאר בעסער,
עס הונגערט גאר פשוט א דריטעל.

און גאָט איז צופריעדען:
„אָ, זעהט מיינע אידען!
כאָטש שוואַך און צושראָקען פון שונאים,
דאָך ווייכט יעדער מורא,
אין שוהל ביי מיין תורה, —
מען פּאַטשט זיך וויא עכטע יונים.

„קוקט אָן אַ מין בריה!
דאָך פיר אָן עליה,
אַ טיגער אַ גבור מלחמה. —
וואו מאַטקע? וואו מאיר?
אַ מין מאַקאַבייער,
אַ העלד וואָס שטעלט איין דיא נשמה“.....

א מלמד.

אַ פרומער אידעלע אַ תם,
וואָס טאָר ניט וויסען פון אַ קאַם,
פון זייף, פון דקדוק און תנ"ך.
און דאַרף פערשטעהן קיין אַנדער שפּראַך
אַ חוץ זשאַרגאָן, וואָס ווערט גערעדט
אין שנאַרסק אין בלאָטעוו, יענע שטעדט!
מוז אויסזעהען קויטיג, דאַר און בלאַס,
און קענען ווערען גיך אין כעס.....
היינט דאַרף ער זעהר פיעל פערשטעהן,

למשל: וויא צו רייבען חריין,
צו מאַהלען טאַבאַק און צו דעם
זיך זיין אַ שטיקעלע בעל שם.
אַ מבין פרייטאַג אויף אַ באָד,
פערשטעהן פון פּרודזשענים דעם סוד....
דערצו נאָך ווען ער האָט דאָס גליק
צו זיין אַ שטיקעלע זאַהיק,
אַ מערידאַלניק און געבריכט,
אָ, דאַמאָלס ערשט איז ער אַ ליכט!
אַ נר ישראל, וועלכער קען
מיט זיין השלמה, מיט זיין ברען
(פיר גאָר אַ קליינע סומע געלד,
דורך זיין מלמדות מיט דער צייט)
דיא קינדער אויסשטעלען פאַר לייט,
אַלס אידען, לומדים קלוג און פרום,
מען זאָל זייא ליעבען אומעטום
און אַכטען אין דער גאַנצער וועלט......

בשר כשר.

אַ שטיקעל לונג, אַ ברעקיל לעבער,
געקויפט אין יאַטקע אַלס מציאות
און אויסגעוויקט דאָס אין אַ צעבער;
כדי דערפון צו קריעגען חיות....
אָרום געשמעקט פון קהל'שע כלבים;

אָרום געדרייט פון קרומע זנבים.
אָט דאָס, ווען ס'האָט דערצו דיא מראה
וויא דער וואָס עסט דאָס, איז דיא וואָהרע,
דיא גאָטט-געבענשטע „בשר כשר",
וואָס חיים טרייטעל, יאָנקעל אשר
בעקומען דאָס דערפון דיא גבורה,
צו לאָזען שפייען זיך אין צורה.

מקוה כשרה

אַ דומפּפע גרוב מיט מי רגלים
אין קעלער פון אַ ברודנע הויז,
וואָס דיענט שבתים אלס אַ קלויז
דער חברה אנשי חולי מעים.
דערצו אַ וואַנע מים חיים,
וואָס קוועלט שוין פון אַ לאַנגע צייט
און לאָזט פון זיך אַ ריח ווייט,
וואָס הערט זיך עט, אַזש אין מצרים.
אָט דיעזער מקום, ווען ער האָט,
— אחוץ זיין היילינקייט צו גאָטט;
אַ חוץ זיין צאַצקעדיגען קוק —
אַ טוקערקע, וואָס האָט אַ סנוק,
אָט דאַמאַלס איז נישטאָ קיין ברירה,
אַ יעדער איינער מוז געשטעהן,
אַז דאָס נאָר איז אַ „מקוה כשרה",

וואו ציון'ס טעכטער מוזען געהן
זיך טובל זיין — און ווערען ריין.

א בר מצוה בחור.

אַ גרויסער גוי אין קורצע הויזען,
וואָס האָט דיא גאַנצע וועלט אין ד'רערד,
קען שרייען „שיני", רייסען בערד;
וואָס איז אַ רויז פון יענע רויזען,
וואָס לאָזט זיך זעהן אויף אַלע וועגען;
וואָס וואַקסט אין דיעזען פרייען לאַנד
אויף עשו'ס שפּאָט, אויף יעקב'ס שאַנד
און שטעלט זיך גאָט און לייט אַנטקעגען.
אַזאַ מין תכשיט, ווען ער ווערט
מיט דרייצעהן גוטע יאָהר בעשעהרט,
איז ער דאָס דער בר מצוה בחור,
וואָס קריעגט אין שול אַ שעהנעם פּלאַטץ,
און תפילין, — שפּיעלצייג פיר דער קאַץ!
און צייגט דיא אידישקייט דעם אחור.

א לויה.

דער איינציגער אָרט, וואו אַן עהרליכער איד
געהט אימער אומזיסט און צופריעדען.

איז קיינמאָל ניט פויל און איז קיינמאָל ניט מיעד
לאָזט איבער דעם מסחור אין מיטען יריד
און העלפט אייך בעגראָבען אַ אידען....
ער פיהרט נאָך דעם פערד
און שיט אַרויף ערד
און גיט זיך אין וואסער אַ פלושקע....
און ווילט איהר נאָך מעהר?
ער לאָזט נאָך אַ טרעהר,
און גיט נאָך אַ „דרייער" אין פושקע....

א משכיל.

אַ האַלב געבאַקענער רעטשייניק,
ניט זים, ניט ביטער און ניט ו ו י י נ י ג.
ניט אַ ברכה, ניט המוציא, —
ביזט מיט איהם אויף קיין פאַל יוצא.
עט, סתם אַ באַנדע, טייג מיט רויך,
און ברעקעלט זיך דערצו נאָך אויך...

א מטיף.

אַ מגיד, נאָר ניט פון דיא קרומע.
דאָס הייסט: אָהן יראה, און אָהן קדושה.
סתם אַ איד, וואָס מאַהנט ירושה
אי ביי פרייע, אי ביי פרומע.

רעדט פון שעקספיער און ריש לקיש,
איז האלב פייוויש און האלב יאקיש,
און פערדרייט א קאפ דער אומה
מיט דיא דומסטע פון דיא דומע
דרשות, וועלכע הייסען: „ריידעס“,
און גערייינקען אונז׳רע זיידעס
נאך אין גלופסק, און זגינלא פיאטיף, —
דאס, רבותי, הייסט א „מ ט י ף“.

השכלה.

א געמיש פון כל המינים,
פלאטא׳ם לעהרע, פרעה׳ס כינים,
רש״י, טשאקע, רא״ש און דרעפער,
ווייקסעל, פשון, נילום דניעפער,
ליעבע, פיהזיק און קנוח,
און א שמירה פאר א רוח,
„אשר־יצר“ און אטעללא,
קעלמער מגיד און אנדזשעלא,
וויען, קאלווריע און ראגאלע,
און איהר האט א מין „השכלה“.

מערידען.

א חולאת, וואס קומט פון זיטצען
ביי א פאלק וואס האלט אין געהן....
אך, וויא זאל מען דאס פערשטעהן?
אך, דאס איז דאך מלא חן! —
נאר אויף טאוולען דאס צו קריצען!
געהן פון וועסטען און פון אסטען
אהן א סענט אויף רייזע קאסטען,
געהן פון נארדען און פון זידען
און נאך ליידען אויף מערידען!

איז עס ניט א פערגעניגען?
גיט איהם גאט זאגאר א קריינק,
איז עס אויך א מין געשיינק,
וואס אנאנדער פאלק, איך דענק,
איז עס שווערלאך גאר צו קריעגען.
שלאגט דיא פיס און שווארצט דעם פנים
ביי פראנצויזען, ביי יונים....
טרעט אנטקעגען טויזענד ווינטען
און האט דאך דיא קריינק פון הינטען.....

אך, מיר אידען, יא, מערידען,
דאס איז ווירקליך נאר א נס,
הערט! א קריינק גאר אין געזעס
און שוין אויסזעהען נאר א מת

רק פון געהן, — דאָס טרעפט נאָר אידען!
דאָס איז טאַקע נאָר אַ חידוש,
כולו קודש, אידיש, אידיש!
דאָס איז וואונדער, דאָס איז פלאים,
דאָס פערמאָגען ניט דיא גוים!.....

בעלי תפלות.

בלאַטע הייזלאַך,
קאַרטען־קלייזלאַך,
זאָלען איי'רע העלדען,
אלם חזנים
און דרשנים
זיך וואָס גיכער מעלדען

הייסט זיי קומען
נאָך מזומן,
אידען וועלען געבען —
קומט, „קאַדעטען",
אויסצובעטען
אונז אַ גרינגען לעבען.

קומט, הולטאַיעס,
מאַכט הויות
שענדליכע און דומע.
פרעגט קיין שאלות!
זאָגט דיא „יעלות"
פיר דער שעהנער אומה!

דרוקט צו וויזען
„בילס“ מיט גרייזען
שקצ'עריי און ליגען.
נאָר אהן בושה,
לעסטערט קדושה
אין סקאַרבאָווען נגון!

קומט, קונדסים,
קנאַקט שחריתים,
ווערט דאָ בעלי תפילה!
קנאַקט מוספים,
וועקט דיא שרפים,
וויינט פיר אַ מחילה!

קומט אַקטיאָרען
ניט דערפאָהרען......
און ניט שעהן פיר פרויען.....
קלעפט זיך בערד אָן,
זאַמעלט פערד אָן,
זינגט זיי „מראה כהן“!

אושפיזין

לסוכּכי למסכּי לנסכּי בנסכּי. בנסיכת קדוש.....
(שחרית ליום שני של סכות).

די סכה גלענצט אין גרינעם סכך,
עס שמעקט אין אַלע ווינקלען,
און דורך דעם לייכט גידעקטען דאַך,
די זילבער שטערען פינקלען.

די פלעשער רויט־ווין שטייען פריש,
און קרעפטיג וויא די ריעזען,
דער רבי זיצט פערטיעפט ביים טיש,
און רעדט מיט די אושפיזין.

ער רעדט מיט זיי, ער שפּאַסט מיט זיי,
און בעט זיי זאָללען קוממען,
ער מורמעלט „אַך," ער מורמעלט „וועה",
און ענדיגט מיט אַ ברוממען.

די חסידים טראַכטען: וועה געשעהן,
דאָס איז דאָך קיין קאַטאָוועס,
מיר וואָלטען זיך שוין וועלען זעהן,
מיט'ן ווייין און מיט די אבות...

דאָך זעהט, דער רבי טהוט אַ וואונק,
דער עולם וויים זיין ווינקען,
ער טהוט אַליין דעם ערשטען טרונק,
און אַלע חסידים טרינקען.

אַט טהוט ער מיט'ן פוס אַ טופּ,
מען טראָגט אריין אַ שיסעל,
אַ שיסעל מיט דיא פעטסטע זופּ,
און דוקא ניט קיין ביסעל.

דער רבי קרעכצט, דער עולם טראַכט:
„אַ, וואָס איז דאָ דיא פּעולה?
דער רבי ווײנט, דער רבי לאַכט,
דיא שיסעל שטעהט אַ פולע".

„ניין, אַנדערס קען עס גאָר ניט זיין,
איהר טאָרט עס ניט פערגעסען!
איך לאַד אייך אַלע אבות איין
אַצינד ביי מיר צום עסען".

דער רבי זאָגט עס מיט אַ פלאַם,
דיא חסידים זיך דערשרעקען,
דאָך ער וועט מאַכען מן הסתם
גענוג אַז עס זאָל קלעקען.

און שאַ, דער סכך, דער גרינער סכך,
ער ריהרט זיך, בנאמנות!

דיא חסידים קרעכצען „וועה“ און „אך“
נאָר טאַטע מיט רחמנות“....

דאָך ריהרט דער סכך זיך מעהר און מעהר,
פיר שרעק דיא חסידים שטומען.
אליין דער רבי טהוט אַ קלעהר:
„זייא זאָללען ווירקליך קוממען?“...

זיי קוממען אָבער, קוממען דאָך!
דער רבי שטוינט אַ ביסעל:
עס קוממען — דורך אַ גרויסע לאָך,
צוויי קעטץ אין רבין'ס שיסעל...

דער עוויגער קיקער

אט האסטו ר׳ אידלען א טהייערער פייגעל!
אט נעהמט ער דיא תורה, אט מאכט ער אן עגל,
אט שרייט ער מיט קולות: „וועל פאלגען און הערען“,
נו, ווער וואלט עס גלויבען אויף איהם אדער קלעהרען,
אז ער זאל דיא פלונית׳טע אויסטהאן דיא רינגען
און מאכען א קעלבעל, און אנהייבען שפרינגען?

אט האסטו יענקולען, דעם שקלאווע פון גושן,
שוין פלוצלונג א פרייער און רעדט שוין אויף משה׳ן.
גאר פירעשקעס וויל ער, געבראטענע טויבען —
צו וואס טויג איהם פרייהייט? צו וואס דארף ער גלויבען?
וואס טויג איהם דער מן, וועלכער שמעקט וויא „צפיחית“?
ער בייגקט נאך מצרים, נאך פרעה׳ם רציחות.

אט האסטו ישראלק׳ן קוק אן א בריה!
געקריגען א לאנד אהנע זארג, אהנע מיהע.
עס פליסט מילך און האניג, עס גרינען דיא פאלמען.
א קייזער וואס זינגט איהם אונשטערבליכע פסאלמען.
נו, דארף מען זיך אנהייבען בריקען און רייסען
און מאכען דעם רחמן אליין פאר א כעס׳ן.

אין גלות שוין דאכט זיך, א וואנד'רער געוואָרען,
פערלאָרען שוין אַלעס, פערלאָרען, פערלאָרען!
נישט מעהר דער ישראליק, דער גליקליכער בויער,
אַ פעדלער, אַ חלש, פול עלענד און טרויער,
און דאָך אַ קשה עורף, האָטש האַק איהם אין שטיקער!
דער זעלביגער עקשן, דער עוויגער „קיקער".

מגילת העסטער

דער גראַגער רוישט, דאָס פּלעשיל שיינט,
איך טאַנץ אַזש פאַר התפּעלות,
מיין העסטערקען בעזינג איך היינט
מיט אלע איהרע מעלות.

צו העסטערקען מיין בעסטען גרוס,
דורך טויזענד פולע פלאַשען,
דען נאַר אין איהר געבענשטען זכות
איז דאָ היינט וואָס צו נאַשען.

אָ, העסטער סטריט, האָסט טויזענד פּעק
מיט וואונדער, — ביסט געראָטהען!
אוואו מען גיט זיך נאַר אַ שטעק
פייפט אידישקייט אויף נאָטען.

האָסט פרישע ריינע מילך אַ סך
פון „אידישע בהמות"
און אויפ'ן סטופ און אויפ'ן דאַך
לויפט אום דער ווינד מיט שמות.

אין יעדע נאַרע, יעדע לאָך
געפינען זיך מנינים —

ס'איז אידישלאַך, ס'איז אידיש דאָך,
ס'האָט גאָר אַנאַנדער פּנים.

דו האָסט כל טוב אין מיטען גאַס,
דאָס איז ביי דיר רגילות —
האָסט ענדיק־זאָמען, פּסח־קוואַס,
און זיסע בעלי תפילות.

אָ, העסטער סטריט, דו ביסט אַ כוואַט
אין פיעלע אינטערעסען —
דיין זיסע לופט נאָר מאַכט שוין זאַט,
אַז מען פערשפּאָרט צו עסען....

אין קאָנטרים ערגיץ, דאָרטען וויט,
קען נאָך אַמאָל פּאַסירען
דער איד זאָל זיך נאָך מיט דער צייט
אַמעריקאַניזירען.

דאָך דאָ ביי דיר, — ביסט ווערט אַ ליעד!
איז פּשוט אַ גן עדן:
מען לעבט אַ איד, מען שטאַרבט אַ איד —
ווער קען דאָ ענגליש ריידען?

דאָ קומט דיא טומאה ניט אַריין,
דער שטן האָט קיין שליטה,
און אַלץ איז וואויל און אַלץ איז פיין
אַט פּונקט וויא אין דער ליטא.

יאָ, אַלעם נאָך דעם אַלטען גלאַנץ,
עס לעבט זיך וויא אין קעלעם —
צוויי טראָפּענס וואַסער באַלטרימאַנץ,
צוויי טראָפּענס וואַסער העלעם.

דאָ איז דאָס אידישלאַך דערפאַר
אין אַלערליי אופנים —
מען פּראָוועט אויפ'ן טרעטואר
זיך ברייט „נקבים קטנים".

מען כשר'ט שיסלען, כשר'ט טעפּ,
מען זאָגט אין בייסמענט תהילים,
עס געהען מיט פּערריםנע קעפּ,
פּערשמאַלצענע משכילים.

דאָ שפּיעלט דער גלויבען שטאַרק אין קאָן
מיט סמיכות אויף מציצה
און אין העברעאישע זשאַרגאָן
פּערפּאַסט מען אונז מליצה...

מען ניצט מקואות פּיעל מען קען,
מען דאַוועט און מען כליפּעט,
און אימער בלייבט עס וויא געווען
פּערמושב'ט און פּערדריפּעט.

דאָ מאַכט מען שנעל דאָס ביסעל געלד,
דען אַלע סחורות גילטען....

דאָ קומט מען פֿון דער גאַנצער וועלט
זיך לעהרנען ריכטיג שילטען.

דער כלל, מיין העסטערקע, דו בליהסט,
און ווערסט אַלץ שעהנער, פעסטער —
דו ביסט אַ צאַצקע, יאָ, דו ביסט
וויא אַלע דיינע שוועסטער.

דער שטאָדט פערזאָרגער.

דער קען דאָ ניט בערעלע טרייבאַטש, דעם פער
פון טרייבאַטשעם אַלע אין יאַטקע?
דיא מעהרסטע בהמות צו שינדען טויג ער,
קען טרענען דיא אָדערן גאָר אָהן אַ קלעהר, —
זיין מעסער קען געהן אַזוי גלאַטקע.

ער איז אַ מחבל, אַ בריה אַ יונג,
אַ טויגער, מען ברענגט איהם צוטראָגען,
אַ חוץ זיינע שכירות, אַ לעבער, אַ לונג,
אַ ווארעמע הארץ און אַ לענגערע צונג,
און אָפט פון אַ „דקה" דעם מאָגען.

ווען בער האָט געמוזט נאָך אַמעריקאַ געהן,
וויא האָבען דיא הינד געסקאַוואוטשעט!
דען ער האָט זיי עפטערס דערלאַנגט אין דיא ציינער
אַן אָדער צו ציהען; אַ טרפה'נעם ביין,
וואָס האָט אויפ'ן קלאָטץ איהם דאַקוטשעט.

דאָך האָט ער דיא הינד מיט בטחון געטרייסט,
און הינד האָבען אָפטמאָל אמונה.....
ער האָט זיי ערקלערט: „אָט אַזוי וויא איהר ווייסט

דיא יאַטקע און פוילט זיך ניט טהאָן וויא מען הייסט,
וועט איך שוין ניט פעהלען חיונה....

„איהר נארישע כלבים! וואָס איז פאר א פּלאָן
סקאָוואוטשען? איהר האָט נאָר אין זינען,
אַז כל זמן אין שטאָדט זיינען בהמות פאראַן,
וועט יאַטקע בעקומען איהר ריכטיגען מאָן;
וועט צבור איהר טרייבּאַטש געפינען.

„און איהר וועט פערבלייבען זיך הינד וויא אמאָל,
נישט קשה, איהר וועט זיך דערלאָבען!
דען פונקט וויא אַ באָד איז קיין באָד אָהן אַ פּאָל,
אַזוי איז אָהן כלבים אַ קהל ניט קיין קהל,
מען דארף און מען מוז זיי גאָר האָבען."

דיא הינד זיינען תיכף געוואָרען געשטילט,
אין אמת'ן, וואָס איז דיא שרעקען?
ביי אידען אַ כלב, אַ רעדט וואָס איהר ווילט,
עה מאַכט שוין אַ לעבען. ער בייסט צו און ער בילט
אַ אומה וואָס האָט ניט קיין שטעקען!

אַזוי איז זיך בעריל פון שנאָרעוו אַוועק,
און לעבּט יעצט מיט אונז — אַ מחיה!
דען איידער ער האָט נאָך צופּאַקט דיא געפּעק,
האָט ער שוין געפונען אַ סטאַדע מיט בעק —
אַ אידישע „יאַטקע" אַ נייע....

און דאָ האָט ער ווידער מיט פרישערען מוטה
גענומען דעם זעלביגען מעסער —
עס שפּאַלטען זיך הערצער; עס גיסט זיך שוין בלוט,
און בערעלע טרייבּאַטש, ער אַרבּייט, ער טהוט,
דער מאַרק פון בהמות איז גרעסער!....

עס האַוקען שוין אַנדערע הינד אָהן אַ צאָהל,
און שפּרינגען, און ווייזען דיא ציינער —
געדערים, בחנם.... אויף בלוט איז אַ זול...
עס טאַנצען דיא כלבים, עס הילכט זייער קול,
עס קנאַקען דיא אָרימע ביינער!...

דער כלל אונזער בערעלע לאַכט פון דער וועלט,
ער איז פון זיין עסק צופריעדען,
דען וועך עס מוז ליידען, און ווער עס פעהלט,
ר׳ בעריל איז גליקליך, ר׳ בערעלע קוועלט, —
וויא וואויל איז דעם טרייבּאַטש ביי אידען!

יאָכצע און יאָכציכע

(פריי נאָך געטהע.)

אוֹן מאָרגען איז שוין יום טוב לעב,
יאָכציכע ליעבט איהר מאַן:
זיא קנעט פאר איהם א טייגעכטס אוים,
און באַקט עס אין א פאַן.

נו, איז דער טאָג אוועק מיט מיה,
עס איז געוואָרען שפעט,
און דיא געטרייע מאַן און ווייב,
זיי ליגען שוין אין בעט.

דאָך דרויסען וועהט א ווילדער ווינד,
און רוישט, און רייסט אָהן שיעור,
און יאָכצע צו יאָכציכען זאָגט:
„דו, געה פערשלים דיא טיהר".

„האָב כ'לעבען קוים זיך אָבגעכאַפּט,
אַ, לאָז מיך, זעה, צו רוה!
און קלאַפּט עס ביז משיח קומט —
איך שלים דיא טיהר ניט צו".

ד'רויף האָבּען בּיידע שטילערהייט
געוועט זיך — הערט אין וואָס!
דאָס ווער עס רעדט דאָס ערשטע וואָרט,
דער פעסטיגט צו דעם שלאָס.

נו, האַלטען בּיידע, מאַן און ווייבּ,
זיך אָן דער וועטע פעסט,
דאָך שאַ! עס בּלאָנזשען זאכט אריין
צוויי אונגעבּעט'נע געסט:

צוויי חסידים שלעפעריג און מיעד,
פערהונגערט און פערשמאַכט;
זיי שלעפּען זיך פון שטיבּעל יעצט
צוטראָגען און פערטראַכט.

און דאָ איז פינסטער וויא אין גרוב,
און שאַ, מען הערט קיין וואָרט. —
דיא חברה טאַפּען שטילערהייט,
און זוכען דאָ און דאָרט.

און איינער צו דעם צווייטען זאָגט:
„וואו זיינען מיר אצינד?"
דאָך שטילל, עס ענטפערט קיינער ניט,
אין גאַס נאָך רוישט דער ווינד.

דאָ רופט זיך אָבּ דער צווייטער: „געה
דערלאַנגט נאָך דאָרט אַ גראָפּס;

נו. מילא, אַז מען איז שוין דאָ,
טאָ זאָל מען טרינקען שנאַפּס.“

און שאַ, עס איז פאַראַן אַ פלאַש,
נאָך וואונש און נאָך געשמאַק —
„דאָס איז אַ נס, דאָס איז אַ נס!“
יעצט מאַכען זיי אַ „קנאַק“.

און יאָכצע ליגט און הערט זיך איין,
עס הייבט איהם פראָסט פון אָרט;
דאָך מאַכט ער זיך ניט וויסענדיג,
און רעדט קיין איינציג וואָרט.

נו, זאָגט איין חסיד האַלב בּערוישט:
„יא, משקה איז אַ גרונט,
דאָך געהען מיר דיא כוחות אוים,
בּין הונג'ריג וויא אַ הונד.

„עס איז בּיי מיר קיין ספק ניט,
מיר רייבּען בּאַלד אַריין;
וואו זאָלכע משקה איז פאַראַן,
מוז אויך פערבּייסעכץ זיין“.

און שאַ, זיי האָבּען שוין דערטאַפּט
(דאָס איז אַ גוטע שעה!)
אַ גרויסע פאַן, אַ פעטע פאַן,
און דאָרט איז טאַקע דאָ:

אַ טייגעכטס וויא אַ גוי דיא גרויס!
דאָס איז געווים אַ נס!
און ביידע האָבען זיי געוועלט
שוין נעהמען זיך צום פרעס.

דאַ האָט דערלאַנגט אַ שפּרונג מיט כעס
יאָכציכע צו דיא „געסט“:
„אַז פרעסען וועט דאַ באַלד דיא ערד
דעם, וואָס מיין טייגעכטס פרעסט!“

אַ שפּרונג האָט יאָכצע אויך געטהאָן
מיט שמחה אָהן אַ שיעור:
„דו רעדסט, מיין ווייב, דאָס ערשטע וואָרט,
טאָ געה פערשלים דיא טיהר“.

ביי דעם דייטשען פּאָעט הייסט דיעזעס געדיכט „גוטמאַן און גוטווייב“ און האָט א גאנץ אנדער כאראקטער. דער דיכטער האָט דאָרט קריטיקירט דיא דייטשען פאר וואָס זיי טרינקען אזוי פיעל. ביי איהם שפּרינגט אויף דער מאַן ווען מען ריהרט אָן זיין ביסעל משקה. אין דיעזעס געדיכט אָבער הייבט אָן צו שרייען דיא אָרעמע אידישע פרוי, וועלכע האָט מיט מיה אָנגעגרייט דעם פּור־טערקוכען פיר איהר מאַן; ער אליין בלייבט אָבער שטיל ווען מען טרינקט אייס זיינע בראַנפען — א איד איז קיין שכור.

צו סליחות

דער שמש וועקט אויף און דערלאַנגט דיא הזמנה:
פערשפעטיגט ניט, קינדער, באַלד קומט ראש השנה.
עס זיצען שוין בית דין און שרייבען,
און גלייך וועט מען אויבען אין שטיבעל פערהאַנדלען,
פון טויט און פון לעבען, פון רוהען און וואַנדלען, —
אַ, ווער עס זאָל געהן און ווער בלייבען.

אַ, שטאַרקער און מעכטיגער, מורה הוראה,
מיר פאָלגען מיט ליעבע דיין ערשטע התראה,
מיר האָבען זיך קיינער געדונגען,
דאָך אונשולדיג האָסטו אונז אַלע געטראָפען,
דו קענסט אונז ניט משפט'ן, קענסט אונז ניט שטראָפען;
מיר זיינען געוועזען געצוואונגען.

ווער לייקענט, חלילה, מיר זיינען פערקראָכען,
מיר האָבען אודאי אַ פולע פערבראָכען;
אודאי פערשולדיגט געבליבען,
דאָך ווער קען אַ ריכטיגען חשבון זיך געבען
אין טומעל, וואו יעדערער קעמפפט פיר זיין לעבען?
פון ביטערען שיקזאַל געטריבען?

פון איין זייט שטעהט אימער דיא נויט און זיא דורעט,
פון צווייטען דער אַלטער „מנוול" און בורעט,
אָ, ווער קען מיט ביידע זיך שלאָגען?
רבונו של עולם, דו מוזט זיין געדולדיג.
מיר זיינען פערברעכער — דאָך דו ביסט עס שולדיג!
אַן אמת, מען מוז דאָס דיר זאָגען.

האָסט גאָר דיינע אוצרות פערטהיילט צו אַ ביסעל,
דערלאנגט זיי דעם מזל'ם בריליאַנטענעם שליסעל.
פאַר וואָס? דאָס פערבאָטסטו צו קלערען,
און אונז הייסטו שטיל אַלע ליידען פערטראָגען,
און אונז הייסטו פאַסטען, און סליחות דיר זאָגען,
מיט אונז ווילסטו, גאָט, זיך פערהערען.

מיט אונז, דיא געדריקטע, וואָס ליידען און בלוטען,
וואָס פאַלען נאָר כורעים און בעטען מיט גוטען,
וואָס קענען קיין שוחד ניט געבען....
מיט אונז געהסטו פראָווען דיא געטליכע תקיפות,
פער'משפט'ן שנאָרער, — אַ קלייניגקייט! חריפות!
צו נעהמען אַ'ן אביון דאָס לעבען...

דו פאָדערסט צום דין אונז, אָ, ווער איז דאָגעגען?
דאָך ניט צום פערענטפערן זיך נאָר צום פרעגען
דיך קומען מיר איצטער, קבצנים,
צו פרעגען, וואָס מאַכסטו מיט אונז פיר הויות?
וואָס לאָזטו צורוה דיינע רייכע הולטאַיעס,
וואָס לאַכען אַריין דיר אין פנים?

דען זיינען מיר וויניג געשפּאַנט אין רצועות?
געניסען מיר ווען כאָטש אַ לעפעל רפואות
ניט טראַגענדיג פריהער קיין כריכות?......
וואָס האָסטו נאָר אונז צו פערמוטשען געטראָפען?
וואָס לאָזטו דיא פני דיינע ליגען און שלאָפען,
און אונז נאָר וואָס וועקסטו צו סליחות?...

גאָטט פערלאָזט ניט

ווען גאָט איז מיין שפּייזער, וואָס האָב איך צו זאָרגען?
פערזאָרגט ער מיך היינט ניט, פערזאָרגט ער מיך מאָרגען
געדויערט עס לייננער, דאַן הייסט ער מיר באָרגען.
דאַן הייסט ער מיר באָרגען, דאַן הייסט ער מיר לייהען,
ווען גאָט איז מיין שפּייזער, דאַן פעהלט ניט צום קאַיען,
ווען גאָט איז מיין שפּייזער, דאַן — בין איך אַ קאַיזער.
וויא וואויל איז דעם מענשען, וואָס גאָט איז זיין שפּייזער!—
אויפ'ן לעצטען פאַל הייסט ער איהם געהן אין דיא הייזער.

ווען גאָט היט מיך אָפּ איז אויך גוט ווען איך וואַנד'רע.
ער העלפט מיר אין שניפּישאָק וויא אין אַלעקסאַנדרע,
און העלפט ער ניט מיר, טאָ איז וואָס? העלפט ער אַנד'רע,
ווען גאָטט איז מיין שפּייזער, צופוקעט איהר שונאים!

ער פּאַשעט מיך אָפּ, אוי, אַ קלאָג צו מיין פּנים!
ווען גאָטט איז מיין פּאַסטוך, טאָ זאָרג זיך ניט, מאָררים
דאַרפסט האָבען דיא וועלט אויף צעהן טויזענד כפּרות.
ניט זאָרג זיך, עס וועט דיר ניט פעהלען קיין צרות.

ווען גאָט איז מיין פּאַסטוך, דאַן פעהלט מיר קיין פּאַשע.
ער הייסט זיך מיר שטאָפּען מיט חומש און רש״י,
ווען גאָטט איז מיין פּאַסטוך, טאָ פרעגט מיר קיין קשיא;
דאַן דאַרף איך קיין צער און קיין שווערענים טראָגען,
דאַן געה איך מיר ל י י כ ט, מיט אַ ליידיגען מאָגען,
אַ ליידיגען מאָגען, אַ ליידיגען פּאַקעט,
דאַן געה איך מיר גרינג, ווייל איך געה פּשוט נאַקעט,
ווער רעדט פון אַ זייגער? ווער רעדט פון אַ לאַקעט?

ווען גאָטט איז מיין פּאַסטוך, וואָס האָב איך צו דאגע'ן?
ער הייסט מיר דערווייל נאָר קוקען און שווייגען,
נישט קשה, ס'וועט קומען אַ צייט, ער וועט צייגען
דיא גוטסקייטען זיינע, ער לאָזט ניט פערדאַרבען.
ער וועט מיך בעלוינען שוין, לאָזט מיך נאָר שטאַרבען!
ער וועט מיך בעלוינען, ער וועט מיך פערגעלטען
מיט גליקען, וואָס טרעפען אין לעבען זיך זעלטען:
מיט דריי הונדערט צעהן פון דיא פּרעכטיגסטע וועלטען...

דער פלאַפּלער

עס קען דיא נשמה קיין מנוחה געפינען,
דאָס הארץ איז צובראָכען און שווער.
עס קומען פערגעסענע גליקען אין זינען
און פריידען, וואָס לעבען ניט מעהר.

אזוי וויא פון תהום זעה איך אויפשטייגען וואונדער.
וויא מעכטיג, אָ, גאָט, איז דיין האַנד!
אַ יעדוויעדער שונא ישראל בעזונדער
צוטומעלט, געמאַכט איהם צו שאַנד.

אַ גאַנצע מדינה, מצרים, צוטרעטען,
געשטראָפט איהר מיט מכות און טויט,
דערפאַר, וואָס זיין פאָלק האָט דאָרט ציגעל געקנעטען
און פיתום מיט רעמסס געבויט.

דיא ריזיגע מחנה סנחרב׳ס צושלאָגען
האָט גאָט אין איין איינציגע נאַכט,
ישראל האָט פשוט אָהן מיה און אָהן קלאָגען
געוואונען אַ שרעקליכע שלאַכט.

עס קומען אלץ מעהרער רעיונות איך ציטער
צו קלעהרען, אלמעכטיגער הארר! —
מיר ווערט אויפ'ן הארצען אי פרעהלאך, אי ביטער
און הערט וואס עס טראכט זיך א נאר:

איך וויים, עס איז אמת וואס דארט איז געשריבען,
צו פרעגען איז טאקי ניט רעכט,
דאך וואו וואלט דער הארציגער טאטע געבליעבען
ווען אונז איז אצינד אזוי שלעכט?

א, וואו וואלט דער בורא עולמים פערגאנגען?
א, וויא וואלט ער שווייגען אצינד,
געלאזט זיין „עם סגולה" אין גלות געפאנגען,
ביי גיפטיגע שלאנגען זיין קינד?

ווען אמת, ער קען ניט קיין שלאף און קיין דרימעל,
דיא נאכט איז פאר איהם וויא דער טאג —
טא וויא וואלט ער רוהיג געזעסען אין הימעל,
געהערט אונזער ביטערען קלאג?

אויב אפען איז שטענדיג דער טהויער פון טרעהרען,
עס הענגט אויף איהם קיינמאל קיין שלאס?
טא וויא וואלט דער בורא צו אונז זיך ניט קעהרען
און זעהען אז פארפול איז דיא מאס?

איך ווייס אַז מען טאָר אין ניסתרות ניט קלעהרען;
איך ווייס, אַז אַ גזר איז אַ גזר,
נאָר ווער קען אַ שוטה צו פלאַפלען פערוועהרען?
ער שטופט זיך. ער רייסט זיך דער נאַר....

מלקות שלאָגען

מיט אַ גלייכגילטיגע תנועה
שטעהט דער שמש. זעהט איהר, קינדער,
אויף דעם רוקען פון דיא זינדער
וויא עס פלאַטערט זיין רצועה?
זעהט איהר וויא ער צעהלט זיי פלייסיג,
לויט דעם דין, דיא ניין און דרייסיג,
וואו ער וואַרפט אין זיי וויא האַלקעס
איינס נאָך איינס דיא הייסע מלקות?
שפּעטער וועט נאָך יעדער געבען
איהם, דעם שמייסער, „חי", צום לעבען
און אַוועק געהן שטיל, צופרידען;
אַט אַזוי, אַ, שמייסט מען אידען!

ס'דאַרף דער שמש זיך ניט רייסען,
יעדער ברינגט אָהן מיה, אָהן קלאָגען,
שטיל זיין הינטען זעלבסט צוטראָגען,
און ער בעט זיך מען זאָל שמייסען.
און דער שמש איז קיין נאַר ניט,
שניידט דיא הויט און האָט קיין צער ניט.
דען געגרייטע קומען ווידער,
לייגען זיך אַליין אַניעדער:
„שינדט דיא פעל, אָ, ריים דיא אירכע,
מיר בעצאָהלען פיר דיין טרחה!
רימענס בריהען דיא מערידען,
אָט אזוי, אָ, שמייסט מען אידען!

אויבען גליהט דעם שמש'ס רימען,
אונטען ווינט זיך אין דער שטילע:
„גאָט, פערלענד אונז ניט חלילה,
האַלט דאָך אָפּ דיין כעס, דיין גרימען"
און מען בעט עס אימער יעהרליך
און עס צעהלט דער שמש עהרליך
און עס טריפט פון טרעהרען-לאָגעל,
און עס פליהען שמיץ וויא האָגעל
און עס ווערען כחות קנאַפּער
און עס וואַקסען פרומע קלאַפּער,
רימענס בריהען, טרעהרען זידען,
אָט אזוי, אָ, שמייסט מען אידען!

דער פערשטערטער סדר

שוין צוריבען דיא חרוסת
און דער מרור איז צושניטען,
פולע שטעהען שוין דיא כוסות,
און דיא זרוע ליגט אין מיטען.

אויף דיא טעללער ליעגען ארטיג
שוין דיא אייער אויסגעציילטע;
באלד איז זאלץ וואסער אויך פארטיג,
און זיי ווערען אבגעשיילטע.

צוויבעל, פעטרושקע און ראסעל,
מצה שמורה און חזרת,
אלץ איז גרייט און חיים יאסעל
מאכט זיך פארטיג צום אינטערעס.

אויך רחמיאל'קע האט אין חדר,
ביי ר' בינעם חיה באשעס,
אויסגעלערענט זיך צום סדר
ביי דעם טאטען פרעגען קשיות.

נון, איז דאכט זיך אללעם גרייטלאך,
פיעל צי קנאפ, געבראכט צו וועגען,

און דער פאָטער זעצט זיך ברייטלאַך
און ער הייסט דעם אינגעל פרעגן.

און דיא מאַמע קוועלט פאַר פריידען:
איהר רחמיאל'קע וואַקסט אַ תנא,
הערט אַ שכל, הערט אַ ריידען,
הערט אַ פרעגען: „מה נשתנה!"

אָפּגעפרעגט מיט דרך ארץ
האָט דער אינגעל, וויא דיא מאָדע,
ייצטער קומט דער אַלטער תירוץ,
וועלכער שטעהט אין דער הגדה.

דאָך רחמיאלקע'ס יונגען מוח'ל
אַרט אַ פראַגע, און דאָרט דרייט זיך,
ער פערשטעהט ניט פּראָסט דעם שכל
וואָס זיין טאַטע קוועלט און פרייט זיך.

אין מצרים זיינען אידען
קנעכט געוועזען, נו, און איצטער?
הערט אַ תירוץ... ! ניט צופריעדען
איז דער אינגעל דער פערשפּיצטער.

„ס'טייטש, וואָס הייסט מיר־ זיינען פרייע?
איך בעגרייף דאָ ניט דיא גליקען;
דאַכט זיך טעגליך קומען נייע
גזירות אונז צום טויט צו דריקען".

„נאַט אייך פּסח... שעהנע פרייהייט!
פרעה זיך, אידעל, נאַ דיר האַלקעס!...
זאָג, בעשטעהט עס גאָטטעס טרייהייט
אימער נאַר, צו אונז, אין מלקות?“

און דער פאָטער און דיא מוטער
שיקען רופען גרונע צילקען,
דען ניט אַנדערש אַ ניט גוטער
איז אַריין דאָ אין רחמיאל׳קען.

„שפּרעכט איהם אָפּ, אוי, הערט נאַר קשיות!
וויא עס דרעהט זיך איהם דער צינגעל!
בינעם, בינעם חיה באַשעם
האָט געקוילעט אונז דעם אינגעל“.

דאָך דער אינגעל פרעגט אַלץ מעהרער,
דען וואָס העלפט איהם גרונע צילקע?
און דער תירוץ ווערט אַלץ שווערער,
אָהן אַן ענטפער בלייבט רחמיאל׳קע.

דער קאלוואריער דאטש.

איך בין אין קאלווריע געבארען,
נאט ווייט פון דער שוהסטערשער שוהל,
איך בין דארט א שוהסטער געווארען
איך האב דארט געהיט מיין קאפול.

מען האט מיך פערדרעהט דארט מיט צירקען,
א מאיד וואס פלעגט צירעווען זעק,
דאך איך האב א כאפ געטהאן מירקען
און בין מיר נאך ניו יארק אוועק.

דא איז אונז געגאנגען אין ארדער,
געמאכט דיא אפויתיקה גיך,
מיין מירקע פלעגט האנדלען מיט בארדער....
און איך מיט פערלאטעטע שיך.

אצינד איז מיין מירקע א „קיידי",
און איך היים שוין בערע נאט מעהר,
מיין ווייב איז געווארען א „ליידי"
און איך בין געווארען א „סער".

איך האַנדעל שוין לאַנג מיט קיין שלאָרעס,
איך האָב יעצט אַ סטאָר אין בראָדוויי,
און רעדט מען פון גבירים, פון שררות —
דערמאָנט מען מיך אויך צווישען זיי.

מען קען ניט מעהר מירקע ליידאַטשקע,
מען קען ניט מעהר בערע יונגאַטש.
מיין ווייב איז געוואָרען אַ דאַטשקע,
און איך בין געוואָרען אַ דאַטש.

יעצט זוך איך קאַלווריער צו מיידען,
איך וויל זיי ביי מיר פיר קיין געסט,
איך קען מעהר קיין ליטוואַק ניט ליידען;
אַ רוסישער איד איז אַ פּעסט!

איך האַס זיי און וואָס איז דער חידוש?
עס האָט מיר אַ טעם זייער קוואַטש!
איך קען ניט פערשטעהן מעהר קיין אידיש,
צו מיר מוז מען שפּרעכען אין דאַטש.

דיא געהאָלפענע צווייא

אָדער רויבער און גלויבער.

אן אלטער פאָלקס מאָטיוו. פריי נאָך דעם העברעאישען.

עס זיינען אמאָל אין אַ דאָרף צווישען גוים
געשטאַנען וויא אופגעפּאָרט איינס מיט דאָס אנדר׳ע
אַ שיינק צו פערגיסען דיא ביסעל חטאים,
אַ קירכע צו בעטען ביי יאָסעלע פּאַנדרע.

עס האָבען זיך גוט פריינד געלעבט דיא בנינים,
דאָך שיינקער און פּריסטער געקריעגט וויא ליידאַקעס,
דען קליין איז דער דאָרף, נאָר אַ ביסעל קבּצנים,
עס פעהלען שכורים, עס פעהלען פרומאַקעס.

דער גלח, אום עטוואָס צו ציהען אַ נוצען,
האָט שטענדיג ביים שיינקער דיא משקה גע׳אסור׳ט,
דער שיינקער פלעגט וויעדער דעם גלח בעשמוצען,
אזוי האָט אַלץ איינער דעם צווייטען גע׳מסר׳ט.

דאָך זיינען מחלוקת נאָר דומע תחבולות,
און קריעג, און זלזולים קיין דאַנקבּאַרע טרחת.

דען העכסטענס געווינען דערביי דיא כאַמולעס,
זיי ווייכען פון שיינק און זיי ווייכען פון קירכע.

דורך שלום און אחדות נאָר קען מען געניסען
פעראייניגונג נאָר איז דיא בעסטע תחבולה,
אין שיינק זאָל זיין לוסטיג, דער שנאַפּס זאָל זיך גיסען;
אין קירך זאָל זיך פרעהען דיא „הייליגע בתולה"......

און קוים האָבען ביידע זיך: שיינקער און גלח
געגעבען דיא הענד, האָבען גלייך דיא ערלים
דערהערט אַז אין דאָרף איז געקומען אַ מלאך
און האָט דאָרט געוויעזען אַ זעלטענעם צלם.

דערצעהלט האָט דער שיינקער אַליין מיט אַ פייער
זיך צלמ'ענדיג פאַר אַ באַנדע שכורים,
אַז גאָט איז געשטאַנען ביי איהם אויפ'ן שייער
פערטיעפט מיט'ן מלאך אין הויכע דבורים.

און גלייך האָבען אַלע בעטרונקענע יורעס
געשוואָרען בעזונדער, געשוואָרען צוזאַמען,
אַז זיי האָבען ביינעוואוינט שרעקליכע גבורות
אין שיינק אויפ'ן דאַך פון דער הייליגער מאַמען.

דער גלח האָט אויך געמאַכט פול אין דיא דרשות
מיט ווערטער, וואָס האָבען געפלאַקערט וויא צונטער,
אַז יעצט וועט דערהערט ווערען יעדענס בקשות,
און ווער עס קומט קראַנק מוז אַוועק אַ געזונטער.

דער דאָרף איז געוואָרען פערשוואומען מיט מענשען,
מיט טויזענדע, — ווער האָט געקענט זיי גאָר צעהלען.
מיט פרומע, וואָס זיינען געקומען זיך בענשען,
מיט קראַנקע, וואָס זיינען געקומען זיך היילען.

דער כלל, יענער מסחר האָט אויפגעטהאָן וואונדער!
מיט לײדיגען קומט ניט קיין איינציגע נגע —
דער גלח צעהלט געלד און דער שיינקער בעזונדער,
דער עסק ווערט גרעסער פון רגע צו רגע.

דאָך איינמאָל האָט גראַדע געדאַרפט זיך פּאַסירען,
אַ גוי איז געקומען אין דערפעל צו הינקען,
ער איז זיך נאַטירליך געקומען קורירען
און אגב דיא היילינע משקה צו טרינקען.

דער גלח האָט טעגליך אַ פּדיון גענומען,
עס איז דאָך אַ מצוה צו שינדען כאַמולעס,
דאָך פונקט וויא דער גוי איז מיט קולעס געקומען,
אַזוי איז ער ווידער אַוועק מיט דיא קולעס.

און זיצענדיג איינמאָל אין שיינק ביי דיא ספּירטעס
איז פּלוצלונג דער גוי אַ צוקאַכטער געוואָרען:
„אַ שווינדעל דיא היילינקייט, מענשען פערפיהרט עס!"
האָט ער זיך צושריען מיט ביטערען צאָרען:

„עס זיינען דיא בלינדע נאָך בלינד וויא געוועזען,
עס הינקען נאָך דיא, וועלכע האָבען געהונקען, —

בײַ אײך איז נאָך קײנער געװאָרען גענעזען,
ממזרים, אַז װערען זאָלט איהר אײנגעזונקען!"

„א, נײן!" האָט דער שײנקער געזאָגט, „כ'קען ניט שװײגען
דער שרײער איז שכור, — בײַ גאָט איז געשװאָרען!
דאָ זײנען אין קורצען — איך קען איבערצײגען,
צװײ גרױסע „חלאים" געהאָלפען געװאָרען...."

מאָראַל:

מען פרעגט אָפט פאַרװאָס קהל'שע פיהרער און שונאים,
װאָס האָבען זיך אָפען געשפּיגען אין פּנים,
װאָס האָבען זיך אימער געגראָבען מיט פרײדע,
פערבינדען זיך פּלוצלונג און קושען זיך בײדע?
אָן אײנפאַכע זאַך, דערצו דאַרף מען קײן דײנקער,
דער תּירוץ ליגט פראָסט אין גלח מיט'ן שײנקער.

אָרע לייבעס

(אַן אַלטער פֿאָלקס מאָטיוו.)

אָרע לייבעס פֿון יאַכנאָוואָקע
איז אַ ווייט בערימהמטער נגיד,
נאָר אַ קמצן. דיא יאַכנאָוואָקער
טאַדלען אַלע אָרע לייבעס.

אַלע לאַכען פֿון דעם גייץ־האַלז,
פֿון זיין לעבענסאַרט און פיהרונג,
לאַנד און לייט דערצעהלען מעשות
פֿון דעם קאַרגען אָרע לייבעס.

פֿון זיין בּאַרכענע קאַפּאָטע,
דיא ירושה פֿון זיין זיידען,
וועלכע דיענט אי וואָך, אי שבּת
אונזער רייכען אָרע לייבעס.

מען דערצעהלט וויא זיין געזינדעל
מוזען נויטה און הונגער ליידען,
וויא עס זשאַלעוועט זיי עסען
טאַקע פּשוט ארע לייבּעס.

ווייא ער שנאָרט נאָר, וואו אַ שמחה
קומט ער זיך מיט דיא בני בית,
אָבער זעלטען טרעפט דאָס דאָרטען
אונזער קאַרגען אָרע לייבעם.

דען יאַכנאָווקע איז אין גאַנצען
ניט פיעל גרעסער פון אַ גענעץ,
אָבער גרויס איז דיא „כאַליאַסטרע“
און דער הונגער אָרע לייבעם.

דאָך אַצינד איז פול דיא שטעדטעל
מיט ר׳ מייזעל׳ס רייכע סעודה
און עס גרייטען זיך נגידים
און עס גרייט זיך ארע לייבעם.

דאָך ר׳ מייזעל איז אַ שטרענגער,
אונגעבעטען דאָרט צו קומען
איז אונמעגליך, נאָר נישט קשה: —
ער וועט רופען אָרע לייבעם....

דען ווייא בעט מען ניט אַ שכן
צו אַזאַ בעריהמטע שמחה
וואָס פערקלינגט דעם גאַנצען געגענד?
מען וועט בעטען אָרע לייבעם.....

און מען פייניגט זיך אַ חודש,
מעהר נאָך, שוין באַלד צווייי חדשים!

וואַרטענדיג אויף יענעם מאַלצייט
שטאַרבט מען שיער ביי אָרע לייבעם.

דאָך אַ חוץ דיא פאַסטער, זיינען
אַלע שטאָדט־לייט שוין געבעטען, —
היינט קומט אָן ר׳ מייזעל׳ס שמחה
וועט ער רופען אָרע לייבעם?

אין דער שוהל־גאַס פון יאַכנאָוועקע
שטעהען צוויי מאַסיווע הייזער,
ניט קיין איבעריג געפוצטע, —
ביידע נאָך דעם אַלטען סטראָי.

קענטיג, דאַכט זיך, אַז אין ביידע
וואוינען שעהנע בעלי בתים,
נאָר פערשיעדען, זעהט זיך, פיהלט מען
אין דיא הייזער היינט דיא צוויי.

זעהט זיך, אַז אין איין הויז לעבט מען,
אַלע לאַכען, אַלע שטיפען,
פריידען איבער פריידען, אָבער
אין דער אַנד׳רער איז אַ קלאָג.

דאָ איז ציער און דאָ איז לעבען,
יעדער ווינקעל גלאַנצט און שימערט,
טישען שטעהען געקרעדענצטע
מיט דאָס בעסטע אין דער וועלט.

דאָרטען אָבער הערשט אַ שטילקייט
פונקט וויא אויף אַ בית הקברות, —
אַלע זיצען וויא פערגליווערט,
נאָר דער אַלטער צעהלט זיין געלד...

מיט דיא דאַרע פינגער שאַרט ער
דיא מטבעות און זיי קלינגען
וויא לויה פושקעס, טרוי׳ריג,
אין דער אומעטהיגער שטוב....

און דיא אויגען פינקלען קעציש
ביי דעם שימער פון דיא רענדלאַך
און דיא אויערען פערנעהמען
מיט בעגעהר דעם קאַלטען קלאַנג...

אַז דער צעהלער איז דער קאַרגער,
דאָס איז איבעריג צו זאָגען
און אַז יענע הויז פול פריידען
איז ר׳ מייזעל׳ס קען מען זעהן.

זעהט איהר וויא דיא סאַרווער „פאַדען"
אַרום רייך געדעקטע טישען,
וויא דער עולם עסט דיא סעודה
מיט געזונדען אַפעטיט?

יא, עס וועקסלען זיך געריכטען,
דיא געשמאַקסטע און דיא בעסטע

און דיא רייכסטע לעקער ביסען
און געטראנקען אלערליי!

און אין מיטען שפיעלען כלי זמר,
שייקע פאנטאזירט משונה
אויף זיין פידעל און דער חזן
אויפ'ן „באי־קול" האלט איהם צו....

בערקע בים באם ווארפט מיט גראמען
און דער עולם קייכט פאר לאכען:
„אז גע'הרג'עט זאל ער ווערען,
וויא געשווינד ער מאכט א גראם!"....

דאך דערביי דארט דורך א פענסטער
קוקט ארוים א בלייכער נפש
מיט פערקאכטע ווילדע בליקען
צו דער חתונה אצינד.

ניין, איהם ריהרט ניט שייקעס פידעל
און דעם חזן'ס אונטערהאלטונג,
דען ער זעהט וויא מענשען עסען,
עסען מיט'ן פולען מויל....

טענער שפייזען ניט דעם מאגען
און דיא שעהנסטע מעלאדיען
און דיא ליעבליכסטע געזאנגען
קרעפטיגען דיך ניט וויא ברוים.

קענסט דעם גוף מיט גייסט ניט זעטען
ווייא דו זעטיגסט דיא נשמה, —
יענע קיך וואס שפייזט דיא זעעלע,
לאזט דעם קערפער דיר פערשמאכט.

יא, עס איז ניט צו פערדיינקען
ארע לייבעס, וואס עס רייסט איהם
ווייא מיט צוואנגען צו דיא גלעזער
און דיא שיסלען פעט און פול.

כעס און הונגער,ביידע האבען
ווילד געפייניגט ארע לייבעס,
דאך דער צארן קען נאר צעהרען
און ניט קרעפטיגען דעם לייב.

א, דיא האפנונג, דיא פערדאמטע!
ווייא זיא נארט דאס אפ דעם מענשען!
באלד איז נאך דער גאנצער סעודה
און דער טאג האט שוין פערבלייכט.

אייביג קען דער מענש ניט ליידען,
ווארטען, ווארט זיך ביז א צייט נאר
און געזאגט האט מיט יסורים
ארע לייבעס צו זיין ווייב:

„זאלען זיי זיך דארטען ווערגען!
אויף להכעים דיא ממזרים,

שאָשע מירל, קאָך אַ קרופּניק,
קרופּניק, יאָ, פון קרופּניק לאַנד.

„זאָלען זיי צופּוקעט ווערען
קוקענדיג אויף אונזער קרופּניק,
וויא מיר זיצען אַלע פּריציש,
דאָ בּיי אונזער אייג׳נעם טיש!.......“

און פּערצעהרט איז שוין דער קרופּניק
און פּערטריעבּען איז דער הונגער.
ווייבּ און קינדער שלאָפען רוהיג,
אָרע לייבּעס דרעמעלט אויך....

דאָך ווער קלאַפּט דאָס דאָרט אין פענסטער
און ווער וועקט דאָס אָרע לייבּעס?
דאַכט זיך, בּערקע בּים בּאָם איז דאָס,
בּערקע בּים בּאָם און כלי זמרים....

„קומט, ר׳ אהרון, מאַכט קיין שהיות!
אַלע וואַרטען אונגעדולדיג“.
אָרע לייבּעס: „אָט איך געה שוין,
קינדער, שאָשע מירל, גיך!“

„דאָך וואָס טהוט מען מיט דעם קרופּניק?
שנעל דיא פינגער אין דיא העלזער!
זשאַלעוועט ניט, מעהרער.... מעהרער.....
גיט אַוועק צוריק!.... צוריק!....

„דאָרטען וואַרטען פעטע פופקעס,
לעבערקעס און דאַרע העלזלאַך,
קאפהענער און פלוימען צימעס
און דער בעסטער מאַרענאַט.

„קיטקעס, טאָרט און פרישע לעקאַך,
צוויבאַק אַלערהאַנד און קיכלאַך,
פירות פון דיא בעסטע, ויינען
כאָטש צו צוואָגען זיך דעם קאָפּ".

פאַרטיג שטעהט שוין דאָס געזינדעל:
מאָגען לעער, וויא פאַר דעם קרופּניק
און בעלעקט זיך שוין בעצייטענס, —
אָרע לייבעס געהט פאָראוים....

און דער בדחן מיט דיא כלי זמר
פלאַצען פשוט פאַר געלעכטער,
הערענדיג וויא אָרע לייבעס
שטעהט און שליסט שוין אויף דיא טיהר....

„נו, ר' אהרן?" — „אָט מיר געהען!"
„וועלכע מיר, ר' אהרן, זאָגט נאָר?
אייך נאָר דאַרף מען, קומט וואָס גיכער,
זייט מחדש דיא לבנה"....

שטן מקטרג

דערצעהלט אין א חסידים שטיבעל.

אפגעפראוועט דיא עליות,
שטעהט ר׳ בענצע אויף דער ביהמע,
שטעהט און גרייט זיך צו דיא תקיעות
מיט א טרויעריגער שטימע.
און געגרייט איז אויך ר׳ מעכי
דער כאנדאוויטשער בעל בכי
אויסצורופען דיא סיגנאלען,
וועלכע דארפען תיכף שאלען
און פעריאגען דעם סמאל,
וועלכער מסר׳ט אויף ישראל.

און דער עולם זאגט מיט בכיות
און עס קלאגט זיך, וויא דער שטייגער.
באלד דערהערען זיך דיא תקיעות
און פעריאגען דעם קטגור.
פון ר׳ בענצעס איין טרומייטער
ווערט דער שטן א צודרייטער,
א צומישטער, א צושטערטער,

ווער פערשטעהט דאַן זיינע ווערטער ?
ער פערשווינדט, מלאכים שוועבען
און מיר, אידען, בלייבען לעבען . ז

אָפּגעכליפּעט, אָפּגעציטערט
אַלע „למנצח׳ם" זיעבען
און דער עולם איז פאַרביטערט,
שטיל און אומעטהיג געבליעבען,
דאָך ר׳ מעכי׳ם הייסע ריטשעם
אויסגעמישט מיטווילדע קוויטשעם
וואַרפען סקרוכעס, וואַרפען שרעקען
אויפ׳ן עולם און זיי וועקען
נייעם יאָמער בייא דיא ווייבער,
אַז עס ציטערען דיא לייבער.

אַט צוטראָגט זיך דאָס אַ כראָפּען
באַלד דערנאָך אַ שטילעם קאַיכען,
באַלד אַ קרעכצען ; באַלד אַ סאָפּען,
באַלד אַ פּישצען אָהן אַ גלייכען,
דען ר׳ מעכי איז אַ וויינער,
זיין געוויין קען ריהרען שטיינער.
יאָהר נאָך יאָהר אַלץ פאַר דיא תקיעות
פּראָוועט ער אין קלויז דיא בכיות
מיט אַ מורא, מיט אַ ציטער
און צופלאַקערט דיא געמיטהער.

דאָך ס׳איז לאַנגזאַם שטיל געוואָרען

און ר׳ בענצע מיט אַ כליפּען
נעהמט פּאַמעלאַך זיך דעם האָרען
און ער לייגט איהם צו דיא ליפּען.
קוים נאָר פאַנגט ער אָן צו בלאָזען:
וועלען חברה זיך צולאָזען
אי פּצפּציה, אי טרטיאל,
מציה, פּציה און שלומיאל
נעהמענדיג זיך וויא יונים
צו דעם „סם“ דעם עזות פּנים.

און ר׳ מעכי האָט מיט מיהע
און מיט איינגעהאַלט׳נע גבורות
שוין געזאָגט דיא ערשטע „תקיעה“,
ציהענדיג איהר אויף טאַרטורעס.
און ר׳ בענצע וויל אַ בלאָז טהאָן
און צום הימעל הויך אַ לאָז טהאָן
דיא מלאכים, דיא מליצים,
וועלכע זאָלען וויא דיא פּריצים
ברייטלאַך פליהען פון דעם שופר
און מבלבל זיין דעם כופר...

דאָך, אַ וועה, אַ וועה, געשריען
ער, דער „סם“ דער כף הקלע׳ניק! —
אָך, אומזיסט ר׳ בענצעס מיהען! —
בלאָזט אומזיסט, דוא מערידאַלניק!
ניין; עס וועט דיר נישט געראָטהען! —
אין דעם שופר שטעקט דער שטן.

מעגסט געהן טויזענד מאָל נקיות, —
ער פערהאַלט דיר דאָך דיא תקיעות
מעגסט זיך קוועטשען, מעגסט זיך בלאָזען...
ער איז שטאַרק, ער וועט נישט לאָזען .

און אַ שוידער, און אַ ציטער
פאַלט אויף יעדען, אַלע קלאָגען :
מיט דעם „חברה מאַן" איז ביטער, —
ווער קען געהן מיט איהם זיך שלאָגען ?
דער סמאל , גאָט גערעכטער !
מאַך איהם דוא נאָר צום געלעכטער !
מוטה, ר' בענצע, בלאָזט נאָר ווידער !
דאָך דער „בחור" ווערט נישט מידער :
ליעגט אין שופר וויא אַ שררה, —
וויל נישט ווערען דיא כפרה .

דאָך ווער שטעהט דאָרט אַ פערקלערטער
אין אַ ספר איינגענאָרעט ?
עפּעס רעדט ער פרעמדע ווערטער, —
באַלד פער'דבק'עט, באַלד פער'צרה'ט ;
עפּעס רופט ער מאָדנע נעמען
נאָר ווער וויים איהם וואָס און וועמען ?
שליסט דיא אויגען, מאַכט זייא אָפען,
באַלד אין דרום, באַלד אין צפון, —
איז דאָס דאָרטען דער בעל מופת ?
יאָ, ער איז דעם שטן תופס !

און דער עולם קוקט מיט שרעקען

וויא דער רבי האַלט מלחמה:
„גאָטט, אַ זכות אַל זיך דערוועקען
ער זאָל גובר זיין דעם טמא!"
און דער צדיק שפּרינגט און דרייט זיך.
בינדענדיג דעם „סם", פערשטעהט זיך!
און ער שרייט און שילט, און וויעגט זיך,
און ער פּליעסקעט און ער קריעגט זיך. —
הערט! ער רופט דיא אבות גיכער, —
איצטער נעהמט ער איהם, אויף זיכער.

נאָר דער „בחור" איז אַ שווערער.
אַ קאַטאַוועס, שוין פון דורות
וויא ער פּאַקט זיך מעחר און מעהרער
אַלץ מיט אידישע עברות!
און דער רבי בייסט דעם קיטעל
און ער קלעהרט דעם לעצטען מיטעל
וויא דעם „עוכר" צו פעריאָגען
און זיין בעזען פּלאַן צו שלאָגען. —
יאָ, אומזיסט דעם שטן'ס גדולה —
זעה: דער רבי האָט אַ סגולה!

מעגסט שוין בלאָזען, בעל תוקע!
שוין געהיילט ישראל'ס וואונדען: —
מיט אַ האָר פון רבי'ןס פּאה
ליעגט שוין וויא אַ שעפּס געבונדען
דער מקטרג, דער צושטערער.
פּליעסקעט, חסידים, מעהרער, מעהרער!

איהר וועט כאַפּען בייא דעם רבי'ן
דיא שיריים; איהר וועט לעבען, —
זעהט, דער צדיק ווינקט צופריעדען:
„איצט וועט מען אייך בלאָזען, אידען!“

און ר' בענצע פאָלגט דעם רבי'ן: —
תקיעות קומען, שברים, תרועות
און דיא יונגע קולות שוועבען
און זיי זאָגען אָן ישועות.....
וויא אויף פייערדיגע שימלען
פליהען שרפים אין דיא הימלען
און צומישען שוין דעם שטן —
וויא דער רבי האָט געבעטען.
יעדערער האָט רייד געפונען:
„ער זאָל לעבען האָט געוואונען“.

דער ריס

ווען איך בין געוועזען אַן אונשולדיג קינד,
אין וועלט־זאַכען פרעמד און אין גאָט זאַכען בלינד,
געדענק איך: דער שמש אין פּאָליש ביים וואַנד
פלעגט שטעהן מיט אַ לאַנגע רצועה אין האַנד —
מיין טאַטע פלעגט ליעגען ביי איהם צו די פיס
און צאָהלען מיט גראָשענס פיר יעדווידער ריס.

עס רוקט זיך די צייט, דאַכט זיך, גאָר אונבעטראַכט,
מען האָט מיך מיט מזל אין חדר געבראַכט.
אַ נייער זאָרט לעבען, אַן אַנדער מין וועלט:
אַ אידליק, אַ כעסן, ער שמייסט און ער קנעלט;
ער האַקט מיט'ן קאַנטשוק, עס ווערט איהם ניט מיאוס—
מיין טאַטע צאָהלט גראָשענס פיר יעדווידער ריס.

בר מצוה, איך שטעה און איך דרשה'ן געשמאַק,
דער רבי'ל גיט כלומרשט אַ קניפּ מיר אין באַק,
אַ קניפּ גיט דער חזן מיר אויך און ער זאָגט:
„א, ווערה ס'אַראַ קעפּיל דער אינגעל פערמאָגט:
זיין דרוש איז געפּערעלט, זיין מפטיר איז זיס",
און יעדערער מיינט נאָר צו געבען אַ ריס...

אויף אונגליקען וואַקסט מען, און איך בין שוין גרויס,
מען רייסט מיך פון מיינע געליעבטע אַרויס:
אַ זעלנער, דיא עלטערן וויינען זיך בלינד,
עס וויינט שוין אַ פרוי און עס וויינט שוין אַ קינד.
אַנטלויף נאָך אַמעריקאַ, אָדער געה שים...
וויא שווער איז דיא שיידונג, וויא טיעף איז דער ריס!

עס זיינען שוין צעהנדליגע יאָהרען פאַרביי
און אימער דאָס אייגענע נאָך — רייסעריי!
איך זעה אין מיין לעבען קיין איין גאַנצען ביס;
אַ אידישעס לעבען — אַ ריס אויף אַ ריס....
דיא שוהל און דער חדר, דיא „חברה“, דאָס לאַנד —
עס רייסט יעדער איינער, וואָס האָט נאָר אַ האַנד....

שלומיאל אין באזעל

עס האָט זיך געענדיגט מיט גליק און מיט מזל
דער גרויסער קאָנגרעס פון דיא אידען אין באזעל
מיט האָפפנונג צו בויען דעם וויסטען „אריאל“.
דער זאאָל דער פערפוצטער, איז מעהר שוין ניט געסט־רייך,
נאָך פראנקרייך פאָהרט נארדאו און הערצל נאָך עסטרייך,
צוריק נאָך אַמעריקאָ פאָהרט ר׳ שלומיאל.

עס שטעהען און ווארטען א מנין געבריכטע:
„אוי, זעהט, ר׳ שלומיאל דערצעהלט דיא געשיכטע!
וואָס האָבען בעשלאָסען דאָרט אונזערע גדולים?
אוי, ווען ווערט דער איד שוין בעפרייט פון זיין תפיסה?
ווען קריגען דיא שונאי ישראל דיא מיתה?
אָ, ווען וועלען אידעלאך ווערען דיא ע ו ל י ם?

„וויא לאַנג וועט מען צווישען דיא גוים מארודזשען?
אָ, ווען וועלען אידען דערלעבען זיך פרודשען
אין ציון, ניט ווייט פון דעם שעהנעם לבנון?
זיך שמייסען מיט בעז׳מער פון גרינע ערבות,
געבונדען מיט לולב, געפלאנצט פון דיא אבות —
אָ, ווען וועלען אידען זיך בעזימען קאָנען?

„אָ, ווען וועט דאָס טרפות פערלירען דיא שליטה,
און הייליג וועט ווערען דיא אידישע שחיטה....
און אידעלאך וועלען ז י ך עסען צופריעדען?
אָ, ווען וועט דערלעבען דיא טהייערע אומה
צו געבען דעם כהן אי מעשר, אי תרומה?
אָ, ווען ווערט שוין ראָטהשילד אַ קיסר ביי אידען?

„אָ, ווען וועלען קאָנען דעם בורא'ם משרתים
פערשטיינען, דערווערגען דיא כת אפיקורסים,
דיא פרייע שוויסטונעס, זיי זאָלען געשווועלען!
אָ, ווען, ר' שלומיאל, וועט איהר אַמאָל קאָנען
דיא איצטיגע צרות אין פריידען דערמאָנען
און אנשלאָגען פושקעס אָט וואו איהר וועט וועלען?

„און נעהמען, און טאָקע גאָר קיינעם ניט פרעגען;
און שטעלט זיך אַ שייגעץ מיט קשיות אנטגעגען —
אריינגעפּאַקט גלייך אין דער הייליגער קונע!
וואָס הייסט עפּעס קלערען אין נסתר? וואָס הייסט עס.
נסתרות, — דער בורא אליין מעהר ניט ווייסט עס,
און אידעלאך מוזען נאָר האָבען אמונה.

„דערצעהלט, ר' שלומיאל, דערצעהלט אונז דעם תוכן:
אָ, ווען וועט דער גיהנום שוין נעהמען זיך רויכען
מיט ז י י דאָרט, אַ רוח אין זייערע טאַטעס!
ווען וועלען דיא שקצים זיך אויפהערען גאָלען?
אָ, ווען וועט זיך אידישקייט נעהמען בעצאָהלען?
אָ, ווען וועלען אונזערע ווערען דיא כוואַטעס?

„דערצעהלט, ר׳ שלומיאל, מיר זיינען דאָך גערן
פון יענער אסיפה דעם אינהאַלט צו הערען —
אַ שפּאַס האָט זיך דאָרט געמוזט קאָכען און רעש׳ן!
אַ קלייניקייט עפּעס דער אידישער גלויבען? . . .
דיא אידישע גאולה! . . . . אוי דאַנקען און לויבען
נאָר דעם וואָס מיר האָבען דיא הענד ניט געוואַשען.“

שלומיאל הייבט אָן זיך פּאַר צרות צו קראַצען:
„דערצעהלען פון באַזעל — אוי, זאָל איך צופּלאַצען.
אויב איך קען אפילו אַ וואָרט זיך דערמאָנען,
אַ שפּאַס האָט זיך דאָרטען געטהאָן; איך זאָל קריינקען,
אויב איך קען אַ האָאר חאָטש, אַ ברעקעל גערדיינקען,
אוי, אידען, געוואַלט! אַ כפרה מיליאָנען!

„נאָר סתם, וויא קום איך דאָרט אַ איד אַ פערשמוצטער,
אין יענער געבילדעטער וועלט דער פערפּוצטער,
אַ וואו עס געפינען זיך זאָלכע מאַגנאַטען,
וויא מאָרדע און יערצעל און אַנדערע גאונים?
כ׳האָב שיער ניט פערלאָרען פאַר שרעק דיא תחתונים;
אַ זכות האָט זיך דאָרט נאָר ערוועקט פון מיין טאַטען.

„אַוואו האָט דאָרט מיינע אַ שטימע געגאָלטען?
אַוואו האָט אַוועדר דאָרט אַ באָרד מיט אַ קאָלטען?
אַוואו האָט אַ חן דאָרט מיין חומש און רש״י?
אוי, אידען, איך האָב זיך דאָרט שיער ניט בעגראָבען,
אוי וועה, ס׳אַרא קאָפּ אָט דער יערצעל מוז האָבען!
אַ קלייניגקייט האָט ער פאַרקאָכט דאָרט אַ קאַשע!

„אַ שפּאַס האָט מען דאָרטען גערעדט אויף לשונות!
פּיש, פּיש, אַז איך זאָג אייך, רבותי — גאונות!
פראַנצויזיש און טייטשיש, ווער ווייס זיי וואָס נאָך דאָרט?
עס האָט מיך געהויבען, עס האָט מיך געטראָגען,
וואָס זאָל איך אייך אָנהויבען מעלדען און זאָגען?
אוי, אידען, עס האָט מיך געכאַפּט שיער דער בראָך דאָרט.

„פאַרפאַלען! נו, בין איך געפאָהרען, געקומען.
וואָס העלפט עס, רבותי? געהט ברענגט דיא מזומן!
פאַרפאַלען! אין לעבען קען אַלעס פּאַסירען;
פיר אייך אָבער, אידעלאַך, בין איך אַ קענער,
און „עססעקס״ און „העסטער״ קען איך, וויא זאָגט יענער,
צו יעדווידער צייט נאָך בעלעהרען און פיהרען.

„נו, געהט, באַלעמוטשעט ניט, זעהט מיר צו ברינגען,
וואָס גיכער דיא רונדע און גלאַטע, וואָס קלינגען,
דען פאָהרען נאָך באַזעל — יאָ, אידעלאַך, שאַצט נאַר!
יאָ, אמת איך בין ניט געוועזן אויבען־אָן דאָרט,
פון דעסטוועגען האָב איך נאָך עפּעס געטהאָן דאָרט,
דען קראַצען האָב איך זיך דאָרט איינער געקראַצט נאָר.״

א יונג מיט „מעלות“

ער איז אַ ליכט, ער איז אַ שאַין,
ער איז אַ גואל, זאָגט ער,
רוקט אומעטום זיין צונג אַריין,
וויל איבּעראַל אַ מאַכער זיין,
דען חוצפּה, דאָס פערמאָגט ער,
ער רעדט פון קונסט, פון ליט׳ראַטור,
פון אַלע שעהנע זאַכען,
און צייגט אַרוים דעם גאַנצען בּור
און מאַכט דיא קענער לאַכען.
דער כלל, ער איז אַ יונג אַ כוואַט
מיט אַלע גוטע מעלות,
בּיים עולם אָבּער הייסט ער „סמאַרט“
און פרעגט מיך מעהר קיין שאלות!

ער זאָגט, ער אַגיטירט אומזיסט
און נעהמט דערפאַר אַ האָר ניט.
אַט היינט איז ער אַזאַ מין „איסט“
און מרגען שוין אַנאַנדער מיסט,
און איבּערמאָרגען גאָר ניט.
אין חברות ווערט ער שנעל בּעקענט,
דען וועמען טרויט מען גיכער?

און אָפּט פערשטעכט ער זיך דיא הענד
בּיים גראַבּלען אין דיא בּיכער.
איהם קען דער דזשאַדזש, דער אַדוואָקאַט,
ער מאַכט אין קאָורט אָן יעלות,
בּיים עולם אָבּער הייסט ער „סמארט“
און פרעגט מיך מעהר קיין שאלות.

און ווילט איהר וויסען וויא ער הייסט,
דער חברה מאַן, דער שעהנער ?
דאן שווער איך, זיכער אַז איהר ווייסט,
פון איהם נאַר הערט עס זיך אַם מייסט,
עס קען איהם יעדער איינער.
ער איז פאַראַן אין יעדע שטאָדט
צו שאַפען אידען קללות,
צו מעהרען וועה, צו בּרענגען שפּאָט,
צו פעפערען דעם גלות.
ער נאַרט דיא וועלט און ווערט ניט זאַט
און ריהמט זיך נאַר מיט מעלות,
בּיים עולם אָבּער הייסט ער „סמארט“
מען גלויבּט איהם גאַר אָהן שאלות.

דער לייב און דיא מויז

(פאַלעמישעס)

האַט איהר אַ מאָל געזעהען דעם שטאַרקען לייב
ווען ער דערלאַנגט זיין שטאָלצען קאָפּ אַ הייב
אַ טרייסעל מיט דער גריווע און אַ ברום ?
דער וואַלד דערשרעקט זיך און דיא ערד אַרום.
דער טיגער בלייבט פערבליפט, דער לעמפערט שטומט ;
דיא אייזערנע גאָרילאַ בלייבט פערמומט ;
פערצאַפּעלט ווערט פאַר שרעק דער ווילדער שוויין ;
דיא שלאַנג קריכט וויעדער אין איהר לאָך אַריין ;
דער בער האָט מורא נאָך זיין רויב צו געהן,
דער בעזער וואָלף בעהאַלט דיא שאַרפע צייהן ; —
איין חיה'לע נאָר לאַכט פון לייב זיך אוים,
איין בריה'עלע אַ נבזה'קע, — דיא מויז.

זיא רעדט זיך שפּעטענדיג און פריילאַך
פון וואַלד, פון זיין געקרוינטען מלך :
„איך בין דאָך נאָר אַ קליינער שרץ
אַנטגעגען אייך, איהר גרויסע חיות,
דאָך לאַך איך פון דעם לייב'ס חויות
און האָב קיין ברעקעל דרך ארץ.

זיין קראַפט,
קיין האַפט,
ניט אמת, מיינע טרייע שרצים,
איהר ווערים, יאַשטשירקעס און שקצים ?
זיין ברום
איז דום,
וויא קען ער זיך צו מיר פערגלייכען ?
ער קוקט מיך אָן און מוז מיך ווייכען."

דאָך ווען דער פוקס איז גראד דערביי
און הערט דער נבזה'ס קוויטשעריי,
דאן גיט ער פריילִיכדיג אַ לאַך
און זאָגט איהר אוים דיא גאַנצע זאַך :
„וויא זיכער ביסטו, מייזעל, אין דיין „זיעג" !
דען ווער וועט עס מיט דיר געהן פיהרען קריעג ?
דו מעגסט בעליידיגען דעם לייב אליין,
ער וועט ג ע ו ו י ס מיט דיר אין קאמפף ניט געהן.
מלחמה האַלטען מיט אַ מויז — צו וואָס ?
דו ז י ד ע ל ס ט — נו, ווער האָט דערפון פערדראָס ?
ביסט גליקליך, מ ו י ז, דיין נ י ש ט י ג ק י י ט א דאַנק,
דיין ק ל י י נ ג ק י י ט מאַכט דיך פריי און פראַנק.
מיט דיר צו שטעלען גלייך זיך אויפ'ן פלאַטץ
איז טאַקע נאָר א'ן עסק פאַר דער קאַץ."

דער לאַטוטים

אָדער דער לומפּענשניידער

(פּאָלעמישעס)

שניידער בין איך און וועל שניידען
אימער מעהר און מעהר.
וועה דעם, וואס וועט מוזען ליידען
פון מיין שאַרפע שעהר.
שניידען וועט עס אייך און קלעהמען,
קלעהמען פון דאָס ניי.
ציטערט, דען איך וועל זיך נעהמען
צו דיא שניידעריי!

וועט מיין שעהר ניט שניידען קענען,
גליהט מיין אייזען רויט.
איך וועל פּרעסען, איך וועל ברענען,
ברענען אייך צום טויט.
וועט דיא צייט מיין אייזען קיהלען,
גילט מיין נאָדעל נאָך
און איהר זאָלט אויך ענדליך פיהלען
ביז צום ביין מיין שטאָך.

איך בּין אַ „לאַטוטים“, ניקסען
זיינט איהר, — דאָס איז וואָהר !
גאַנצעס האָבּ איך ניט צו פּיקסען,
לומפּען פּיקס איך נאָר.
אַלזאָ שטומט אין איי׳רע זומפּען,
שמירער פון בּעטרוג !
דען צו שניידען אייך, איהר לומפּען,
בּין איך גוט גענוג.

ברויט מיט טהעע

נאַר ברויט מיט טהעע, און ברויט מיט טהעע,
דאָס איז א קעסט זאָ אָך און וועה.
דען ביסטו, גאָט, אויף מיר אין כעס,
וואָס דוא ערלויבסט זיך דיעזען שפּאַס ?
צו זשאַלעווען סערדינס אַ באָקס,
אַ שטיקעל קעז, א ברעקעל לאָקס,
אַביסעל מילך, אַמאָל אַן איי !
נאַר ברויט מיט טהעע, און ברויט מיט טהעע,
דאָס איז א קעסט זאָ אָך און וועה !

דוא שפּילסט עס תקיפות, גאָט, מיט מיר ?
איך זאָלל זיך איינבעטען בייא דיר ?
נאָך ווייניג האָב איך טאָג און נאַכט
אין בעטען דיך אליין פערבראַכט ?
דאָך וואוין איך אויף דעם פינפטען שטאָק,
מיין תפילה הערסטו וויא אין טראָק, —
משמעות, גאָטט, דוא ביסט אליין
אויך ניט מיט א ל ל ע מ ע ן, איך מיין,
דיר מוז עס אויך ניט ע ק ס ט ר א געהן. . . .

נאָר בּרויט מיט טהעע, און ברויט מיט טהעע,
וואָס טויג דיא קונצען, איך פערשטעה:
דוא וואָלסט געגעבען, גוטער גאָטט,
דיא צייט איז שלעכט, דוא ביסט באנקראָט.
דוא ב י ס ט און מ ו ז ט דאָך זיין גערעכט
וואָס העלפט עס, יאָ, דיא צייט איז שלעכט!
כ'האָבּ וועקסעלאך זאָגאר פּאָרפול,
איך האָבּ אַ „מאָרגיידזש" אויף דיין שטוהל,
נאָר געה און קריך מיר אַזש אין זבול!

נאָר טהעע מיט ברויט, און ברויט מיט טהעע,
דאָך וויל איך וויסען דיעזען דרעה:
דוא גיבּסט דאָך עפּעס מאַנכען יאָ.
פיר מ י ר נאָר איז ביי דיר נישטאָ!
אויף דעם בין איך שוין גאָר ניט קלוג,
אַ שווינדעל, האַ? ביי גאָטט בעטרוג?
נון, יעטצט פערשטעה איך, גאָטט, איך גלויב,
אז ערד'ס עשירות קומט דורך רויב, —
איך קריך ניט מעהר פאר דיר אין שטויב.

פערשיעדענע ליעדער

אין דער מדבר

עס שטעהט אין ווייטען מדבר
א פעגעלע אליין
און קוקט זיך אום פעראומערט,
און זינגט א ליעדעל שעהן.

זיין הימעל־זיסע שטימע
וויא ריינסטער גינגאלד פליסט,
און וועקט דיא שטילע טויטקייט
דיא סטעפע לעער און וויסט.

ער וועקט דיא טויטע הימלען
דיא שטומע סטעפ׳ס ארום,
דאך בלייבען טויט דיא טויטע,
דיא שטומע בלייבען שטום:

פיר וועמען, זיסער זינגער,
זאג, קלינגט דיין העלער טאן?
ווער הערט דיך און ווער פיהלט דיך?
און וועמען געהסטו אן?

דו מעגסט דיין גאַנצע זעעלע
אַריינטהאָן אין דיין ליעד, —
אין דעם פּערלאָרנ'ם מדבּר
קיין הערץ דערוועקסטו ניט.

נישט לאַנג וועסטו דאָ זינגען,
איך פיהל עס, איך פערשטעה:
דיין הערץ וועט גיך צושפּרינגען
פאַר עלענד און פאַר וועה.

אומזיסט איז וואָס דו פלייסט זיך,
דאָס וועט ניט העלפען, ניין!
אַליין ביסטו געקומען
און וועסט אַליין פערגעהן.

דער פעדלער

דער היים האָט ער בעהערשט דיא קלויז,
האָט שאלות דאָרט גע'פסק'עט,
און דאָ געהט ער פון הויז צו הויז
און טראָגט אויף זיך אַ באַסקעט.

זיין קלער, זיין אויפטהו אין א דין
בעטרעפט דאָ מעהר קיין גראָשען.
ער איז אַ איד און ער איז „גרין“,
אָהן געלד און אָהן א לשון.

עס גילט דאָ ניט זיין קלוגער דריי
אין תלמוד, זיין הסברה,
דאָ ענטפערט מען איהם: „נאָט טאָ דיי“,
ווער דארף דאָ זיין גמרא ?

זיין רייכער לאַנדסמאַן מייד'ט איהם אוים,
ער היט זיך, ניט צו זעהן איהם,
ווייל דאָ איז ער געווארען גרוים
און דיעזער „גרינער“ קען איהם. . . .

אזוי, אָ, נעבעך געהט ער אום
און קלאַפט אין פרעמדע טיהרען,
אַזוי פערוועלקט אַ שענע בלום,
וואָס וואָלט א פאָלק פערציערען !

היינריך היינע

א מאָנומענט פיר היינריך היינע,
וויא לעכערליך, וויא דום דיא טענה !
אַ מאָנומענט פון קאַלטען מאַרמאַר,
פיר איהם, וואָס זיין געזאַנג איז וואר'מער,
איז הייסער וויא דיא היטץ פון זומער,
פיר איהם, וואָס האָט דעם טיעפסטען קומער.
געגאָסען אין א געטטליך פייער ;
וואָס האָט געצאָהלט אי פיעל, אי טהייער
פיר ליעבעם הייליגע שליחות ;
וואָס האָט פערדיענט דיא העכסטע סמיכות,
דיא שעהנסטע קרוין פון פרייהייטס זינגער —
פיר איהם ווילט איהר מיט מענשענפינגער
איז קאַלטען שטיין, וואָס צייט צופרעסט עס,
אַ דיינקמאַל מאַכען, שאַט, פערגעסט עס !

פערגעסט עס, דען אַ היינריך היינע,
מאַכט זעלבסט דיא מאָנומענטען זיינע.
ער האָט געשמיד'ט אין גאָלד'נע חרוזים
מיט פלאַמען פון זיין אייג'נעם בוזים
אַ מאָנומענט פיר זיך אויף אימער,
אין „נאָרדזעע“ טיעף, אין הימעלס שימער.
אין יעדער האַרץ, וואָס ליעבט און ליידעט,

אין יעדע זעעלע, וועלכע מיידעט
דעם וועג פון חנופה און געמיינהייט,
אין יעדען גייסט בעלעבט פון שעהנהייט.
ער דארף קיין שטיין, ער דארף קיין צייכען,
איהם קען פערגעסענהייט ניט גרייכען.
ער לעבט און ער וועט אייביג לעבען
וויא דער, וואָס האָט איהם אונז געגעבען.

אַדאַ נעגרי

די איטאַליענישע פאָלקס־זענגעריןָ.

אך האָב אַ ליעבע שוועסטער
אין שעהנעם זידען ווייט.
די פייגעל אין די נעסטער
אין פריהלינגס בלומענצייט —
זיי לעהרנען די געזאַנגען
די הערליכע פון איהר,
דען זיא נאָר האָט די קלאַנגען
פול הימלישען פערלאַנגען,
פול ליעבליכקייט אָהן שיעור.

און דיכטער און מלאכים
בעוואונדערען איהר האַרף.
זיא זינגט אויף אַנדר'ע דרכים —
איהר ליעד איז הייס און שאַרף.
זיא טראָגט די היטץ פון זידען
אין איהר געבענשטע ברוסט,
וואָס הייבט זיך פיר דעם מיעדען,
וואָס איז פון פרייד געשיעדען,
פון יעדע לעבענסלוסט.

דערפאַר קען איך ניט שטילען
און ברינג צו איהר מיין דאַנק,
די וואַרעמסטע געפיהלען,
דעם הערליכסטען געשאַנק.
דען פונקט וויא זיא בעקלאָג איך
דיא נויט פון אונזער צייט,
דען פונקט וויא זיא פערמאָג איך
נאָר טרעהרען, דאַרום טראָג איך
מיין גרוס איהר פון דער וויים.

דער אידישער סאלדאט

ניט ווייט פון פלעוונא, נאָר אַ הונדערט פופציג טריט,
איז דאָ אַ קבר, אָבער קיינער זעהט איהם ניט,
דער אָרט איז איינזאַם, און פערלאָזען און אליין,
דאָרט ליגט קיין קראנץ, דאָרט שטעהט קיין מאַרמאָר שטיין
דאָרט וואקסט קיין גרעזעלע, קיין בליהמעלע, קיין בלאַט,
דאָרט רוהט אַ טויטער העלד, אַ אידישער סאָלדאַט.
א אידישער סאָלדאַט געפאלען דאָ אין קריעג,
וואו רוססלאַנד האָט געפייערט שטאָלץ איהר גרעסטען זיעג.

א טיעפע, טויטע שטילקייט הערשט דאָרט רונד ארום,
אַלסדינג איז איינגעשלאָפען, רוהיג, שטיל און שטום,
נאָר קוים שלאָגט אוים דער טהורעם זייגער האַלבע נאַכט
אַ שטאַרקער מזרח שטורעם דיא מינוט ערוואכט,
און עס געוויטערט, און עס שטורעמט, און עס שרעקט,
עס ליארעמט און עס פילדערט, גוואלדעוועט און וועקט,
און פון דעם שטורעם שפאלט זיך אויף דיא שטומע ערד
דער זעלנער הייבט זיך אויף פון קבר מיט׳ן בלאַנקען שווערד.

ער שטעלט זיך אויף דער פעסטונג מיט א ווילדען מוטה,
און פון דער וואונד ביי איהם אין הערצען גיסט זיך בלוט,

עס פלייצט זיין ריינע בלוט, דיא וואונד איז הערץ אין גרויס,
און ער הייבט אויף זיין שארפען שווערד און דונערט אויס:
„שטעהט אויף איהר קריגס־חברים, צום געריכט ערוואכט!
זאָגט עדות, האָב איך טריי גענוג געקעמפפט אין שלאַכט?
זאָגט, בין איך ניט פיר רוסלאַנדס עהרע, רוסלאַנדס רייך,
געפאלען אויף דעם פלאַץ מיט אללע העלדען גלייך?"

און וויא זיין וואָרט פערקלינגט ערוואכען מיט א פלאַם
חילות פיעל, וויא זאַמד ביים ברעג פון שטילען ים,
דאָס גאַנצע קריעגער פאָלק שטעהט אויף צו זיין פערלאַנג,
פון נאָהנטען און פון ווייטען קומט דער שווערער גאַנג,
עס ווערט א טופעריי, עס ווערט אַ קלינגעריי,
אַ געהעריי, אַ דרעהעריי, אַ שפרינגעריי,
און יעדער זעלנער שרייענדיג הויבט אויף זיין האַנד
און שווערט: „דו ביסט געשטאָרבען עהרליך פיר דיין לאַנד"

און באלד ווערט וויעדער שטיל, קיין קאָך קיין טענות מעהר
פערשוואונדען ווערט דיא גאַנצע מחנה מיליטער;
נאָר אויף דעם פעסטונג שטעהט דער אידישער סאָלדאַט,
זיין יעדעס וואָרט איז דאָרט א גליהענדער גראַנאַט:
„אָ, רוסלאנד! האָסט מיך פון מיין ווייב און קינד געשיידט,
געשטאָרבען בין איך פיר דיין עהרע יונגערהייט,
פאַר וואָס פעריאָגסטו מיינע עלענדע אַצינד?
איך שיק אַ טיעפען, שווערען פלוך דיר דורך דעם ווינד!"

און קוים פערהילכט דעם שילטער'ס קללה פול מיט פיין,
טראָגט איהם דער שטורעם אין דער קאַלטער גרוב אריין

און נאַכט נאָך נאַכט, אַט ריכטיג צו דער זעלבער צייט,
ווערט דאָרט דיא זעלבע סצענע, פון דאָס ניי בענייט.
דעם זעלנערס טיעפע, שווערע קללות קלייבען זיך, א שרעק,
און מעהרען זיך, און מעהרען זיך, און טראָגען זיך אוועק
אויף פליעגלען פון דעם שטורעם מיט א ווילדע האַסט
אין גאַטשינע און שפּרייטען זיך דאָרט אוים אויף אַ פּאַלאַסט.

מיין שפּאַקטיוו.

דיא נאַטור האָט מיר געשאָנקען
גאָר אַ טהייערען שפּאַקטיוו,
אונגעשטערט אריינצובליקען
אין דיא מענשענהערצער טיעף.
מענשענהערצער, מענשענזעעלען
און מחשבות, פאַלש און קרום!
אינעווענינ פויל, פערדאָרבען,
אויסענווענינ גוט און פרום.

אידישע חטאים

דיינע ברכות זיינעז קללות.
אידעל, זיי דערפאר אין גלות.

עס קומען שוין ווידער די קלעגליכע וואָכען,
דיא וואָכען וואָס געהען אין טרעהרען אַוועק.
די ברוסט ווערט צוציטערט, דאס הערץ ווערט צובראָכען,
דער זינדיגער קערפער, ער פלאַטערט פאַר שרעק.
און טיעף אין א ווינקעלע זיפצט דיא נשמה ;
זיא קרעכצט אין פערבערגענים, וויינט אין דער שטיל.
עס שרעקט זיך דער איד פאר דיא זינד מן הסתמא,
פיר זיינע פערברעכענס, וואָס זיינען צו פיעל.

ער לאָזט זיך פאַנאַנדער אין קלעגליכע ליעדער,
דיא טרעהרען, זיי רינען, דיא שטימע, זיא קלינגט.
א גוואלטיגער אומעטה נעהמט דורך אללע גליעדער —
ער רופט און ער בעט און ער וויינט און ער זינגט,
און פלוצלונג דערהערט זיך א תרועה, אַ שברים,
דער פינסטערער שופר ברעכט דורך מיט אַ גוואַלט.
עס ציטערען מתים אין זייערע קברים
און טרויעריג כליפעט דער פייגעל אין וואלד.

נו, כליפּ', כליפּע פייגעלע, גיס דיינע טרעלען.
נעהם טיעפער און שטאַרקער, און הייסער דעם שמערץ!
דיין ליעד איז מיר זעהער און זעהער געפעהלען,
ער פּאסט אזוי גוט צו דאָס אידישע הערץ.
אָ, נעהם עס אַדורך מיט דיין טרויריגען זינגען,
ניט שפּאַר דיינע וועהען, צוקלינג עס, צוקלינג!
און זאָלען פאראיינס אללע סטרונעס צושפּרינגען
ביי מיר טיעף אין בוזים, זינג, פייגעלע, זינג!

עס זיינען גערעכט זיינע שכנים, דיא גוים,
דיא אידישע שונאים, זיי זיינען גערעכט.
יא, גרוים זיינען זעהער דעם אידענס חטאים:
אָ, איד, ביסט אַ זינדיגער, איד, דו ביסט שלעכט!
ביסט ווערט דו זאָלסט ווערען בערויבט און בעריסען,
דיין זינד האָט קיין גלייכען, דיין זינד האָט קיין שיעור:
א איד טאָר ניט זינגען, א איד טאָר ניט וויסען,
א דיכטער, א דיינקער, וויא קומט עס צו דיר?

א אידישער דאָקטאָר, א איד א פּראָפעסאר,
אַ איד אַ פאלקאָוניק, אַ יודע יוריסט!
פיר סאַשקען, פיר וואסקען, פיר זיי פּאסט עס בעסער!
שלימזל, וואו קריכסטו, פערגעסט וואָס דו ביסט?
גערעכט זיינען דיינע פערפאָלגער, די דריקער!
אויף זיי אַזאַ מזל — זיי וויסען, פערשטייי:
ווען דו ביסט קיין מערדער, קיין הולטיי, קיין שיכור.
אַ ניכטערער מוח—וויא קומסטו צו זיי?

אָט האָסטו דיר שבּת! ער זינגט גאָר אַ ליעדעל,
דאָס ווייבּ מיט דיא קינדער בּעגלייטען איהם שעהן, —
וואָס דיינקסטו זיך עפּעס, וואָס דיינקסטו זיך, אידעל,
אַזאַ מין סקאַנדאַל אין א לאַנד צו בּעגעהן?
פון דיינטוועגען מעג זיך גאָר האַליען און קריינקען
דער ווירט פון דיא קאָרטען, דער ווירט פון דעם קלובּ,
דו שפּילסט ניט, דו טרינקסט ניט, דו זיצט און קיין שיינקען.
געמיינער פערבּרעכער, דו זיטצט גאָר אין שטובּ!

און ווילסט נאָך, פאַרשיוּוער זשידאָווניק, זיך מעסטען,
צו וואַנקען, צו וואַסקען, זיך גלייכען צום קריסט?
און זוכסט נאָך אַ מונדיר, אַ טשין, און דעם גרעסטען?
„נאַ, וואָט טעבּיע ראַז!“ און פערשטעה ווער דו בּיסט!
„נאַ, וואָט“ — און זיי וויסען, וואָס הייסט עס זיין ניכטער,
זיך זינגען „מה יפית“, זיך זיטצען בּערוהט,
אום שבּת ארומגעהן מיט גאַנצע געזיכטער,
אַ האָר ניט צודראַפּעט, קיין סימן פון בּלוט!

בּעטראַכט נאָר סטעפּאַנען, אָ, זעהסט? דאָרט געהט סאַשקע!
ס'קוועלט פּראָסט דאָס האַרץ ווען מען קוקט נאָר אויף זיי:
דער פּנים צודראַפּעט, דער קאָפּ פול מיט משקה.
דיא ווייבּ צוקאַליעצעט, לויפט נאָך מיט געשריי,
דיא קינדער צושלאָגען, געלאָזען אין קרעצים,
אי בּאָרוועס, אי נאַקעט, צוציטערט פון קעלט;
דער טאַטע איז שיכור, האָטש נעהם און פערזעץ איהם,
פערשטעהסטו זאָג, איד, ווי מען לעבּט אויף דער וועלט?

ביי'ם קייזער שטעהט אויכעט סטעפאן א סך גרעסער,
בעליעבטער פיעל מעהר פון דעם בעסטען „יעוורעי",
דען וואס דיא סטעפאנעס בעטרינקען זיך בעסער,
איז אלעס געשמאקער צו רייטען אויף זיי.
וואס נוצט דער רעגיערונג א קאפ וואס איז ניכטער ?
אנ־אפענע אויג און א ריינעס געפיהל.
וואס זעהט דיא רציחות פון פריסט און פון ריכטער,
און זאגט נאך פון חדר אפט אוים אין דער שטיל ?

ישראליק, הויב אויף צום בעשעפער א טענה ;
ער זאל פון דיר אפטהאן דיא שרעקליכע „זינד".
ער זאל זיך בעהאלטען דיא גוטסקייטען זיינע,
און מאכען דערוויילע דיך שטום, טויב און בלינד —
און אויב ער האט ליעב דיך אזוי וויא פארצייטען
און רופט דיך נאך אלעס „מיין טהייערע טויב".
טו זאל ער אין דיר אויך אזוי וויא אין „לייטען"
אריינגעבען ליעבשאפט צו שיכרות און רויב.

און כל זמן דו בלייבסט דא נאך צווישען דיא אומות,
יא, איידער דו ווערסט פון דיין גלות בעפרייט
געה, ווער אויך א חבר צו זייערע טומאות,
און מערדער, און שיכור, און ווער אויך א „לייט".
וואס זאגסטו ? דו קענסט ניט, איך וויים עס, א, ברידער!
ער קען ניט, ער וועט ניט, עס ווערט מיר ניט גוט !
א, קוועלט פון מיין הערצען, איהר טרוי'ריגע ליעדער,
איהר אידישע ליעדער פון טרעהרען און בלוט.

דער יודענשטאאט

אָהער איד און מענש.

אָט האָט איהר אַ ליעדעל אין אידישע גראַמען :
עס בינדט אונז קיין זאַך אַלס אַ אומה צוזאַמען.
מיר האָבֿען קיין לאַנד און מיר האָבֿען קיין לשון,
דער זיטצט גאָר אין הודו און יענער אין בשן.
געה, דראָטע צונויף אַ צובֿראָכֿענעם שאַרבֿען !
נאָר מילא, „קיין אינגערע זאָלען ניט שטאַרבֿען“.
מיר האָבֿען דעם בֿורא גענוג שוין דאַקוטשעט
און כלומר׳שט אַלס אומה גענוג זיך געמוטשעט.
מען זעהט דאָך אַז אונזער נאַציאָן איז צוריבֿען,
דאָך זיינען מיר וועניגסטענס מענשען פערבֿליבֿען ?

יאָ, מענשען פערבֿליבֿען נאָך אַלע רדיפות.
איז פֿראָסטע סאָלדאַטען, איז ניט מיט קיין שליפֿעס . . . .
מיר זיינען אודאי אַראָפּ פֿון אַ גדולה,
נו, מילא, פֿאַרפֿאַלען, איז ניט קיין „עם סגולה“,
איז ניט קיין מלמדים אין וועלט׳ס גרויסען חדר . . .
מען דאַרף אונז ניט מעהרער, געענדיגט אַ סדר !
מען קען שוין דיא תורה, מען ווייס שוין דיא חריפות !
וואָס טויג דאָ דיא גרויסקייט און פֿראַוועץ נאָך תקיפות ?
מיר זיינען קיין פֿאָלק מעהר, עס מעג אונז פֿערדריסען,
דאָך זיינען מיר מענשען ? אָט דאָס וויל איך וויסען !

אָט דאָס וויל איך וויסען, דאָך לאָזט עס צופריעדען!
וואו זיינען מיר מענשען? וואו זיינען מיר אידען?
מיר זיינען נישט אונטען און זיינען נישט אויבען. —
רבונו של עולם! טאָ וויא זאָל איך גלויבען
דיא אומה זאָל ווידער נאָך ווערען געבאָרען
פון ברואים וואָס האָבען דעם „איך" שוין פערלאָרען,
וואָס ווילען מיט גוואַלד זיין צווישען דיא שונאים
און האָבען קיין חרפה כאָטש שפייט זיי אין פנים
וויא קען אַזאַ שטאָף, אַ צופווילטער, צוטרענטער,
אונז בויען אַ הייליגען, אידישען צענטער?

אַ אידישער צענטער, וויא קען עס געמעלט זיין?
וויא קען דאָרט אַ אָרדענונג, קען דאָרט אַ וועלט זיין?
הכשרים און פלאָמבעס און פעטע עליות,
רבנים וואָס טויגען זיך נאָר צו נקיות,
גבאות און פושקעס און פעטש פאַר אַ מפטיר,
און ציצית וואָס מעסטען זיך אוים אויפ'ן קלאַפטער,
און קללות און חרמות, און ווילדע איסורים,
און דעות פון פוחזים, ריקים און בורים, —
איך בעט אייך, וויא קען אַזאַ כתה לצנים
אונז בויען אַ וועלט וואָס זאָל האָבען אַ פנים?

אונז בויען אַ וועלט, אַ, ניט זייא וועלען בויען!
זייא ווילען דעם הייליגען צייט־גייסט ניט טרויען,
זייא וואַרטען משיח זאָל דורכרייטען זעזמער
און נעהמען דעם פאָלק, מערידאַלנע מיט כלי־זמר....
ניט זייא וועלען בויען, ניט זייא וועלען שמידען,

וואו זיינען זייא מענשען, וואו זיינען זייא אידען?
פאַר זייא איז אַנ־אָרט אַט אוואו נאָר זייא קומען,
אַבּי נאָר אַ מ נ י ן אַבּי אַ מ ז ו מ ן,
אַבּי נאָר אַנ־עירוב דיא דומהייט צו טראָגען,
אַבּי נאָר אַ שוהלכעל אוואו זיך צו שלאָגען.

אַבּי נאָר אַ שולכעל — ניט זייא וועלען צ י ו ן
דיא ליעבּע, דיא אַלטע ערוועקען צו בּליהען,
זייא דאַרפען ניט פריי זיין, געבּאָרענע שקלאַפען
פאַר זייא איז אַ שמוציגע גהעטטאָ בּעשאַפען,
אָ! לאָזט זייא פערזינקען און בּלייבּען פערפאַלען,
אויף זייא וועט דער מאָרגען שוין קיין מאָל ניט שטראַהלען,
אָן אייך אָבּער, בּריעדערלאך, יונגע און נ י י ע,
אָן אייך קען איך קניפּען פיעל האָפנונגען טרייע,
הערט אוים מיינע ווערטער! איך געה אייך יעצט בּענשען:
אויבּ דאָ אָדער דאָרטען,—זייט א י ד ע ן און מ ע נ ש ע ן!

קאטאלאג

פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק

פיליפ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שעהן געבונדען פרייז יעדער באַנד.......... 75 ס.

" " דיא געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, 3 טיילען אין איין באַנד, שעהן געבונדען.... 75 "

" " אַמעריקא פאַר קאָלומבוס, אַ קולטורגעשיכטליכע נאָכפאָרשונג, 169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, געבונדען.... 50 "

" " יציאת מצרים, מיט איין קאַרטע פון מצרים.......... 15 "

" " וואס הייסט נאציאן—זיינען אידען אַ נאַציאָן?...... 10 "

" " אריסטאטעל, זיין ביאגראפיע.................. 10 "

" " ברוך שפינאזא, זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע...... 15 "

" " שבתי צבי, זיין ביאָגראַפיע.................. 15 "

" " יאזעפוס פלאוויוס, זיין ביאָגראַפיע.............. 15 "

" " בר כוכבא, זיין ביאָגראָפיע.................. 15 "

" " לעסינג און מענדעלסאהן, זייער לעבען, שריפטען און טהעטעגקייט. 185 זייטען.................. 25 "

" " דיא פאמיליע ראטהשילד, זייער לעבען און פינאַנציעלע טהעטיגקייט, 61 זייטען.................. 15 "

" " דון יצחק אברבנאל און זיינע זיהן, 67 זייטען....... 15 "

" " מאָהאמעד, דער גרינדער פון מאָהאמעדאניזמוס, 65 זייטען.............................. 15 "

" " מעיערבעער, זיין ביאָגראַפיע.................. 15 "

מאָררים ראָזענפעלד, געזאמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד 337 זייטען, אילוסטרירט, שעהן געבונדען.. $1.00

" " חיינריך היינע, זיין ביאָגראַפיע, 85 זייטען... 15 ס.

" " יהודה הלוי, דער גרויסער העברעאישער דיכטער, 64 זייטען.................. 15 "

דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענד, 546 זייטען, פרייז יעדער באַנד 50 ״

" " זרבבל, ערצעהלונג.......................... 05 ״

דר. קאספע, מעכאַניקע, נאָך סיר אייזיק ניוטאָן............. 10 ״

" " אַסטראָנאָמיע ״ ״ ״................. 15 ״

" " אָנפאַנג פון כעמיע.......................... 15 ״

יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, 400 זייטען, שעהן געבונדען........ $1.00

י. גארדין, גאט, מענש און טייוועל, דראַמא אין 4 אַקטען........ 25 ס.

" " אלישע בן אבויה, היסטארישע דראַמא אין 4 אַקטען..... 15 ״

" " דער אונבעקאנטער, דראַמא אין 4 אַקטען מיט אַ פּראלאָג 20 ״

" " וואלטער, זיין ביאָגראַפיע.......................... 10 ״

מאקסים גארקי, ערצעהלונגען, 92 זייטען.................... 15 ״

ליעוו טאלסטאָי, פּאטריאטיזמוס און רעגירונג................ 05 ״

דער איינציגער מיטעל......................... 05 ״

מ. באראנאוו, דער מענש און זיין נאטור..................... 10 ״

ח. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאגראפיע................. 10 ״

ב. פייגענבוים, רמב״ם, זיין ביאגראפיע...................... 10 ״

פ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראפיע................. 10 ״

" דער ווילנער גאון, זיין ביאגראפיע................. 10 ״

מ. פרומקין, רב ישראל בעל שם טוב, זיין ביאגראפיע.......... 10 ״

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאהן, זיין ביאגראפיע........ 15 ״

לעאָפּ. קאמפף, פארן שטורם, דראמא און 3 אַקטען............ 20 ״

„קניאז פאטיאמקין״, דיא געשיכטע פון דעם בעריהמטען מאטראָזען

אויפשטאַנד, אילוסטרירט, 100 זייטען....... 20 ״

דר. ש. פעסקין, סטרייקס און זייער ביצליכקייט פיר דיא ארבייטער.. 05 ״

צו אַדרעסירען:

A. M. EVALENKO, PUBLISHER

22 N. WILLIAM ST., NEW YORK